STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00952

FROYEN IN DI GETOS

Permanent preservation of this book was made possible by
Paul J. Isaac
in honor of
Frederich I. Isaac

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿרויען אין די געטאָס

פרויען אין די געטאס

זאַמלבוך

רעדאַגירט פון

ל. שפּיזמאַן

אַרויסגעגעבן פון דער
פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע
ניו־יאָרק, 1946

WOMEN IN THE GHETTOS

Edited by L. SPIZMAN

Copyright 1946 by
Pioneer Women's Organization

Printed in U. S. A.

158

א י נ ה אַ ל ט

די אויפֿגאַבע V
רחל כּצנלסון — הקדמה VII
ברכה חבס — די ייִדישע טאָכטער אין טעג פֿון נסיון XV
בערל קאַצענעלסאָן — זייערע געשטאַלטן פֿאַר אונדזערע אויגן 1

אין די געטאָס און אונטערערד

חנה געלבאַרט — אין וואַרשעווער געטאָ 3
חיה קלינגער — מיידלעך אין די געטאָס 17
חיה קלינגער — די חלוצים אין קאַמף 23
רוזשקע — מענטשן און טאַטן 28
אַ קאַפּיטל תּהילים (ליד) 34
רעניע ק. — אויף אונטערערדישע וואַנדערונגען 36
ליד פֿון אַ קינד אין וואַרשעווער געטאָ 70

פּאַרטיזאַנען אין קאַמף

דן פּינעס — ייִדישע פּאַרטיזאַנקעס קעמפֿן 71
רוזשקע — אין די געטאָס און אין די וועלדער 74
רוזשקע — דאָס נקמה־נעמנדיקע געווער 81
פּאַרטיזאַנען־ליד פֿון דער ווילנער געטאָ 86

ג ע ש ט אַ ל ט ן

צוויי שוועסטער: פֿרומקע און חנהטשע פּלאָטניצקי 87
אליעזר — אין דער באַוועגונג; זרובבל — באַגעגעניש און אָפּשייד;
יודקע — קאַטאַסטראָפֿע; רעניע ק. — די לעצטע טעג
פֿון די בריוו פֿון פֿרומקע פּלאָטניצקי 107
רוזשקע — פֿרויען אין דער ווילנער געטאָ 113
אָ. סוצקעווער — די לערערין מירע (ליד) 127
איטקע — לאה פּערלשטיין 129
לאה קאָזשיבראָדסקא 132
רבקה גלאַנץ 139
טאָשע אַלטמאַן 141

פֿון די בריוו פֿון טאָשע אַלטמאַן 142
פּ. שטיינוואַקס — רחל שטיין 145
פֿעניע בעדראַ — וויצאַ חברות אין טשעכאָסלאָוואַקיע 147
יעקב קענער — פּאַליע עלסטער 148
פֿון די בריוו פֿון צביה לובעטקין 150
צוויי בריוו 156

פּאָרטרעטן

מרים אייזנשטאַט, אסתּר אַלטענבערג, פֿראַניע באַטוס, דבורה באַראָן, צפּורה גוט־שטאַט, שושנה גזשענדאַ, שרה גראַנאַטשטיין, שיינדל העכטקאָפּ, דינה לעווין, רבקה מאָשקאָוויטש, רעניע פֿודען, רבקה פּאַסמאַניק, לאה פֿיש, נעכע צוקער, לאה קאָרען, רחל בירנבוים, רישיע, יהודית רינגעלבלום, שיינדל שוואַרץ, טעמע שניידערמאַן 160

פּאַראַשוטיסטן

חנה סענעש 1921—1944 170
שלמה גראָדזענסקי — כל ימי התפללתי; יואל — אירע לעצטע טעג

צו די ברעגן פֿון הײמלאַנד

חיה גראָסמאַן — פֿאַר אונדז האָט זיך די מלחמה ניט געענדיקט 180
יוסף באַראַץ — קבוצת פֿרומקה 182

די אויפֿגאַבע

דער זאַמלבוך „פֿרויען אין די געטאָס“ האָט די אויפֿגאַבע צו באַקענען דעם יידישן לייענער אין אַמעריקע און באַזונדערס די מיטגלידער פֿון אונדזער באַוועגונג מיטן העראָאישן קאַפּיטל פֿון גבורה און קדוש השם פֿון דער יידישער פֿרוי בעת די קאַמפֿן און די אויפֿשטאַנדן אין די פּוילישע געטאָס, מיט דעם גרעאַנגל פֿון די פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער מיט דער נאַצישער איבערמאַכט און אַרויספֿירן פֿאַרן יידישן לייענער די ליכטיקע געשטאַלטן פֿון די חלוצישע מיידלעך אין די געטאָס, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ פֿירנדע ראָל אין ווידערשטאַנד פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג קעגן די נאַציס אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער.

פֿיל פֿרויען פֿון אַלע פּאַרטייען און גרופּירונגען לייכטן פֿאַר אונדז אַרויס פֿון דער עפּאָפּיי פֿון יידישע ליידן און גבורה אין די יאָרן פֿון איצטיקן קריג. געגוג איז נאָר צו דערמאָנען די טראַגיש־דערהויבענע קדוש־השם־געשיכטע פֿון די 93 פֿרומע מיידלעך פֿון „בית־יעקב“ אין קראָקע, וואָס זיינען באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, כדי ניט אַריינצופֿאַלן אין די הענט פֿון זייערע שענדער. אין וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד, ווי בעת דעם קאַמף אין אַנדערע שטעט, האָבן אַרויסגעוויזן די זעלבע נשמה־גאַנצקייט, כאַראַקטער־פֿעסטקייט און אומדערשראָקענעם מוט פֿרויען פֿון אַלע קלאַסן און שיכטן אין פֿאָלק פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטייען, און באַזונדערס פֿרויען, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין די רייען פֿון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען און אין דער חלוצישער באַוועגונג.

מיר האָבן זיך דאָ געשטעלט די באַשיידענע אויפֿגאַבע צו שילדערן די געשטאַלטן פֿון אַ צאָל פֿרויען פֿון דער חלוצישער און ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז דאָס שעפּט ווייט ניט אויס די פֿיל ברייטערע טעמע וועגן פֿולן אָנטייל פֿון דער יידישער פֿרוי אין דער רעטונגס־ און ווידערשטאַנדס־באַוועגונג קעגן די נאַציס אין פּוילן און אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער — אַ טעמע וואָס וואַרט אויף זיין צוקונפֿטיקן היסטאָריקער.

די אַרבעטן וואָס גייען אַריין אין זאַמלבוך זיינען בעיקר איבערזעצונגען פֿון העברעאיש, פֿאַרעפֿנטלעכט אין בוך־פֿאָרם און צעשפּרייט אין פֿאַרשידענע אויסגאַבן פֿון דער הסתדרות, מועצת הפּועלות, קבוץ המאוחד, קבוץ ארצי, א. אַ. קערפּערשאַפֿטן. די אָנגעגעבענע פֿאַקטן זיינען באַזירט אויף שילדערונגען פֿון מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון די געטאָס און זיך דורכגעריסן קיין ארץ ישראל אין די יאָרן פֿון קריג.

ניו־יאָרק, אַפּריל 1946.

פּיאָנערן פֿרויען אָרגאַניזאַציע

רחל כצנלסון

הקדמה

די העלדישקייט פון דער פרוי, אַלס אַ זעלישע אייגנשאַפט, האָט איר אורשפּרונג, ווי די העלדישקייט פון יעדן יחיד — אין כאַראַקטער, דער־ציאונג און לעבנסשטייגער פון אַ פאָלק; אָבער דער הערואָיזם פון דער פרוי שעפּט זיין יניקה פון נאָך אַ קוואַל — פון דער מסירת־נפש פון דער מוטערשאַפט. די דאָזיקע פרויען־העלדישקייט קומט געוויינלעך צום אויס־דרוק אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער פאַמיליע, אין דער דערציאונג און זאָרג פאַרן קינד, אין דער גרייטקייט פון יעדער געוואָגטער און שווערער טאָט פאַרן קינד. אָבער עס זיינען דאָ תקופות אין לעבן פון כלל און פון יחיד, ווען דער דאָזיקער קוואַל פון מוטערלעכער מסירת־נפש, מוט און גרייטקייט זיך אויפצואָפּפערן שפּרודלט הויך אין קאַמף פאַר דער אידעע, פאָלק, געזעלשאַפט. און אויך דאַן, ווען דער דאָזיקער אויסדרוק פון גבורה איז בשותּפותדיק פאַרן מאַן און פאַר דער פרוי און ביידע שטייען אין שלאַכט איינער נעבן צווייטן, אויך דאַן קענסטו געפינען אין דער גבורה פון דער פרוי דעם אייביקן חותם פון דער מוטער.

ווען איינע פון אונדזערע שרייבערינס, ווען ס'איז אויסגעקומען אין די לעצטע יאָרן זיך צו באַגעגענען מיט די פּליטים פון יידישן אומגליק, האָט געוואָלט אונטערפירן אַ סך־הכל וואָס איז געווען די באַ־זונדערע אויפגאַבע, וואָס יידישע פרויען האָבן דערפילט צווישן די מיליאָ־נען פאַרפאָלגטע, פאַרפייניקטע, פאַרניכטעטע — האָט זי אָנגעהויבן פון שילדערן די מיט גבורה־דורכגעגליטע זאָרג און אויפאָפּפערונג פון קליינעם מיידל, וואָס האָט פאַרלוירן אירע עלטערן, פאַר איר קלענערער שוועסטערל. דאָס דאָזיקע מיידל איז געוואָרן פאַר איר אַ מוטער.

די העלדישקייט, די פעאיקייט פון אַ מענטש צו פאַרטיידיקן דאָס, וואָס איז אים הייליק און טייער, און מעג דער פּרייז דערפאַר זיין ווי הויך — דער דאָזיקער הערואָיזם האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו זיין דער דערהאָבענער אידעאַל אויך פאַר די דורות, וואָס האָבן געלעבט אַ גלות־לעבן, ווייל אַנדערש וואָלטן זיי נישט געקענט עקזיסטירן. דער העכסטער אויסדרוק פון הערואָיזם פון דער יידישער מיידל־פרוי אין

משך פֿון צוויי טויזנט יאָר פֿון רדיפֿות, גזירות, גירושים און פּאָגראָמען, איז געווען זעלבסטמאָרד. ווען דער שונא האָט באַדראָט זייער ריינקייט, זייער פֿרייהייט, זייער געוויסן — איז זייער ענטפֿער געווען: זעלבסטמאָרד. דאָס אויסקלייבן פֿון דער ייִדישער פֿרוי דעם דאָזיקן טויט איז געווען אַן אומצערייסבאַרער טייל פֿון עפּאָס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פֿאַר אונדזער פֿאָלק, דער עפּאָס פֿון קידוש־השם. דער עפּאָס באַגלייט די געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק אין אַלע לענדער און צייטן — פֿון די טעג פֿון חורבן בית־המקדש, ביז די גלותן פֿון אייראָפּע, און ביזן יאָר 1939 אין פּוילן אונטער די נאַציס, ווען אַנשטאָט צו גיין צו אַ לעבן פֿון שאַנד, וואָס ס׳האָט פֿאַר זיי באַשטימט דער פֿיינט, האָבן זיי אויסגעווילט — גיפֿט. און ס׳האָט געטראָפֿן, אַז די פֿרוי וואָס איז מותּר אויף איר לעבן אויף ווען עס לויערט די טומאה, איז נאָך ווייטער געגאַנגען: זי האָט דערמאָרדעט ניט נאָר זיך, נאָר אויך אירע קינדער, כּדי זיי זאָלן נישט אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון שונא, וואָס וועט זיי מטמא זיין אַפֿילו דאַן ווען ער וועט זיי לאָזן לעבן.

דאָס איז געווען אַ מעכטיקער אויסדרוק פֿון דער פֿאַרטיידיקונג פֿון מענטש, פֿון זיין לעבן, פֿון זיינע הייליקטימער און דורכדעם פֿון קיום פֿון זיין פֿאָלק און פֿון זין פֿון זיין קיום. די דאָזיקע פֿאַרטיידיגונג איז געוואָרן איבעריק אין לענדער פֿון אַסימילאַציע, אין ערטער וואו ס׳האָט געבליט די אילוזאָרישע גלייכהייט. דאָרט האָט אויפֿגעהערט די דערהויבענע ייִדישע טראַגעדיע, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער חוזקדיק־דערשרעקנדער קאַמופֿלאַזש אין די באַציאונגען צווישן די פֿעלקער און ישׂראל. נאָר צווישן די מיליאָנען ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן אָפּגעהיט דעם ווילן פֿון פֿאָלקס־קיום, די לעבנס־ווערטן אויף וואָס מען טאָר ניט מותּר זיין, און וואָס זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָפֿענער און ברוטאַלער שנאה — נאָר דאָרט זיינען געווען באַהאַלטן די כּוחות פֿון פֿאָלקס־העראָאיזם: דער לעבעדיקער נאַציאָנאַלער געפֿיל האָט געשפּייזט אָט די כּוחות; זיי האָבן געזויגן זייערע זאַפֿטן פֿון שטאָלצן זעלבסטבאַוואוסטזיין; די זעלבסטשטענדיקע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט אין די שטעט און שטעטלעך פֿון ליטע, פּוילן און אוקראַיִנע, האָט געגעבן דער דאָזיקער גבורה מוט און אינהאַלט. דער העראָאיזם פֿון דער פֿרוי — דערצויגן אין גייסט פֿון ציוניזם און פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג — האָט שוין נישט געפֿונען מער זיין אויסדרוק אין זעלבסטמאָרד. אין די שטעטלעך פֿון פּוילן, ליטע און אוקראַיִנע האָט זיך אָנגעהויבן וועקן דער אידעאַל פֿון אַקטיוון העראָאיזם, פֿון גיין אַנטקעגן דעם פֿיינט, און הייליק איז געוואָרן דער באַנוץ פֿון הילפֿסמיטלען אין

קאַמף — מיט געווער קעגן געווער פֿון פּאָגראָמשטשיק, פֿון אונטערדריקער, פֿון פֿאַרברעכערישן הערשער. עס איז אויפֿגעשטאַנען הירש לעקערט, עס האָבן זיך באַוויזן די פּאַרטיידיקער פֿון דער זעלבסטשוץ, און צווישן זיי מיידלעך, חברות אין „בונד״ און אין פּועלי ציון און אין אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען. עס האָט זיך באַוויזן די אונטערערד, וואָס שטעלט אין געפֿאַר דאָס לעבן פֿון די קעמפֿער, אָבער פֿאַרהאַרטעוועט און שטאָלט זייער מוט. גאָר אַן אַנדער סאָרט אונטערערד ווי די קעלערס וואו ס'האָבן אָפּגעהיט זייערע תּפֿילות די אַנוסים־מאַראַנען, אָבער נאָענט צו די דאָזיקע קעלערס אין איר מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן יסוד.

אָבער די שפּאַנונג, דער מוט, די גרייטקייט צו פּאַרטיידיקן דאָס טייער־סטע מיט געווער אין האַנט זיינען דאָך געווען דאָס גייסטיקע פֿאַרמעגן פֿון נאָר קליינע צאָלן מענטשן אין גלות. און הגם עס האָבן שוין עק־זיסטירט די ערשטע גרופּן פֿון איבונגען און דערציאונג צו זעלבסט־שוץ, האָבן זיי עקזיסטירט נאָר אין באַשטימטע קרייזן און אויך דאָרט אָן אַ פֿעסטן יסוד, אָן אַ פּלאַן. עס האָבן געשטערט די אילוזיעס וועגן אַ נאָענטער און גוטער צוקונפֿט פֿאַר די יידן, ס'האָט געשטערט די גע־וואוינהייט פֿון לעבן דורות־לאַנג אָן אַקטיוון זעלבסטשוץ. דאָך איז אין דער אונטערגרונט אויסגעשמידט געוואָרן יענער טיף פֿון יידישער גבורה, וועמענס טרעגער עס זיינען די קעמפֿער אין דער זעלבסטשוץ.

* * *

ערשט דאַן, ווען די פֿיס פֿון יידישן מענטש האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אויף באָדן, ווען ס'איז געשאַפֿן געוואָרן די דאָזיקע אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג צווישן מענטש און זיין ערד, פֿון וועלכער קיין כּוח אין דער וועלט קען אים מער ניט אָפּרייסן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויפֿבוי־אַרבעט, וואָס האָט ניט קיין קיום אָן דעם פֿאַרבאַדינג פֿון האָבן בויער־באַשי־צער — ערשט דאַן איז דער נייער טיפּ יידישע גבורה געוואָרן דער קנין פֿון גרויסע מאַסן. די אַרבעטער־פֿרויען־באַוועגונג אין א״י, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך די ענדערונג וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער יידי־שער טאָכטער, באַטראַכט פֿון אירע ערשטע טריט אָן די גרייטקייט צו אַ לעבן פֿון שאַפֿונג און דעראָבערונג פֿון מדבר, די גרייטקייט זיך צו באַנוצן מיט געווער פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון לעבן, פֿאַרמעגן, כּבוד און דעם אויפֿבוי־ווערק — אַלס די דערהאַבענע אייגנשאַפֿט פֿון דער פֿרוי.

די דיכטערין רחל, די דאָזיקע לירישע, טיף־בליקנדע נשמה, וואָס זעט אין דער ערד און אין דער ערד־אַרבעט דעם הויך־פּונקט פֿון לעבן דורך שעפֿן פֿון אירע קוואַלן, פֿול מיט פֿרייד און ענטוזיאַזם, שילדערט אַזוי

די געשטאַלט פֿון דער אַרבעטער־פֿרוי: „שטאַנדהאַפֿטיקייט, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אין אירע אויגן דאָס פֿייער פֿון גבורה״, און די דאָזיקע שילדערונג האָט געמאַכט אויפֿציטערן הערצער.

די פֿרוי פֿון „השומר״־חבר, וואָס האָט געוואַנדערט צוזאַמען מיטן מאַן און אירע קינדער פֿון אָרט צו אָרט, איבער וועמען ס׳האָט שטענדיק געשוועבט די געפֿאַר צו פֿאַרלירן אים, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט צו דערפֿילן צוזאַמען מיטן מאַן זיינע פֿליכטן, וואָס האָט שטענדיק אויסגעשטראַלט מיט פֿרייד פֿון לעבן און זיכערקייט; די ערשטע קאָלאָניסטינס פֿון פּתח־תקוה, חדרה, מתולה, וואָס האָבן דערצויגן קינדער און אויפֿגעבויט זייערווירטשאַפֿט אין אַ וויסטעניש; די פֿרויען און מיידלעך וואָס זיינען געגאַנגען מיט זייערע חברים דעראָבערן יעדן נייעם פּונקט, אָנהויבנדיק פֿון די ערשטע קאָלאָניעס ביז דגניה און דעם עמק, דעם גליל און די חולה, ביז די „ישובים פֿון טורעם און מויער״ און די וואַך־פּונקטן אין נגב; די שטאָטישע מיידלעך וואָס האָבן געוואָגט צו ווערן לאַנדווירטינס און מאַכן פֿון גרינס־גאָרטן און הינער־שטייג, פֿון בינשטאָק און דער מאָלקעריי אַ פּרנסה־קוואַל פֿאַר דער יידישער משפּחה; די באַרעמהערציקע שוועסטער וואָס זיינען געגאַנגען אַרבעטן אין די פֿלעצער, וואָס זיינען געווען די געפֿערלעכסטע פֿאַרן געזונט און לעבן פֿון מענטש; די קעמפֿערינס פֿאַר דער דעראָבערונג פֿון יידישער אַרבעט און פֿאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען פֿון דער פֿרוי — זיי אַלע זיינען געווען ניט נאָר מענטשן פֿון אַן אידעע, נאָר אויך מענטשן פֿון אַ באַשטימטן כאַראַקטער, וואָס גבורה איז געווען פֿון זיינע הויפּט־סמנים.

די יאָרן פֿון די געשעענישן אין 1936־1939, ווען דער ישוב איז רייף געוואָרן און ס׳איז געוואָרן געשטאַרקט דער באַוואוסטזיין פֿון זיין כּוח און ס׳האָבן זיך אַנטוויקלט זיינע חושים — די חושים פֿון אַ קיבוץ, וואָס איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיין לעבן און זיכערקייט — די דאָזיקע יאָרן האָבן אויך געעפֿנט אַ נייעם שטעג פֿאַר דער העלדישקייט פֿון דער פֿרוי אין ישוב. די פֿרוי מאָנט דאָן און זי באַקומט איר פּלאַץ אַלס אַ שטאַמבירגער אין דער הגנה.

שטאַפּל נאָך שטאַפּל ווערט דורך איר דעראָבערט די טאַט און אין דער אידעאָלאָגיע פֿון דער אַרבעטער־פֿרויען־באַוועגונג ווערט אַלץ שטאַרקער דער דרך־ארץ פֿאַר דער קעמפֿערין־פֿרוי. „דבר הפּועלת״, דער אָרגאַן פֿון דער אַרבעטער־פֿרויען באַוועגונג אין ארץ ישראל, שפּיגלט אָפּ אַלע די אַנטפּלעקונגען פֿון פֿרויען־גבורה, איר זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע גרייטקייט פֿאַר יעדן נסיון. די צייטונג היט אָפּ די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען און זאַמלט זיי צונויף ווי די פֿונקען פֿון אַ טייער ליכט. ווייל דער „אין ברירה״ — דער

קאַטעגאָרישער געבאָט פֿון לעבן אין לאַנד, לערנט אויפֿצוהויבן און צו פֿאַרהערלעכן גבורה.

„אונדזערע עלטערן האָבן געוואוסט דורך אַלע דורות צו שטאַרבן אויף קידוש־השם, און מיר ווילן וויסן צו לעבן, פֿאַרטיידיקן זיך און קעמפֿן פֿאַר דער הייליקייט פֿון אונדזער לאַנד. מיר זיינען אויף דער וואָך: דער פֿאָטער און זיין זון, די מוטער און איר טאָכטער" — שרייבט אַ פֿרוי אין צווייטן יאָר פֿון די געשעענישן, אין 1937, — אַ מוטער פֿון צוויי קינדער. אַ קאָלאָניסטין אין עמק שרייבט נאָך אַ וואָך־נאַכט: „איך האָב געוואוסט — דאָס זיינען די טיפֿע איבערלעבונגען, וואָס באַגלייטן די באַפֿרייאונג פֿון די קייטן פֿון דורותדיקער שאַנד". „איך וועל זיך מער ניט באַהאַלטן" — שווערט זיך אַ דריטע, שילדערנדיק זיך אין אַן אוקראַיניש שטעטל אין די טעג פֿון פּאָגראָמען. און ווי אַ חשובער מאָטיוו, וואָס טרייבט צו טאָטן, דערשיינט אויך די באַפֿרידיגונג פֿון דער באַציאונג פֿון כּבוד פֿון די קינדער צו דער מוטער וואָס שטייט אין קאַמף און וויל זיך פֿאַרזיכערן, אַז די טאָכטער זאָל גיין אין וועג פֿון דער מוטער.

די גזירה פֿון „ווייסן פּאַפּיר", וואָס דער ישוב האָט איר אויפֿגענומען ווי אַ קריגס־דערקלערונג — איז געווען אַ קרעפֿטיקער מיטל פֿון דערציען צום קאַמף און פֿאַרטיידיקונג די ברייטסטע שיכטן פֿון ישוב. אויך טויזנטער פֿרויען פֿון די מזרח־עדות, וועמען די גזירה האָט אַרויסגעצויגן פֿון זייערע הייזער צו גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, האָבן גוט געוואוסט פֿאַר וואָס זיי זיינען גרייט צו קעמפֿן. די אַטמאָספֿערע אין ישוב איז געווען ווי די אַטמאָספֿערע אין יעדן לאַנד, וואָס מען גרייפֿט אָן זיין פֿרידן, ענטוויקלונג און לעבן — נאָך איידער ס'איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלט־קריג. גלייך נאָכן קריגס־אויסברוך, ווען די יידישע אַגענטור האָט פּראָקלאַמירט אַ רעגיסטראַציע פֿון מענטשן וואָס זאָלן וואָלונטירן אויסצופֿירן אַלץ וואָס מען וועט זיי באַפֿעלן, האָבן געענטפֿערט אויף דעם רוף צענער טויזנטער פֿרויען, אויך פֿרויען אין די מיטעלע יאָרן, אויך מוטערס פֿון קינדער.

און די ארץ־ישראלדיקע ווירקלעכקייט פֿון די מלחמה־יאָרן האָט אָנגעבאָטן צענדליקער שטעגן פֿאַרן דאָזיקן ווילן פֿון אַרבעט, פֿון אויפֿאָפּפֿערונג, פֿון איינשטעלן דאָס לעבן אין געפֿאַר. ניט ווערנדיק אויפֿגעפֿאָדערט פֿון דער רעגירונג, מיטן כּוח פֿון פֿליכטס־באַוואוסטזיין און מיט דער פֿרייד פֿון דערפֿילונג, זיינען די יידישע פֿרויען אין לאַנד אַריין אין קרייז פֿון קריגס־אָנשטרענגונג, אָבער זיין אמתער ענטשיידענער מאָטיוו זיינען געווען די באַדערפֿעניש פֿון יידישן פֿאָלק.

די פֿרויען און די מוטערס פֿון צענער טויזנטער וואָס וואָלונטירן אין דער אַרמיי, זייער אָרגאַניזאַציע און צוזאַמענשלוס; די שטאַרק פֿאַראַנטוואָרט־

לעכע אַרבעט און דערפֿאָלג פֿון יידישע סאָלדאַטקעס אין שפּיטעלער, אין שאַפֿעריי, אין געווער־מאַגאַזינען, אין דער פֿעאיקייט פֿון זייער איבער־ווענדער מערהייט צו שווערן טריהייט צו אַ יידישן לעבנס־שטייגער און צום לעבנס־פּולס פֿון לאַנד טראָץ דער מיליטערישער סביבה: די וואָ־לונטירונג פֿון הונדערטער יונגע מיידלעך צו אינערלעכן זיכערהייטס־דינסט אין שווערע העכסט־געשפּאַנטע באַדינגונגען; די חברות פֿון רמת־הכובש און חולדה, וועמעס טאַטן אין קאַמף פֿאַרן רעכט אויף הגנה, וועלן ווערן אָפּגעהיט ווי איינע פֿון די טייערסטע דאָקומענטן פֿון אונדזער צייט; די פֿרויען פֿון די דערפֿער, וואָס האָבן נאָך דער וואָלונטירונג פֿון זייערע זין און טעכטער, מענער און חברים, גענומען אויף זייערע פּלייצעס דעם פֿילפֿאַך־שווערן עול פֿון אָנפֿירן מיטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן משק, און זיי האָבן אים אָפּגעהיט לטובת דעם באַלאַגערטן ישוב, וועמען דער משק האָט באַשפּייזט און לטובת די יעניקע, וואָס גרייטן זיך צו קומען אין לאַנד, — די אַלע זיינען די טרעגערינס פֿון ארץ־ישראלדיקער, יידישער פֿרויען־גבורה.

*

פֿון ליכט פֿון חלוציזם, פֿון דער טריהייט און גבורה, וואָס איז אָנ־געצונדן געוואָרן אין הארץ פֿון די בעסטע זין און טעכטער פֿון יידישן ישוב, זינט דער ישוב האָט זיך פֿאַרבונדן אין אָן איביקן בונד מיטן באָדן — פֿון דאָזיקן ליכט איז געשפּייזט געוואָרן און אונטער זיין השפּעה איז אויסגעוואָקסן די חלוצישע באַוועגונג. די יידישע יוגנט אין פּוילן, ליטע, גאַליציע און אין די באַלקאַנען־לענדער, איז געווען די ערשטע זיך צו באַהעפֿטן מיטן דאָזיקן ליכט און נאָך איר — די יידישע יוגנט אין דייטשלאַנד, איטאַליע און אַנדערע לענדער.

שליחים און שליחות פֿון ארץ ישראל האָבן דערצויגן די חלוצישע יוגנט און איר געלערנט צו לעבן אַ טאָפּלט לעבן — אין דער פֿרעמד און אין פֿאָטערלאַנד. די יסודותדיקע ווערטן פֿון ארץ ישראלדיקן חלוציזם: פֿיזישע אַרבעט, אַ לעבן פֿון קאָלעקטיוויזם און קעגנזייטיקע הילף, דאָס קלאַמערן זיך אין דער העברעאישער שפּראַך און קולטור און די טריהייט צו הגנה, זיינען אויך פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן אין גלות. און אַז ס'איז געקומען די שעה פֿון מוראדיקן נסיון, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע פֿאַרשידענע שטרעמונגען אין דער ציוניסטישער עפֿנטלעכקייט, וואָס האָבן דערצויגן אין ליכט פֿון די דאָזיקע געבאָטן, האָבן פֿאַרזייט אַ רייכן שניט. אַלע צו־זאַמען האָבן געשאַפֿן די געשטאַלט פֿון יידישן מענטש, וואָס היט אָפּ אונטער אַלע באַדינגונגען די קלאָרקייט פֿון זיין געדאַנק, זיין קאַמפּס־קראַפֿט און דעם כבוד פֿון יידישן מענטש און פֿון זיין לעבן. אָבער צווישן די מיליאָנען

יידן פֿון פּוילן און ליטע, גאַליציע און לעטלאַנד, האָלאַנד און פֿראַנקרייך, רומעניע און בעלגיע, זיינען זיי נאָר געווען אַ מינדערהייט. צי צוליב דעם וואָס דער נייער יידישער מענטש איז געווען באַשאַנקען מיט דער קראַפֿט פֿון פֿאַרטיידיקונג, האָט ער דערפֿאַר געקענט קוקן גלייך אין די אויגן פֿון דער נאַקעטערווירקלעכקייט, אָדער ווייל ער איז געווען מסוגל צו זען די ווירקלעכקייט, דערפֿאַר האָט ער זיך באַוויזן צו פֿאַרטיידיקן? ווי ס'זאָל נישט זיין, זיינען די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן געקומען געאָרעמט. און מיר זעען פֿון איין זייט בלינדקייט, גלויבן אין נסים און מאַנגל פֿון פֿעאיקייט פֿון אָרגאַניזאַציע און פֿאַרטיידיקונג, און פֿון דער צווייטער זייט — דאָס שאַרפֿע דורכשפּיזן די פּלענער פֿון פֿיינט און דער שטאַרקער ווילן זיך מיט אים צו פֿאַרמעסטן.

זינט ס'האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס אומגליק פֿון דער אָקופּאַציע־פּוילן, איז אַרויסגעשוואומען דאָס געשטאַלט פֿון דער יידישער חלוצה — די שוועסטער פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטאָרין. די מיידלעך אין החלוץ און אין די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען, פֿאַרנעמען זיך מיט די יידן פֿון דער געטאָ, דערציען זייערע קליינע קינדער, און ראַטעווען זיי דורך אַלע וועגן, בויען נייע קיבוצים אויפֿן אָרט פֿון די צושטערטע, גנבענען גרענעצן און פֿאַרבינדן לאַנד מיט לאַנד. און צווישן זיי אויך מיידלעך, וואָס טראָגן די אחריות פֿאַרן גאַנצן קיבוץ, שטעלן איין פֿאַרבינדונגען מיט דער באַוועגונג און מיטן יידנטום אין דער וועלט און רופֿן צום געוויסן פֿון דער באַוועגונג און פֿון דער וועלט פֿון די טיפֿענישן פֿון פֿאַרשפּאַרטן טורמע־גרוב, וואו ס'האָט געלעבט דאָס יידישע פֿאָלק. די נעמען פֿון צביה, פֿון פֿרומקען אין גלות־פּוילן, האָבן זיך דורכגעריסן קיין ארץ־ישראל די ערשטע, און מיטן אָנקומען פֿון דער גאַנצער גרופּע געראַטעוועטע, און מיטן אַריבערקומען פֿון יעדער פֿון די מיידלעך, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַ נס, איז צוגעקומען אַ נייער בלאַט צו די דערציילונגען איבערן וואונדער פֿון דער מיידל — דער חלוצה, דער רעטערין, דער קעמפֿערין, דער פּאַרטיזאַנקע.

די דערציילונגען פֿון רעניע, דאָס בוך איבער די שוועסטער חנהטשע און פֿרומקע, די האָרץ־אויסגוסן פֿון די מיידלעך, וואָס זיינען דערשינען אין „דבר הפועלת" און אין דער ארץ־ישראלדיקער פּרעסע, זיינען נאָר אַן אָנהויב. די דאָזיקע דאָקומענטן וועלן נאָך געשריבן ווערן, און נאָר די וואָס זיינען געבענטשט מיט געדאַנק און ליבע, מיט צאַרן און פּאָעזיע, נאָר זיי וועלן וויסן ווי צו ליייענען די דאָזיקע מאַטעריאַלן.

די באַגעגעניש מיט די גלות־יידן פֿאַר ראַטעווען זיי — איז דער לעבנס־פּולס פֿון דער יידישער וואָלונטירונג, פֿון שטעלן זיך פֿון סאָלדאַט און סאָלדאַטקע אין דער אַרמיי, צוזאַמען מיט דער באַדערפֿעניש צו קעמפֿן

מיטן פֿיינט פֿון פֿאָלק און נעמען אָן אַנטייל אין דער ענטשיידונג און נקמה. ביז ס'זיינען געקומען די בחורים פֿון ישראל אין ארץ־ישׂראל, וואָס האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיט די פֿאַמעלעכדיקע שריט פֿון די זעלנער און זיי האָבן די ערשטע אָוועקגעאיילט שנעל דירעקט אין גלות אַריין פֿאַר רעטונג און קאַמף. און צווישן זיי האָבן זיך געפֿונען דריי מיידלעך פּאַ־ראַשוטיסטקעס.

אין דער רגע ווען עס ווערן געשריבן די דאָזיקע שורות, טרויערן מיר אויפֿן טויט פֿון אַנצאַ סירעני, און די טעג וועט ווערן אַ יאָר נאָך דער דערמאָרדונג פֿון חנה סענעש, דער יונגער פּאַראַשוטיסטין. ווי גרויס איז די ענלעכקייט צווישן חלוץ פֿון איטאַליע און דער חלוצה פֿון אונגאַרן, צווישן דער אַרבעטאָרין פֿון דער קבוצת קסריה און דעם בויער פֿון גבעת־ברענער, צווישן דער 23 יאָריקער דיכטערין און דעם פּאַראַשוטיסט, דעם טאַטן פֿון קינדער, וואָס האָט אויך געטרוימט דעם חלום פֿון קינסטלערישער שאַפֿונג. ווי גרויס איז די ענלעכקייט צווישן זיי, רייכע אין קולטור, שפּרודל־לענדיק מיט לעבנספֿרייד, מענטשן אָן געפֿיל פֿון פּחד, וואָס דערוועקן אויך דרך־ארץ מצד זייערע פֿייניקער.

„אין פֿאַרבאַנד פֿון געוואַגטקייט, האָבן מיר געהייליקט דאָס לעבן פֿון מענטש — אַ ברודער און שוועסטער (רחל).״

ברכה חבס

די יידישע טאָכטער אין טעג פֿון נסיון

יעדער אָפּקלאַנג, וואָס דערגרייכט אונדז פֿון דער ברייטער וועלט, וואָס איז אַרומגעכאַפּט מיטן פֿייער פֿון מלחמה, דערציילט אונדז אין פֿיל און פֿאַרשידענע פֿאָרמען וועגן דער באַזונדערער לאַסט, וואָס דער קריג האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די פּלייצעס פֿון דער פֿרוי איבעראַל — אויפֿן פֿראָנט און אין דער היים. אין רוסלאַנד און אין ענגלאַנד, אין פֿראַנקרייך, גריכנלאַנד און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן דריקט אויס די פֿרוי — דורך איר אָנשטרענגונג, ליידן און דערגרייכונגען — דאָס וואָס איז אייגנטימלעך פֿאַר איר פֿאָלק, פֿאַר זיין וועג און גורל אין איצטיקן קריג.

און יעדער אָפּקלאַנג וואָס דערגרייכט אונדז פֿון אונדזערע צעשפּרייטע גלותן, איבערפֿלייצטע מיט בלוט און קברים, דערציילט אונז מיט אַ שפּראַך פֿון דאָקומענטן און עדות־דערקלערונגען, ווי גרויס ס׳איז דער באַזונדערער חלק פֿון דער יידישער פֿרוי אין מאַכטלאָזן טויט און אין דער גבורה פֿון דער אונטערערד — אין יעדן יידישן גלות.

ס׳איז גאָרנישט קיין צופֿאַל, וואָס צוויי־דריי נעמען דוקא פֿון פֿרויען, פֿון די קעמפֿערינס אין געטאָ און אין די „בונקערן", האָבן דורכגעריסן די גרענעצן פֿון דער שווייגנדיקער געהיימניספֿולקייט, דערגרייכט צו דער עפֿנטלעכקייט — און זיינען געוואָרן אַ סימבאָל. יעדער איינער, וואָס איז בעסער באַקאַנט מיט די דאָזיקע דאָקומענטן און עדות־דערקלערונגען, וואָס טריפֿן מיט בלוט און טרערן, ווייסט, אַז אין יעדן צענטער און אין יעדן ווינקעלע דאָרט איז געוואָרן אָנגעצונדן דאָס פֿייער פֿון אויפֿשטאַנד. די נשמות און די זעלישע בענקשאַפֿט פֿון די חלוצישע מיידלעך זיינען אַרויפֿגעשטיגן צו די הימלען אין פֿלאַם.

די ערשטע בשורה וועגן בונט, וואָס וועט אויסברעכן אין דער וואַרשעווער געטאָ, האָט אונדז געבראַכט מיט אַ פֿאַרשטיקט קול פֿון איינערלעכער קאָנצענטראַציע, מידקייט און צער, אַנטוישונג און פֿאַרביטערונג — אַ יונגע מיידל, אַ מיטגליד פֿון איינער פֿון אונדזערע יוגנט־באַוועגונגען, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל מיטן הייפֿעלע גליקלעכערע „אויסגע־

טוישטע". די געציילטע מענטשן וואָס האָבן זיך צוגעהערט יענעם טאָג צו אירע האַרץ־רייסנדיקע רייד, דערציילנדיק ווי מען האָט צונויפֿגעזאַמלט דאָס ביסל געווער און וועגן די ליכט־ און שאָטן־זייטן, וואָס האָבן באַגלייט די יידישע אונטערערד — האָבן נאָך ניט געקענט באַגרייפֿן דעם גאַנצן מהות פֿון די דאָזיקע רייד. אָבער זיי ווייסן, אַז אָפֿיציעלע טעלעגראַמען האָבן מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער באַשטעטיקט אַלץ וואָס די דאָזיקע מיידל האָט דערציילט. זיי ווייסן אויך ווי גערעכט און ווי צום פּונקט עס זיינען געוועזן די געציילטע ווערטער פֿון דער געקומענער מיידל, און ווי אימהדיק אין זייער פּשוטקייט וועגן דער פֿליכט פֿון דער וועלט צו דער געטאָ און וועגן אונדזער אייגענער פֿליכט.

די דאָזיקע קליינע גרופּע, פֿאַר וועמען דאָס גליק פֿון רעטונג האָט נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרבלאָסן אין איר דעם באַוואוסטזיין וועגן אַן אַנדער וועלט, די וועלט „דאָרטן", האָט אויך געבראַכט מיט זיך יענעם טאָג אין בית־עולים אין חיפֿה, אַ יידישע פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן מיט צוויי קליינע מיידעלעך. די מוטער האָט געזען פֿאַר אירע אויגן דעם טויט ניט איין מאָל. דאָס עלטערע מיידל, אַ קינד פֿון 10 יאָר, איז געוועזן איינע פֿון היטלערס צוואַנג־אַרבעטער אין אַ פֿאַבריק פֿון שפּילצייג אין מערב פּוילן און די קליינע 8־יאָריקע מיידל איז עס געוועזן די באַלעבאָסטע פֿון שטוב. זי האָט עס געשפּייזט די גאַנצע פֿאַמיליע, געקאָכט און געוואָשן און אַכטונג געגעבן אויף דער אַלטיטשקער באָבען. ווען זי האָט איצט דערציילט די איינדרוקן פֿון איר לעבן, האָט זי צוגעגעבן אין אַ שפּראַך פֿון דערוואַקסענע, וועמענס קלאַנג איז נאַטירלעך און באַרעכטיקט אין איר מויל: „כ'בין שטאָלץ וואָס כ'האָב געקענט דערפֿילן מיין חוב אַלס אַ יידישע טאָכטער..."

דאָס איינציקע קינד, וואָס איז געקומען צו אונדז פֿון די „בונקאָרן" אין בענדין און פֿון די טויטן־וואַגאָנען, האָט אין זיינע פּשוטע און דערשרעקנדיקע דערציילונגען דורכגעפֿלאָכטן כּסדר נעמען פֿון העלדישע מיידלעך, פֿיל באַקאַנטע און פֿיל אומבאַקאַנטע, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן אויף ראַטעווען אַ נפֿש בישראל און געגאַנגען אויף קדוש־השם.

דאָס מיידל פֿון די „קינדער פֿון טעהעראַן" וואָס האָט מיט די אייגענע הענט אַראָפּגעלאָזט אין קבר, וואָס זי האָט אויסגעגראָבן, דעם קערפּער פֿון איר פֿאָטער איז נאָך דעם געוואָרן דער פֿאָטער און די מוטער פֿון אירע יינגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך און האָט זיי באַשפּייזט און

באַקליידט און זיי געפֿירט דורך די אַלע וואַנדער־וועגן מיט אַ געפֿיל פֿון טיפֿער אַחריות און פֿליכט־באַוואוסטזיין.

דאָס ייִנגל וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט זיין ייִנגערער שוועסטער קיין ארץ־ישראל נאָך 5 יאָר וואַנדערן אויף אַ וועג וואָס ס׳האָבן זיכער נאָך נישט דורכגעשניטן דערפֿאַרענע טוריסטן — אַ וועג דורך סיבירער וועלדער אין צפֿון און דעם אוגאַנדאַ־דזשאַנגל אין אַפֿריקע — דערציילט וועגן זיין קליינער שוועסטער, וואָס איז אים געווען אַן אָנלען און אַ קוואַל פֿון דערמוטיקונג מיט איר מוט און פֿאַרשטאַנד.

דאָס מיידעלע פֿון גריכנלאַנד, וואָס איז געקומען אין לאַנד נאָך לאַנגע וואָגלענישן אויפֿן ים און אויף דער יבשה — אין אַ שמוגלער־שיפֿל, אונטערן אָפֿענעם הימל, בלייבנדיק שטעקן אויף אַ אינדזל אין מיטן ים, קלעטערנדיק צופֿוס איבער בערג און נאָך פֿיל אַנדערע איבערלעבונגען — דערציילט וועגן איר מוטער און עלטערער שוועסטער, וואָס זיינען געבליבן אין דער ״היים״, ווייל זיי זיינען אַוועק אין די בערג קעמפֿן צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנען.

אַזוי איז געווען די יידישע טאָכטער אין די טעג פֿון נסיון.

פֿרויען אין די געטאָס

- אין די געטאָס און אונטערערד
- פּאַרטיזאַנען אין קאַמף
- געשטאַלטן
- פּאָרטרעטן
- פּאַראַשוטיסטן
- צו די ברעגן פֿון היימלאַנד

בערל קאַצענעלסאָן

„זייערע געשטאַלטן פאַר אונדזערע אויגן"

מיר שטייען פאַר דער גרעסטער, גרויזאַמסטער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן דעם יידנטום זייט עס איז חרוב געוואָרן אונדזער לאַנד. מיר האָבן פאַרלוירן די פרייהייט און זיינען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט. אין דער דאָזיקער פינצטערער שעה זיינען מיר אייניק אין גייסט מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער, וואָס געפינען זיך אין שקלאַפעריי און גע־פאַנגענשאַפט, אומעטום וואו דער יידישער גורל האָט זיי געטראָפן...

זאָל זייער געשטאַלט זיך פאַרהאַלטן פאַר אונדזערע אויגן. די גע־שטאַלטן פון שוועסטער, וואָס האָבן געזוכט דעם טויט, כדי אויסצומיידן שאַנדע; פון יוגנטלעכע, וואָס טרוימען אין דער פינצטערניש וועגן עולה זיין קיין ציון; פון לערער, וואָס באַגלייטן זייערע שילער אין די טויט־וואַגאָנעס, כדי צוזאַמען דערשטיקט צו ווערן; קהילה־פאַרשטייער, וואָס זיינען מקריב זייערע לעבנס, כדי צו ראַטעווען זייער עדה; חלוצים, וואָס טראָגן אונטער־ערדיש די פאָן און דאָס פייער; אַרבעטער און יונגע מענטשן, וועלכע קרייצן די לעבנס־געפערלעכע גרענעצן, כדי צו ראַטעווען עמעצן אָדער צו ברענגען ידיעות; די אַלע, וואָס האָבן, איזאָלירטע און שוצלאָזע, געענטפערט מיט רע־וואָלט און קאַמף אויף די שחיטות.

לאָמיר עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. לאָמיר אייביק זיי געדענקען. נאָר אין זייער זכות, אין זכות פון די יידישע מאַסן, זיינען מיר אַהער געקומען, נאָר פון זייערטוועגן קענען מיר אויפהאַלטן אַ טרייסט־ליכט פאַר שארית־ישראל, פאַר די, וועלכע מיר האָבן דאָרט איבערגעלאָזט. אַלץ, וואָס וועט דאָ געשאַפן ווערן אין דער צוקונפט, איז די פרוכט פון זייערע תפילות, זייערע טרוימען, זייער מי און קאַמפן — בלויז אַ דאַנק דעם אַלעמען איז דאָ אַלץ געשאַפן געוואָרן אָדער וועט געשאַפן ווערן.

לאָמיר פילן זייער אמונה און גבורה אין יעדן קלאַפּ פון אונדזער האַרץ. קיין שום אָנשטרענגונג, קיין שום קרבן טאָר ניט זיין צו גרויס, אויב עס איז מעגלעך דערמיט צו העלפן זיי און דורכדעם ראַטעווען אונדז אַליין.

אין די געטאָס און אונטערערד

חנה געלבאַרט

אין וואַרשעווער געטאָ

אַ גאַנץ יאָר זיינען דייטשע אַרכיטעקטן געווען פֿאַרנומען מיט אויסאַרבעטן פּלענער פֿאַר דער וואַרשעווער געטאָ. אַ גאַנץ יאָר האָבן מענטשן געאַרבעט, צעשטערט געביידעס, אויסגעברייטערט גאַסן און אויפֿגעשטעלט מויערן איינצושליסן הינטער זיי די יידן פֿון וואַרשע. און ווען די אַרבעט איז פֿאַרענדיקט געוואָרן און פֿאַר די אויגן פֿון די מענטשן האָבן אַרויפֿגעטורעמט הויכע דריי מעטערדיקע געטאָ־מויערן, מיט נעצן פֿון צעבראָכענע גלאָז־שטיקער צווישן די מויערן, דאַן האָט די אָקופּאַציע מאַכט אַרויסגעגעבן די גזירה זיך איבערצוציען אין געטאָ און די פֿאַראָרדנונג אויסגעפֿירט מיט דער גאַנצער שטרענגקייט. דעם 15טן נאָוועמבער 1940 זיינען שוין די טויערן געווען אָפּגעשלאָסן און 600,000 יידן זיינען געוואָרן איינגעקוועטשט אין אַן ענגן, צוזאַמענגעדריקטן שטח. דאָ זאָלט איר לעבן! צווישן די יידן און דער אויסערלעכער וועלט איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ וואַנט און אַ שווערע גרויזאַמע פֿינסטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די יידן.

אַ פֿינסטערניש, אָבער די באַוועגונג פֿון יידן איז ניט איבערגעריסן געוואָרן. פֿאַרקערט: אין דער ערשטער צייט האָט דאָס לעבן געשטראָמט מיט פֿאַרשטאַרקטער קראַפֿט. די גאַסן פֿון געטאָ האָבן געברויזט מיט מאַסן. די גרויסע ענגשאַפֿט, די איינזאַמקייט, די פֿאַרשידענע צרות און די מאַטערנדיקע דאגות "פּרנסה — דאָס אַלץ האָט די יידן אַרויסגעשלעפּט אין גאַס אַריין. אין גאַנצע גרופּן זיינען די יידן געגאַנגען און שפּאַצירט, זיך אויסגערעדט זייער האַרץ. אַנדערע האָבן געזוכט אַ וועג ווי זיך אַרויסצוגנבענען אויסער דער געטאָ צו זוכן אַ שטיקל ברויט פֿאַר די קליינע קינדער. טייל האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט פֿאַרשידענע סאָרטן „מסחר". מען האָט געהאַנדלט מיט אַלץ, און קודם־כּל מיט — ברויט. איבער די מויערן, נאָענט צו די געטאָ־גרעניצן, האָבן זיך אַרומגעדרייט גרופּן פּאָליאַקן, פֿיל סתּם נייגעריקע, אָבער אויך אַנדערע וואָס זיינען געקומען האַנדלען מיט די יידן, און אַנדערע וואָס האָבן זיך באַמיט

איבערצוגעבן אין די הענט פון דער פאַליציי די יידן, ווען ס'האָט אָפּגעגליקט זיך אַרויסצוקריגן פון די גרעניצן פון געטאָ.

גרויס איז געווען דער אונטערשיד צווישן ביידע לאַגערן. פון דער זייט — הונגעריקע און אָפּגעריסענע יידן, מיט ברייטע, צעקנייטשטע שטערנס, זוכנדיק און שנאָרנדיק נאָך אַ שטיקל ברויט; זיי פלעגן ברענגען מיט זיך איבערבלייבענישן פון אַלטע, טייערע צירונג, וואָס מען האָט אָפּגעהיט אין דער היים דורות־לאַנג, און פון דער זייט — דער „קונה", אַ פּאַליאַק וואָס האָט פיל רעכט, וואָס האָט נאָך ניט געפּילט, אַז אויך ער איז פאַרמשפּט צו קנעכטשאַפט.

אין די ערשטע טעג פון דער געטאָ זיינען נאָך געווען דרייסטע, געוואגטע, איינשטעלערישע יידן, וואָס האָבן באַוויזן אונטערצוקויפן די דייטשע פּאַליציי און פלעגן אַריין און אַרויס פון דער געטאָ, — אַלץ צוליבן גרויסן, בליענדן מסחר.

אָבער אויפן קאָפּ פון דער גרויסער מאַסע האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט דער געשפּענסט פון הונגער. פון יעדן עק גאַס און פון יעדן הויז האָבן זיך שוין געהערט האַרץ־רייסנדיקע געבעטן: „גיט אַ שטי־קעלע ברויט, איך שטאַרב פון הונגער". דער דאָזיקער פּזמון האָט געקלונ־גען אין די אויערן פון אַלע וואַרשעווער יידן, אַפילו פון די, וואָס האָבן געקאָנט קויפן ברויט איבער דער באַשטימטער נאָרמע — אַן אכטל קילאָ 3 מאָל אַ וואָך.

מיטן איינפירן די געטאָ איז פּאַראַליזירט געוואָרן דאָס גאַנצע גע־זעלשאַפטלעכע לעבן אין יידישן וואַרשע. עס איז נאָר געווען טעטיק די קהילה. עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן יעדע פאַרזאַמלונג. הילפס־לאָזיקייט האָט אַלעמען באַהערשט. אָבער ביסלאַכוויז, מיט דער צייט, האָט זיך דאָס לעבן צוריק אָנגעהויבן וועבן פון דאָס ניי, און אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָט זיך געדאַכט, האָט אַביסל אויפגעלעבט און אָנגענומען אַ וועלכע ס'איז פאָרם.

קודם־כל איז אין דער געטאָ איינגעפירט געוואָרן אַ יידישע פּ אַ ל י־צ י י צו האַלטן די אָרדנונג אין געטאָ. איר אויפגאַבע איז געווען אַ שווע־רע, סיי כלפּי די יידן אינווייניק און סיי כלפּי דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע אין דרויסן, וואָס האָט שטרענג געהאַלטן אַן אויג אויף אַלץ און אַלעם. די קהילה האָט באַשטימט אַלס פּאַליציאַנטן אויסגעוויילטע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט בילדונג און אַ געוויסע מדרגה פון מאָראַל, וואָס האָבן גע־קענט זיין אַ ברכה פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער אין משך פון דער צייט האָט די גרויזאַמע ווירקלעכקייט געטאָן אירס, און אין די רייען פון דער פּאַליציי האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ טיפּ פון מינדער־

ווערטיקע מענטשן, געלט־יעגער וואָס האָבן בייזוויליק אויסגענוצט זייער לאַגע, אויסגענוצט זייערע פּאָלקס־ברידער און געוואָרן שענדלעכע פאַר־מיטלער צווישן די דייטשן — זייערע אויבערהערשער, און די יידן, וואָס האָבן זיך אויף עטלעכע שעה אַריבערגעכאַפּט איבער די געטאָ־מויערן צו כאַפּן אַ פאַרדינסטל און זיך דערהאַלטן ביים לעבן.

שפּעטער איז די קהילה צוגעטראָטן אָרגאַניזירן אַ יידישע פּאָסט. פאַקטיש האָבן די יידן נאָר פאַרנומען טעכנישע אַמטן ביים פאַרטיילן בריוו, פּעקלעך א. א. וו. דאָך האָט עס געשאַפן אַן אילוזיע, אַז אויך דער דאָזיקער פּרנסה־צווייג געפינט זיך אין יידישע הענט.

דזשעלנע 34

איז געווען אַ וואונדערבאַרער ווינקל הינטער די געטאָ־מויערן. די „החלוץ"־קאָמונע אין יענעם הויז האָט געטראָגן דעם אָפיציעלן נאָמען פּליטים־הויז, אָבער דאָס דאָזיקע הויז האָט געברויזט מיט לעבן און טאַט. די קאָמונע איז געוואַקסן, ווייל זי האָט אויפגענומען חברים פון דער פּראָווינץ. זי האָט געציילט 80 מיטגלידער, אָבער ניט די צאָל איז דאָ דער עיקר. דאָס זאָגט ניט וואָס ס'איז געווען די דזשעלנע גאַס אין לעבן פון געטאָ אין וואַרשע. דזשעלנע האָט גערופן צום לעבן, צו פאַרזעצן דאָס פיזישע און גייסטיקע לעבן פון די יידן אין וואַרשע. דזשעלנע האָט געשפּינט נייע געדאַנקען און זיי פאַרווירקלעכט אין לעבן. זי האָט באַוויזן צו קומען צו דער יידישער קהילה און אויך צו דער דייטשער געסטאַפּאָ און אַרויסשטעלן פאָדערונגען, פאַרלאַנגען ענדערונגען, פאַרלייכטערונגען א. א. וו. די קבוצה וואָס האָט געוואוינט פּונקט קעגנ־איבער דער טורמע „פּאַוויאַק", אין אַ סביבה, וואָס האָט געווימלט מיט דייטשע פּאָליציאַנטן און שפּיאָנען, אין אַ סביבה, וואו דער שאָטן פון טויט איז געווען אויסגעשפּרייט אויף אַלץ — איז געוואָרן אַ נעסט פון רעוואָלו־ציאָנערן אין דער יידישער גאַס.

דאָ האָבן געהערשט חברשאַפט, בשותּפותדיקע אַרבעט און צוטרוי. דאָ האָט געלעבט אַ מענטשן־קאָלעקטיוו, וואָס האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם גאַנצן ביטערן לעבנס־עול, אָבער האָט זיך נישט אָפּגעג־טיילט פון זיינע ברידער און באַוויזן אויסצוטראַכטן פאַרשידנסטע סאָרטן איינפאַלן און זוכן כּלערליי וועגן — אומאונטערבראָכן, מיט געדולד, מיט מוט — ווי צו פאַרלענגערן די עקזיסטענץ אויך אונטער די ערגסטע באַדינגונגען. אין הארץ פון דער דאָזיקער חלוצישער יוגנט האָט געג־גליט אַ מעכטיקער פאַרלאַנג צום לעבן, און ער האָט געוועקט צו טאָטן און צו רעאַליזירן „חלומות". אויף דזשעלנע איז געווען אַ כּסדרדיק

גובר זיין פֿון שטערונגען און שטימונגען. דאָ איז מען ניט אַנטלאָפֿן פֿון דער מיאוסער ווירקלעכקייט, אָבער מען האָט אויך ניט שלום געמאַכט מיט איר. דאָ האָט מען געזוכט שטענדיק נייע מעגלעכקייטן פֿון קיום און המשך.

דאָס רוב מיטגלידער פֿון דער קאָמונע זיינען געווען חברטעס און כמעט אַלע האָבן געדינט אַלס דינסטן אין הייזער פֿון רייכע יידן. פֿאַר דער אַרבעט פֿלעגן זיי באַקומען באַצאָלט אין מזומן; שפּייז פֿלעגן זיי ניט נעמען. די חברים זיינען געשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט פֿון דער יידישער קהלה, לויט די התחיבותן וואָס זי האָט געהאַט כּלפּי דער נאַצי־מאַכט. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט, וואָס צעבערעכט דעם קערפּער און דערדריקט דעם גייסט, אָבער מיטן קומען פֿון אָוונט, ווען אַלע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אונדזער הויז אויף דזשעלנע און די מענטשן זיינען געווען האַלב־הונגעריק— די שפּייז־פּאַרציע איז געווען אַ נישטיקע, שוין מיט דער הילף פֿון „דזשאָינט”, און אַמאָל פֿלעגן נאָך קומען שפּייז־פּעקלאַך פֿון ווילנע אָדער פֿון דער שווייץ — האָט נישט געהערשט צווישן אונדז קיין יאוש. אין שפּיץ פֿון דער קבוצה זיינען געשטאַנען די חברות פֿרומקע און צביה און מיט זיי י. צ. (יצחק צוקערמאַן) א. א. און זיי האָבן געוואוסט ווי אַריינצוברענגען אַ מונטערע שטימונג אין אונדזערע אָוונט־שעהן; אַ דערציילונג וועגן דעם וואָס איז געשען במשך פֿון טאָג, אַ שטיל געזאַנג, אַ קורצע שפּיל — און אַלץ, פֿאַרשטענדלעך ביי פֿאַר־שטעלטע פֿענצטער, זיך היטנדיק פֿאַר אַ „גוט אויג” און פֿון די וועכ־טער פֿון נאַענטן „פּאַוויאַק”. אַ לייכטער גייסט האָט געהערשט צווישן אונדז, אַ „גייסט פֿון פֿרייהייט”, ווי עס האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט דער דיכטער י. ק. (יצחק קאַצענעלסאָן), וואָס האָט געלעבט מיט אונדז פֿיל חדשים. דער דאָזיקער גייסט האָט באַווירקט די גאַנצע יידישע סביבה.

די קאָמונע איז געווען די היים פֿאַר אַלע „החלוץ” חברים אין וואַרשע. מיט אונדזער פּאַרציע זופּ, אַ גענוג אָרעמע פּאַרציע, פֿלעגן מיר זיך צעטיילן מיט יעדן נייעם געקומענעם חבר. אין דער ערשטער צייט פֿלעגן באַלאַגערן אונדזער דירה פֿיל אָרעמע לייט פֿון דער געטאָ און מיר פֿלעגן זיי אַרויסשטעלן אַ לאַנגע רייע פֿון שיסלען מיט די שיריים פֿון אונדזערע מיטאָקן. דערנאָך האָט אויפֿגעהערט דער דאָזיקער מנהג, ווייל עס האָט זיך געשטאַרקט דער הונגער צווישן אונדזערע אייגענע חברים.

אָבער ניט אויף ברויט אַליין האָט זיך געהאַלטן דזשעלנע. זי האָט זיך אויך פֿאַרטיפֿט אין דער טעאָריע און געשיכטע פֿון ציוניזם, זי האָט געשעפּט כּוחות פֿון די קאַפּיטלען פֿון גבורה אין דער יידישער געשיכטע,

זי האָט געלייענט ביכער, געלערנט העברעאיש. דאָ זיינען פֿאָרגעקומען שטורמישע ווכּוחים איבער די וועגן פֿון דער באַוועגונג און ווי איינשטעלן אונדזערע פֿאַרבינדונגען מיט ארץ ישראל. דריי וואָכן זיינען דאָ געזעסן די טוער פֿון דער באַוועגונג און האָבן געלערנט און אויפֿגעקלערט פֿראַגן (אַ סעמינאַר), און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן דורך חברים און חברות, וואָס האָבן געדאַרפֿט יעדן טאָג פֿירן אַ שווערן קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ — אַ קאַמף אין בוכשטעבליכן זין פֿון וואָרט — צוזאַמען מיט אַלע געפּייניקטע יידן פֿון דער געטאָ.

דזשעלנע האָט פֿיל מיטגעהאָלפֿן ביים אָרגאַניזירן די פֿאָלקס־קיכן אין געטאָ. לכתּחילה זיינען פּ. און דאַן צביה און אַנדערע געווען די פּלאַנירער און פֿאַרווירקלעכער — מיט דער הילף פֿון „דזשאָינט" פֿון דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט.

די יידישע שולן זיינען געווען געשלאָסן פֿון דער מאַכט. די שול־יוגנט איז אַרומגעגאַנגען ליידיק. עם־הארצות, דעגענעראַציע — צו דעם האָט געשטרעבט די דייטשע מאַכט. און די וואַרשעווער יידן... האָבן אָרגאַניזירט "פּינפּטלעך" — גרופּן צו 5 שילער אין יעדער גרופּע, וואָס האָבן געלערנט היינט דאָ און מאָרגן דאָרט. אויך דזשעלנע איז געווען אַ לערן־פּלאַץ פֿאַר די דאָזיקע „פּינפּטלעך" און זי האָט אַפֿילו צוגעשטעלט לערער און געזאָרגט פֿאַר אָרעמע שילער, וואָס האָבן ניט געקאָנט צאָלן קיין שכר־לימוד. „גימנסיון מעופף" (די פֿליענדיקע גימנאַזיע), פֿלעגן די העברעאיש־ריידער רופֿן די דאָזיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט עקזיסטירט צוויי יאָר אין די מויערן פֿון דער געטאָ, אין וועלכער אונדזער קאָמונע האָט געהאַט אַ ניט־קליינעם חלק. ביי אונדז איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קורס פֿאַר דערציער פֿון קליינע קינדער, מיט דער באַטייליקונג פֿון 20 חברים און חברות. ק. האָט רעפֿערירט וועגן קינדער־דערציאונג אין גייסט פֿון יידישער גבורה און ליבע צום פֿאָלק און לאַנד. ער האָט אויך געלערנט זיינע צוהערער קינדער־לידער פֿול מיט חן. און אַלץ פֿאַר־שטענדלעך — אין אונטערערדישע באַדינגונגען.

קינדער־היימען

די געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט האָט אַנגענומען פֿאַרשידענע פֿאָר־מען. זי איז געוואָרן געטאָן לעגאַל און אומלעגאַל, אָפֿן און באַהאַלטן. אין די וואַרשעווער יתומים ־ הייזער האָט תּמיד געהערשט אַ גייסט פֿון אַסימילאַציע. סרוב זיינען זיי געווען אונטערשטיצט פֿון דער פּוילישער רעגירונג. אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע זיינען זיי אַריינגעפֿאַלן אין אַ שרעקלעכער לאַגע. אויף דער ערשטער ווענדונג פֿון לייטער פֿון בית־

יתומים צו אונדזער קאָמונע אויף דזשעלנע, האָבן מיר אָנגעהויבן מיט־העלפן טראָגן דעם מאַטעריעלן און דערציערישן יאָך פון יתומים־הויז. מיר האָבן געהאָלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן. מיר פלעגן זאַמלען אין געטאָ קליידער פאַר די קינדער, שרייב־געצייג, א. אַ. וו. אונדזערע מיידלאַך האָבן פאַרבראַכט מיט די קינדער, זיי געלערנט שפּילן און מעשהלעך. מיר האָבן זיי אויסגעלערנט זינגען ארץ ישראלדיקע און פאָלקס לידער. אין די יום־טובים פלעגן מיר פאַר זיי איינאָרדענען „אָוונטן". אין איין פלאַץ איז אַזאַ מסיבה אפילו געווען געווידמעט דעם קרן קימת — און אין האַרץ פון די קינדער, וואָס אין משך פון יאָרן זיינען זיי דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון פוילישן פאַטריאָטיזם, האָבן דערוואַכט נייע געפילן פון טריי־שאַפט צו זייער פאָלק און געדולד און מוט איבערצוטראָגן די פינצ־טערניש אין לעבן פון דער געטאָ.

עס זיינען געווען חברות וואָס זיינען פיל אַרומגעפאָרן אין אויפטראַג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. און ווען זיי פלעגן צוריקקומען קיין וואַרשע האָבן זיי זייערע פרייע שעה'ן אָפּגעגעבן די קינדער אין די יתומים־הייזער. זיי פלעגן ברענגען די דערשלאָגענע קינדער דאָס וואָרט און דעם גרוס פון דער חלוצישער באַוועגונג.

אין געטאָ זיינען געווען פיל קינדער, וועמענס היים ס'איז געווען די גאַס. זיי פלעגן זיך פאַרנעמען מיט גאַסן־האַנדל אָדער בעטן ביי די דורכגייער א שטיקל ברויט, אַ פּאָר גראָשן. דערפון איז אַרויסגעוואַקסן די באַדערפעניש איינצואָרדענען קינדער־קיכן, וואו יעדעס קינד האָט באַקומען אַ מאָלצייט איין מאָל אין טאָג. אויך דער פאָרשלאָג איז געקומען פון דזשעלנע, פון י. צ. און צביהן. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין הויז פון דער פועלי ציון פאַרטיי. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די קינדער פון די פאַרטיי־חברים, די ברידערלעך און שוועסטערלעך פון די קאָמונע־מיטגלידער און פון די חברים פון „החלוץ", און יעדן טאָג האָט מען זיי געגעבן אַ קאַלעקטיוון מאָלצייט. „קינדער־קיך" איז געווען דער אָפיציעלער נאָמען, אָבער מיר האָבן עס פאַרוואַנדלט אין אַ שול פאַר קינדער. מיר האָבן די קינדער געלערנט לייענען, שרייבן, העברעיאיש און יידיש, יידישע לעגענדעס און געזאַנג. מיט אַלע אונדזערע כוחות האָבן מיר זיך באַמיט זיי צוריקצוגעבן אַביסל פון זייערע זיסע קינדער־שעה'ן, אַביסל געלעכטער און שפּאַס. און זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס פעלט זיי. ווען סאיז געקומען אויף אַן אינספּעקציע אַ פאָרשטייער פון דער דייטשער מאַכט, האָבן זיי ניט פאַרגעסן, אַז דאָס לערנען מוז זיין אַ סוד. זיי עסן בלויז און ניט מער. קינדער פון 11־12 יאָר האָבן זיך אויסגעלערנט האַלטן ווי דערוואַקסענע, נישט ווי לויט זייער עלטער.

קינדער־ווינקלען

הונדערטער יידן האָבן געוואוינט אין איין הויז. אין די הייזער האָבן זיך געשאַפן עלטערן־קאָמיטעטן און קאָמיסיעס זיך אָפּצוגעבן מיט די קינדער און יוגנט. אויף דער יידישער גאַס האָט מען גוט געוואוסט דעם אַדרעס פון דזשעלנע, און מען האָט זיך געווענדעט צו דער קאָ־מונע. מיר פלעגן שיקן אינסטרוקטאָרן צו די קינדער אין שול־עלטער, און זיי פלעגן פאַרברענגען עטלעכע שעה מיט די קינדער אין שפּילן, געזאַנג און ספּאָרט. אין געשלאָסענע רייען פלעגן די קינדער אַרויס־גיין אויפן שפּאַציר און צו די שפּילן אויף די פרייע פעלדער, דאָס הייסט צווישן די פיל חורבות וואָס זיינען געבליבן שטיין צווישן די מויערן. יידן פלעגן זיך אָוועקשטעלן צוקוקן ווי די קינדער פאַרברענגען און דערפון הנאה האָבן.

און צום סוף: פאַר די צענדליקער טויזנטער יידן אין געטאָ איז פאַר־באָטן געוואָרן צו עפענען אַ ביבליאָטעק. איז דער סניף „החלוץ" אין וואַרשע אַרויס מיט אַ פאָרשלאַג: אַרבעט אויס רשימות פון ביכער, וואָס געפינען זיך אין יעדן הויז און שטעלט זיי אין רשות פון אַ ל ע איינוואוינער. אויב מען טאָר נישט קאָנצענטרירן די ביכער אין איין צי־מער, זאָל מען.... און דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען און אויסגעפירט גע־וואָרן דורך די הויז־קאָמיטעטן.

אין פרילינג 1940 זיינען צוריקגעקומען קיין וואַרשע פון רוסישן געביט צביה און י. צ. הם. פ. און אַנדערע צענטראַלע חברים פון „החלוץ". מען האָט באַשלאָסן אויפצולעבן די „החלוץ"־טעטיקייט אין דער פּראָווינץ. די סניפים זיינען געווען צעשטערט, די חברים צעשפּרייט און יעדע באַוועגונגס־טעטיקייט שטרענג פאַרבאָטן. און ווער קאָן עפּעס טאָן אין אַזעלכע באַדינגונגען? קלאָר: אַ גרויסע צאָל חברות, וועמענס אויסזען איז ניט־יידיש, אַריש. זיי דאַרפן אַרויספאָרן אין דער פּראָווינץ, אין די שטעטלעך, אויפזוכן מענטשן לויט באַשטימטע אַדרעסן און זיך פאַרבינדן אויף יעדן אָרט מיטן חבר, וואָס האָט די אויפגאַבע צו שאַפן „פינפטלעך", גרופן פון פינף חברים, וועלכע וועלן פאָרזעצן די חלוצישע אַרבעט.

מיט אַ פּוילישן דאָקומענט בין איך גלייך אַרויסגעפאָרן אין דער פּראָווינץ אויספירן מיין שליחות. די רייזע מיט דער באַן איז שוין דאַן געווען שווער אויך פאַר פּאָליאַקן, און סרוב האָבן מיר זיך געמוזט שלעפּן אין פורן פון שטעטל צו שטעטל. איך בין פאַרשטענדליך אַ הענדלערין. עס האָט זיך געניטיקט פיל פאַרזיכטיקייט, אַבסאָלוטע קאָנספּיראַציע,

איך צווישן אונדזערע ברידער־יידן. מען האָט גוט געדאַרפֿט נאָכקאָנטראָ־לירן די איבערצייגונגען און נטיות פֿון דעם חבר, וועמענס אַדרעס מען האָט באַקומען אין מרכז: טאָמער איז עס ניט דער מענטש? טאָמער וועט ער פֿירן צו אַ דורכפֿאַל? טאָמער וועסטו זיין פֿאַרדעכטיקט אין זיינע אויגן און ער וועט זען אין דיר אַ שליח פֿון געסטאַפּאָ? נאָר נאָך אַ לאַנגער אויספֿאָרשונג האָט מען געקאָנט עמיצן איבערגעבן די אויפֿגאַבע צו זיין אַן אָנפֿירער פֿון דער גרופּע. פֿון דעם חבר פֿלעגן מיר באַקומען אַדרעסן צו די חברים אין די אַרומיקע שטעטלעך. אונדזערע באַזוכן זיינען אי־בעראַל געווען אָנגעלייגט. איבעראַל האָט מען זיך געפֿרייט צו הערן פֿון מויל פֿון דער געקומענער חברה אויפֿמונטערנדיקע ווערטער און מען האָט געבעטן זיך צו פֿאַרבינדן מיט דער טעטיקייט פֿון „החלוץ". שפּעטער, נאָכן איינשטעלן די פֿאַרבינדונג, פֿלעגן קומען נייע באַזוכן צו פֿאַר־שטאַרקן די אַרבעט.

כ'בין צוריקגעפֿאָרן קיין וואַרשע און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דאָס מאָל איז מיין וואַליזע געווען פֿול מיט „ליטעראַטור" און צירקולאַר־בריוו. ס'איז געווען אַ געפֿאַר צו פֿירן מיט זיך אַזאַ „משא". אָבער מיין געדאַנק האָט זיך קאָנצענטרירט נאָר אויף איין פּונקט: ווי צו ברענגען און פֿאַרשפּרייטן מיין „מאַטעריאַל" — לערן־ביכער, קאַפּיטלען יידישע געשיכטע, אויסצוגן פֿון דער ליטעראַטור פֿון דער ארץ־ישראלדי־קער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן אונדזערע נאַציאָנאַלע יום־טובים א. אַ. וו.

מען האָט איבעראַל געפֿילט אַן אויפֿלעבונג. אין משך פֿון עטלעכע חדשים, נאָך עטלעכע באַזוכן פֿון חברות אין פֿאַרשידענע ראַיאָנען, איז צוריק געוואָרן אויפֿגעשטעלט דער בנין פֿון דער באַוועגונג. נאָכן חורבן און צעשטערונג האָט אין זומער 1940 צוריק אויפֿגעשפּראָצט די חלוצישע באַוועגונג אונטערערדיש — מיט פֿיל קעמערלעך פֿון אַ פֿאַרצווייגטן אַפּאַ־ראַט, מיט מיטגלידס־אָפּצאָל צו דעקן די הוצאות פֿון די באַזוכן אין די סניפֿים, מיט זאַמלען געלט פֿאַרן קרן קימת — כּדי אויפֿצוהאַלטן אַ ממשותדיקן קאָנטאַקט מיט ארץ ישראל.

איך האָב געהאַט אַ באַזוך אין אַ שטעטל. דאָס מאָל האָט זיך פֿאַר־זאַמלט ניט אַ „פֿינפֿטל", נאָר 2 „פֿינפֿטלאָך" מיט אַמאָל. דערצו זיינען מיר ניט געווען געוואַרנט. מיר זיינען געזעסן אויף אַ בוידעם־שטיבל, אין דער פֿינצטער, און פֿליסטערנדיק האָב איך דערציילט די צען חברים וועגן דער עקזיסטענץ פֿון אונדזער באַוועגונג און דער איבערגעבנקייט פֿון די חברים — יאָ, ס'איז דאָ אַ טעטיקייט, ניט אַלץ איז חרוב, און מיר מוזן שעפּן כּוחות פֿון אונדזער געשיכטע. די מענטשן האָבן אַלץ צו־

געהערט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און דערנאָך, צעפּלאָמטע, זיך צע־שפּרייט, יעדער אין זיין ווינקל, צו זיינע דאגות און צרות.

אונדזער ציל איז געווען צו שטאַרקן דעם באַוואוסטזיין פון חבר, זיין נאַציאָנאַלע געדאַנקען־וועלט, זי זאָל זיין פעסט קעגן וואַקלענישן אין דער צעשטורעמטער צייט. דאַן האָבן מיר באַזונדערס מורא געהאַט פאַר אַ „רויטער״ אַסימילאַציע. דערפאַר האָבן מיר זיך אַזוי שטאַרק קאָנצענ־טרירט אויף אויפקלערן אונדזערע אייגנאַרטיקע אידעאָלאָגישע באַגריפן, אויף שטאַרקן די טעאָרעטישע יסודות און וואָס איז נאָך וויכטיקער — אויף שטאַרקן אונדזערע אַנשטאַלטן און טעטיקייט.

מיט אמתער לעבנס־געפאַר פלעגן די חברות פירן פאַרהאַנדלונגען מיט פּוילישע פּריצים און פלעגן אויפשטעלן צייטווייליקע „פונקטן״ פאַר הכשרה. אונדזערע חברים האָבן געאַרבעט אַלס לוין־אַרבעטער און האָבן געלעבט צוזאַמען אַ קבוציש לעבן. צווישן דער קבוצה און דעם פּאָליאַק איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך אויף אַ קורצער צייט און דורך דעם זיינען אונדזערע חברים באַפרייט געוואָרן פון צוואַנגס־אַרבעט פאַר די דייטשן. און גראָכאָוו! וויפל ענערגיע און זאָרג האָבן מיר אַריינגעלייגט אין קיום און אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן הכשרה־פונקט! וויפל מי האָט דערין אַריינגעלייגט אונדזער צביה! מיט איר גאַנצער נשמה האָט זי זיך אײַ־בערגעבן מבטל צו מאַכן די שווערע גזירות, וואָס זיינען געפאַלן אויף אונדזער אויסגעצערטלט קינד. ווען ס׳איז אַנטשטאַנען די געטאָ, זיינען אונדזערע חברים פאַרטריבן געוואָרן פון גראָכאָוו הינטער די געטאָ־מויערן. צביה האָט ניט גערוט און געפאָדערט קאַטעגאָריש פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, זי זאָל אינטערווענירן. זי האָט פאַרהאַנדלט מיט פאַרשידענע פאַקטאָרן ביז איר איז געלונגען מבטל צו מאַכן די גזירה און די חברים האָבן זיך צוריקגעקערט קיין גראָכאָוו.

די חברה אין דער געטאָ

זאָל דאָ באַזונדערס גערעדט ווערן וועגן אָנטייל פון די חברות אין די פאַרשידענע טעטיקייטן פון דער באַוועגונג אין דער מוראדיקער צייט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט די דערהויבנסטע מענטשלעכע אייגנ־שאַפטן, מיט דער פעאיקייט זיך צוצופּאַסן צו די באַדינגונגען פון דער דער אונטערערד, מיט זייער אַרבעט אויפן פעלד פון דערציאונג, מיטן אָפּגעבן זיך מיט הונגעריקע און אומגליקלעכע, מיט זייער זאָרגן פאַר יעדן ייד. שטענדיק האָט געהערשט אין דער באַוועגונג אַן אַרבעטס־פאַרטיילונג לויט די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון יעדן יחיד. אין די מלחמה־יאָרן זיינען באַזונדערס בולט געוואָרן די באַזונדערע זעלישע

איינגנשאַפֿטן פֿון די חברות. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס הייסט זיין מיד. אין גאַנצן זיך ניט רעכענענדיק מיט זיך אַליין, מיט זייערע פּער־זענלעכע ענינים, מיט דעם מצב פֿון זייערע קרובים — זיינען זיי גרייט געווען זיך צו ברענגען אַלס קרבן אויפֿן מזבח פֿון דער באַוועגונג. שטאַרקייט, מוט און די ערשטע אין יעדער געפֿאַר. טייל פֿלעגן אין שווערע מינוטן דערשיינען ווי באַרואיקנדע, מוט־וועקנדע מלאָכים — און אַנדערע פֿלעגן זיין שטורמיש, ברויזנד־ענערגיש אין דער אַרבעט, מיטרייסנדיק אויך אַנדערע חברים און חברות.

...די אייגנאַרטיקעווירקלעכקייט פֿון דער געטאָ האָט באַזונדערס אַרויסגעבראַכט די וויכטיקייט פֿון דער פֿרוי. זי, די יידישע פֿרוי, האָט זיך איינגעשפּאַנט אין פּרנסה־עול פֿון דער משפּחה. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט איינגעשטעלט איר לעבן, דורכגעבראַכן די געטאָ־מויערן און געווען אַ געטרייע פֿאַרבינדערין צווישן די אין געטאָ־פֿאַרשפּאַרטע יידן און דער אויסערלעכער וועלט. שוואַך, אָפֿטמאָל פֿאַרצערטלט, שטענדיק געצוואונגען אַנצוקומען צום שוץ פֿון איר מאַן, האָט זיך די יידישע פֿרוי פֿאַרוואַנדלט אין די טעג פֿון קריג אין געטאָ אין אַ מוטיקע אשת־חיל, וואָס זוכט און געפֿינט פּרנסה־מקורות פֿאַר איר פֿאַמיליע. אויסגעשטאַט מיט גע־פֿעלשטע דאָקומענטן, פֿלעגט זי זיך שלעפּן איבער די באַנען, אויס־געשטעלט אויף געפֿאַר. זי פֿלעגט זיך צופּאַסן צום נייעם לעבן און שלום מאַכן מיט אים. זי האָט געטראָגן דעם לעבנס־לאַסט מיט דעם זעלביקן מוט ווי אַ מאַן. ס'זיינען נישטאָ קיין גענויע ציפֿערן, אָבער ס'וועט ניט זיין קיין אומבאַגרינדעטע הנחה, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז דער פּראָצענט פֿון זעלבסט־מערדער פֿון פֿאַרצווייפֿלונג איז גרעסער געווען צווישן יידישע מענער ווי צווישן פֿרויען. זיי זיינען געווען מער באַשעפֿטיקט, מער אָפּגעגעבן צו טאָג־טעגלעכע דאגות און ווייניקער געטראַכט וואָס עס שטייט פֿאַר אין דער ווייטערער צוקונפֿט. דאָס איז געווען ניט נאָר אַ ליבע צום לעבן, נאָר דער גרויסער אַחריות־באַוואוסטזיין פֿאַרן גורל פֿון דער משפּחה און פֿון דור, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויף דער וועלט. און צוריקקומענדיק פֿון זייערע רייזעס אין זייער היימישער נעסט — האָבן זיי געשלעפּט אויף זיך אויך די געוויינלעכע, גראָע לאַסטן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן.

די יידישע מאַמע — האָט אין די ערשטע געטאָ־יאָרן, ווי אַ שוואַרצ־אַפּל אין אויג אָפּגעהיט איר טאָכטער. זי האָט איר ניט געלאָזט איינשטעלן דאָס לעבן און איר ניט געלאָזט אַרויספֿאָרן פֿון דער געטאָ צו שמוגלען פּראָדוקטן א. אַ. וו. אָבער שפּעטער איז אויך די טאָכטער געווען גע־צוואונגען אַרויסצוהעלפֿן דער מאַמע אין איר שווערן קאַמף פֿאַר עקזיס־טענץ.

צביה

איינציק און אויסגעטיילט צווישן אונדזערע חברות איז געווען צביה. איך וויל עפּעס זאָגן וועגן איר, אָבער איך צווייפל, צי עס וועט מיר געלינגען אַרויסצוברענגען ווי געהעריק די עיקר־שטריכן פון איר געשטאַלט.

אין אירע רייד איז שטענדיק געווען קראַפט. אין די פינצטערע טעג אין לעבן פון געטאָ, אויף יעדן כּנוס אָדער מסיבה פלעגט זי רופן אויסצוהאַלטן און פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס. מיט איר דרייסטן גלויבן און מיט איר ענטוזיאַזם פאַר מעשים, האָט זי אויפגעפלאַמט אַנדערע און פאַרטריבן שוואַכקייט און מוטלאָזיקייט.

צביה לובעטקין, וואָס איז געווען פּאָפולער אין דער געטאָ אונטערן נאָמען „די מאַמע פון החלוץ", האָט זיך געראַטעוועט און פירט איצט אָן מיט דער אַרבעט פון „החלוץ" אין פּוילן.

אין מאָמענט ווען זי איז צוריקגעקומען פון סאָוועטישן אָקופּאַציע־געביט, האָבן זיך געפרייט דערמיט אַלע חברים און חברות. זיי האָבן געוואוסט, אַז זי האָט אין זיך גרויסע מעגלעכקייטן און זיי האָבן געלייגט אויף איר גרויסע האָפנונגען. און זי האָט זיי טאַקע נישט אַנטוישט. גלייך האָט זי גענומען אויף זיך די שווערע לאַסט פון די פאַרשידנסטע אַרבעטן.

איר אופן פון ריידן איז געווען פּשוט, קורץ, אָפּגעהאַקט, און ענטשלאָסן. דער טאָן — פּראַקטיש און קאָנצענטרירט. שטענדיק מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל און סהאָט זיך געדוכט, אַז צוזאַמען מיטן רויך שטייגן

אַרויף און עס צעשטרייען זיך אירע פֿיל ערגערנישן. אין די אָוונטן פֿלעגט זי צוריקקומען אין דער קבוצה, אַ מידע פֿון די לאַנגע זיצונגען אין משך פֿון טאָג און פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען מיט פֿאַרשידענע מענטשן, ווען זי האָט אויפֿגעקלערט דעם זין פֿון אונדזער באַוועגונג און איבערציִיגט פֿריינט און פֿיינט, ווי דרינגענד נויטיק ס'איז ווייטער אויפֿצוהאַלטן די חלוצישע הכשרה, אַפֿילו אַ ציטווייליקע, און ווי מען דאַרף איר אָפּהיטן און העלפֿן א. אַ. וו. אין אונדזער סביבה פֿלעגט פֿאַרשווינדן פֿון איר פּנים די מידקייט און דאָס פּנים פֿלעגט ווערן אויפֿגעמונטערט און אָננעמען זיין גוטן און תּקיפֿותדיקן אויסדרוק.

זי האָט געשטראַמט מיט ענערגיע און אומדערשראָקענעם ווילן טראָץ די אָביעקטיווע שוועריקייטן. אין 1940, ווען אין אַלע ווינקלען האָט שוין געווילדעוועט דער מלאך־המות, און חורבן און פֿאַרניכטונג האָבן שוין געלויערט אויף שריט און טריט, האָט זיך ביי אונדז, אין דער חלוצישער פֿערמע אין גראָכאָוו, געבויט אַ שטאַל — אין רעזולטאַט פֿון דער איבער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג פֿון צביהן. אינזשינער טשערניאַקאָוו, דער פֿאָרזיצער פֿון דער וואַרשעווער קהילה האָט גערעדט ביי דער פֿייערונג מיט באַגייסטערונג וועגן דער חלוצישער יוגנט און וועגן דער פֿאַר־ווירקלעכערין פֿון פּלאַן — צביהן.

"כ'האָב שוין ניט מער קיין כּוח זיי איבערצוטראָגן" — פֿלעגט זי אָפֿט טענהן מיט אַ טאָן פֿון אָנקלאָגע. דאָס האָט זי געמיינט די אַלע אַנשטאַלטן און מענטשן, מיט וועמען זי פֿלעגט טאָג־טעגלעך פֿירן פֿאַר־האַנדלונגען וועגן ענינים פֿון דער באַוועגונג אָדער לטובת ליידנדיקע יידן אין דער געטאָ. לאַנגע שעה'ן פֿלעגט זי פֿאַרברענגען אין די קאָ־רידאָרן פֿון „דזשאָינט" אַרויסצוקריגן שפּייז־פּראָדוקטן פֿאַר דער קבוצה, אָדער פֿאַר חברים מחוץ דער קבוצה. און דערנאָך, שפּעט אין דער נאַכט, פֿלעגט זי זיך געפֿינען אין אונדזער שפּייז־מאַגאַזין און צוגרייטן שפּייז־פּעקלעך פֿאַר פֿריינד, פּליטים, עלטערן פֿון חברים א. אַ. וו. זי, די חברטע פּ. און דער חבר י. פֿלעגן תּמיד זאָרגן, אַז די פֿאַרטיילונג זאָל זיין אַ גע־רעכטע, אַז קיינער זאָל ניט ווערן באַ'עוולהט.

זי פֿלעגט זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זי פֿלעגט שרייבן פֿיל בריוו צו די חברים אין פּוילן און אין אויסלאַנד. ווען עס פֿלעגט שוין זיין אַ לאַגע פֿון סכּנת־נפֿשות, פֿלעגט זי אָפֿטמאָל זאָגן: „וואו זיינען די חברים פֿון אויסלאַנד? וויסן זיי וואָס עס געשעט מיט אונדז? פֿאַר־וואָס העלפֿן זיי אונדז נישט?" און דורכן געזיכט פֿלעגט דורכלויפֿן אַ ביטערער סאַרקאַסטישער שמייכל. דאָך פֿלעגט זי ווייטער שרייבן און דערציילן וואָס עס קומט פֿאָר אין אונדזער באַוועגונג.

זי איז שטענדיק געווען זייער פֿאַרנומען, אָבער זי איז אַלעמאָל געווען גרייט צו שטיין אין רשות פֿון דער קבוצה. יעדע חברה וואָס האָט זיך געפֿילט באַ׳עוולהט איז געקומען צו איר זיך אויסרעדן דאָס האַרץ. ביי איר האָט יעדן געמאָנט גערעכטיקייט און יושר. אָט קומט אַ חבר פֿאַר־ביטערט, ..ייל מ׳האָט אים נישט איבערגעגעבן אַ געוויסע פֿונקציע אָדער מ׳האָט אים נישט אַריינגעשטעלט צווישן די קאַנדידאַטן אויף אַרויספֿאָרן אין אויסלאַנד. אָט קומט אַ קראַנקער חבר וואָס פֿאַרלאַנגט זאַכן, וואָס מ׳קאָן זיי ניט קריגן — און צביה, צעבראָכן פֿון די לויפֿענישן איבער די אַנשטאַלטן און פֿון די אַלע גריזשעניש און צרות, שטייט לאַנגע שעה׳ן מיט די חברים, קלערט זיי אויף און באַווייזט זיי, און איר גלויבט מען, צו איר האָט מען צוטרוי.

זי האָט געלעבט מיט אַלע קלענסטע קלייניקייטן פֿון אונדזער קבוצה און קיין זאַך איז פֿאַר איר נישט געווען באַהאַלטן. זי האָט ליב געהאַט „אַריינצוזאָגן", ד״ה, צו זאָגן דעם אמת, אַזוי ווי ער איז, אָן באַהעלטעניש. און דאָך האָבן איר אַלע ליב געהאַט. זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע פֿע־איקייט צו „דערליידיקן" ענינים. ווען ס׳איז אַרעסטירט געוואָרן אַ חברטע ביים פֿאַרשפּרייטן „ליטעראַטור", איז צביהן געלונגען איר צו באַפֿרייען. אַ טייל פֿון אונדזערע חברים איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון די אַרבעטס־לאַגערן נאָך דער אומאויפֿהערלעכער שתּדלנות פֿון צביהן. איר האָט מען ניט געקאָנט אָפּזאָגן. אירע גערעכטע פֿאָדערונגען האָט קיינער ניט גע־קאָנט אָפּשלאָגן.

מיין לעצטע נסיעה פֿאַרלאָזנדיק די געטאָ האָב איך געמאַכט צו־זאַמען מיט צביהן. אין דער קבוצה האָט מען באַשלאָסן, אַז איך און נאָך אַ חבר גייען איבער די גרענעץ פֿון אַ שכנותדיק לאַנד און פֿון דאָרט זאָלן מיר זוכן אַ וועג קיין ארץ־ישראל. דעם 6טן אַפּריל, 1941, האָבן מיר געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן די געטאָ. אין דעם זעלבן טאָג — אַ איוב־בשורה: ווידער אַ געפֿאַר פֿאַרן משק אין גראָכאָוו. דער פּאָליאַק ,אין וועמענס הענט גראָכאָוו איז אַריבער, וואו אונדזערע חברים אַרבעטן אַלס טאָג־לוינער, וויל זי איצט אָפּזאָגן, דאָס הייסט אַרויסטרייבן פֿון דער פֿערמע. צביה האָט נאַטירלעך גלייך געאיילט קיין גראָכאָוו צו ראַטעווען די לאַגע.

אַ שטילער טאָג. מיר געפֿינען זיך אויפֿן בית־הקברות אויף דער גענשע גאַס און פֿון דאָנען דאַרפֿן מיר אַריבערגיין די מויערן פֿון דער געטאָ. מיר גייען צווישן מצבות — אָט איז דער קבר פֿון פּרץ. עגלות פֿירן מתים און אָפּטמאָל אָן באַגלייטער. צביה איז אויפֿגערעגט וואָס עס

ווערט פֿאַרשווּנדט די צייט, וואָס עס ווייזט זיך ניט שנעל אַ געלעגנ־הייט זיך אַריבערצוקריגן אויף דער צווייטער זייט.

פּלוצלינג איז זי אַריינגעשפּרונגען אין געטאָ־מויער אויפֿן בית־הקברות, איידער איך און דער חבר מיט מיר האָבן קוים באַוויזן עס צו באַמערקן. זי גייט צו אַן לאַנגע שהיות צום וועכטער פֿון טויער, שטעקט אים אַריין אין האַנט עפּעס א סומע, מיר זעען, זי איז שוין דורך דעם טויער. זי איז שוין דאָרט, מיט דער טעקע אין האַנט, ענלעך מיט איר גאַנצן גאַנג צו אַ שילערין פֿון אַ שול, אָבער איר גאַנג איז אַ זיכערער, אַט שפּרינגט זי שוין אַריין אין טראַמוואַי אויפֿן וועג צום ציל.

אין אָוונט האָבן מיר איר געזען אין גראַכאָוו. דאָס איז געווען אַ טרויעריקער אָוונט. צביהן איז געלונגען אָפּצושרייען די גזירה. די חברים וועלן אַרבעטן אין זייער משק ווי לוין־אַרבעטער, ביזן סוף פֿון סעזאָן. די פֿאַרטיילונג פֿון די פּראָדוקטן פֿון אונדזער משק, איז שוין דעם אָוונט געמאַכט געוואָרן דורכן פּאָליאַק. אָבער צביה טרייסט אונדז און זאָגט: „ס'איז אונדזער חוב דאָ צו פֿאַרבלייבן ווי לאַנג ס'וועט נאָר זיין מעגלעך טראָץ אַלע שוועריקייטן".

און צו אונדז האָט זיך זיך געווענדעט און באַפֿוילן: „פֿאַרגעסט נישט דאָס לעבן וואָס איר האָט מיט אונדז געלעבט, דערציילט דאָרט, אַז פֿיל־פֿיל לעבן נאָך ווייטער דאָ אונטער די זעלבע באַדינגונגען".

צומאָרגנס איז זי צוריק אַריבער די מויער פֿון דער געטאָ — צוריק צו דערפֿילן אירע פֿליכטן.

אין דער פֿרעמד, אויפֿן וועג קיין ארץ־ישראל, פֿלעגט מען אונדז אָנרופֿן „צביהס קינדער". אירע בריוו האָבן שטענדיק געוועקט און גע־מאָנט. איר לעצטער בריוו האָט אונדז דערגרייכט אין אונגאַרן אין יולי, 1942. דער נוסח איז געווען קורץ און דערציילט וועגן „גירושעק" און „שוחטסקי". אין אירע ווערטער איז געווען אַ רוף נאָך רעטונג, אַ מעלדונג וועגן ניט־אונטערגעבן זיך און אַ פֿלעמל פֿון האָפֿנונג.

חיה קלינגער

מיידלעך אין די געטאָס

אַ טרויער הערשט אין דער פֿאַרם. מ׳האָט לאה׳ן אַוועקגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער. זי פֿעלט אונדז אַזוי אויס. ווי שטאַרק מיר האָבן זיך צו איר צוגעבונדן.

שטענדיק פֿלעגט זי אויפֿשטיין די ערשטע צו דער אַרבעט. זי פֿלעגט אויפֿוועקן די אַנדערע — קאָמונע, פֿוילערקעס! זי איז געווען די ערשטע אין דער אַרבעט — זי האָט געוואוסט ווי צו אַרבעטן. דאָס איז געלעגן אין איר בלוט. זי איז געווען שטאַרק, ברייט אין די לענדן, מיט שטאַרקע פֿעסטע פֿיס. איר געזיכטס־אויסדרוק האָט געשטראַלט מיט גוטסקייט, און ווען זי האָט געלאַכט, האָבן זיך באַוויזן צוויי חן־גריבעלעך אויף אירע באַקן.

לאה האָט געקאָנט אַלע סאָרטן אַרבעטן אין דער פֿאַרם. גיין נאָכן אַקער, פֿירן די זיי־מאַשין, צעשפּרייטן דאָס מיסט און גוט־גוט צו באַאַרבעטן די בייטן. זי האָט געקאָנט אַרויספֿירן דאָס גראָז פֿון פֿעלד אין הויף און זיך באַשעפֿטיקן אין ווינטער־גאָרטן מיט די בלומען און שוואָמען. פֿון דער פֿרי ביזן אָוונט האָט מען געהערט איבעראַל די שטימע פֿון איר געזאַנג. זי האָט געקאָנט זייער שיין זינגען. איר שטים איז געווען רואיק, שטיל, דורכגעזאָפּט מיט אַנגענעמער זיסקייט, אָבער שטאַרק, זיכער, אַן אַ פֿאַלשער נאָטע. די שטימע האָט עדות געזאָגט אויף דעם גלייכגעוויכט פֿון איר כאַראַקטער. זי האָט פֿאַרשפּרייט אַרום זיך רואיקייט, שלווה. ווי גוט און ווי לייכט עס איז געוואָרן אויפֿן האַרץ, ווען מען האָט איר דערהערט זינגען. אפֿשר האָט גורם געווען דערצו איר זינגען, וואָס כ׳האָב איר תּמיד פֿאַרגליכן צו אָשא — אַ טיפּ ביי גאָרקין, און אפֿשר האָט דערצו גורם געווען איר פֿולע געשטאַלט, מיט די ברוסטן־בערגלעך, און אפֿשר איר שטענדיקע גרייטקייט צו העלפֿן אַ צווייטן, זיך צו פֿאַרנעמען מיט שוואַכע און קראַנקע, צו פֿאַרהיילן וואונדן, זיך איינצוהערן צום צווייטנס האַרץ־אויסגוס, צו הערן אָנקלאָגעס און זאָגן ווערטער פֿון דערמוטיקונג און טרייסט.

איין מאָל ביינאַכט איז פֿאַרגעקומען אַ יאָגד אויף מיידלעך. מ׳האָט אויך געכאַפּט לאה׳ן. אין דער גרויסער געביידע פֿון דער פֿאָלקס־שול האָט מען צונויפֿגעטריבן ביז צוויי טויזנט מיידלעך. אַלע צוזאַמענגעדריקט אין דער ענגשאַפֿט — ס׳איז שווער אונטערצושיידן צווישן איין פּנים און דעם צווייטן. אַ ים פֿון קעפּ, געוויינען, געשרייען, היסטערישער געלעכטער, אַ מוראדיקע שטיקעניש — לאה גייט אָבער פֿון איין צימער אין צווייטן. זי זוכט באַקאַנטע און אויפֿן וועג פֿון איר גיין עפֿנט זי די פֿענסטער, מ׳זאָל ניט דערשטיקט ווערן פֿון מאַנגל אין לופֿט. עס זיינען אויך דאָ

יינגערע מיידלעך, ממש קינדער אונטער 13 יאָר. ווי די דאָזיקע קינדער ווײנען! מען דאַרף זיך מיט זיי פאַרנעמען. לאה זאַמלט זיי צענויף אין איין ווינקל אַריין, שמייכלט צו זיי, ווישט זיי אָפּ די טרערן, הייבט זיי אָן צע־קעמען די האָר, דערלאַנגט זיי אַ שטיקל ברויט. „וויינט נישט, — זאָגט זי זיי, — זיי זיינען ניט ווערט צו זען אייערע טרערן. דאָס איז אַ שאַנד! אייך וועט גאָרנישט געשען. אייך וועט מען ניט אַוועקשיקן, איר זייט נאָך צו יונג״.

אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן די קלאַסיפיקאַציע. יעדע איינע איז צוגעקומען צו דער דייטשער קאָמיסיע מיט איר אַרבעטס־צייגעניש. די מיידלעך וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער „ווער־מאַכט״ (אין די געווער־פאַבריקן) האָט מען פריי געלאָזט. לאה איז אַרויס פריי, איינע פון די ערשטע. זי האָט אָפּגעוואַרט די אַרויסגייענדיקע מיידלעך, צוגענומען פון זיי די אַרבעטס־שיינען, און זיי צוריק אַריינגעשיקט אין דער געביידע פאַר די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אַרבעט־שיינען. און אַזוי אַרום איז אָפּגע־ראַטעוועט געוואָרן אַ גרויסע צאָל מיידלעך. זי איז די גאַנצע צייט גע־שטאַנען פאַר דער געביידע, זי מוז וויסן וואָס ס׳קומט פאַר אינווייניק.

די דייטשן האָבן פאַרענדיקט זייער אַרבעט. עס פעלן נאָך אַביסל מיידלעך צום קאָנטיגענט — האָבן זיי די איבעריקע געכאַפּט פון גאַס. און צווישן זיי איז אויך געווען לאה.. איצט רעכנט מען זיך שוין נישט מיט אַרבעטס־צייגענישן. גלייך אין די וואַגאָנען אַריין!

לאה געפינט זיך אין לאַגער. זי שרייבט אונדז פון דאָרט בריוו. „איך בענק נאָך אייך, אָבער ס׳איז גוט וואָס איך געפין זיך דאָ״. אַ האַלבן טאָג אַרבעט זי אין קיך, אַ האַלבן טאָג איז זי אַ קראַנקען־פלעגערין. די אַרבעט איז איבער די כוחות, אָבער זי האַלט זיך פעסט. טראָץ די פאַרשנ־דיקע אויגן פון די נאַציס, האָט זי פון צייט צו צייט באַוויזן אַריינצו־שמוגלען אַ שטיקל ברויט פאַר איינער מיט אַ פנים, בלאַס, ווי ביי אַ מת, וואָס האַלט ביים פאַלן אין אָנמאַכט צוליב שוואַכקייט. זי ווייסט, אַז דעם מיט די ברייטע פלייצעס און שטאַרקן קערפּער וועט ניט פאַרשאַטן אַ קלענערע פּאָרציע, ער וועט זיך שוין ערגעץ וואו אַן עצה געבן, אָבער דער בלאַסער בחור, וואָס איז געגאַנגען אין לאַגער גלייך פון אַ ישיבה און ער נעמט ניט אויך אין מויל אַריין זייער טריפה פלייש, אים מוז מען מיט עפּעס העלפן. פון וואַנען נעמט זי די שפּיז? ווי אַזוי פאַרטיילט זי עס שטילערהייט, אַז די דייטשן זאָלן ניט זען? דאָס איז איר סוד. אויך שדים און רוחות וועלן דאָס ניט געוואויר ווערן. מען האָט איר זייער ליב אין לאַגער. ווען אירע צאַרטע האַנט־פלאַכן רירן אָן אַ וואונד, שפּירט מען אַ פאַר־לייכטערונג, און איר שמייכל באַשטראַלט די וואונדן און היילט זיי אויס.

מען האָט איר שוין פּיל מאָל געזאָגט, אַז זי זאָל מער נישט וואָגן אַריינצוגיין אין אָפּיס פֿון לאַגער זיך משתדל צו זיין פֿאַר קראַנקע, וואָס קענען ניט גיין צו דער אַרבעט; אין דער פֿראַגע דאַרף זי זיך ווענדן צום דייטשן דאָקטאָר. אָבער פֿאַרן דאָקטאָר האָט זי מורא, אמת מורא. ער האָט איר שוין ניט איינמאָל געדראָט, אַז ער וועט איר אָפּזאָגן פֿון דער אַרבעט אַלס פֿלעגערין. דאָס איז אַ שווערע אַרבעט, די אַרבעט פֿון אַרומגיין מיט קראַנקע, אָבער זי מוז דאָ בלייבן, זי איז דאָך דאָ אַזוי שטאַרק נויטיק.

אָבער אויך אין קיך איז ניט בעסער. דאָ הערשט אַ מוראדיקער סיסטעם פֿון כּאַבאַר. די קעכינס גנבענען, זידלען זיך אויף אַ מוראדיקן אופֿן. זייערע באַקאַנטע און פֿריינט גיבן זיי אַרויס די בעסטע פּאָרציעס, און זיי באַקומען מתנות, זיי נעמען שוחד. לאה הויבט אָן ריידן צו זיי, זי וויל אויף זיי ווירקן מיט גוטע ווערטער, זיי פּרעדיקן מוסר; ס'איז דאָך ניט מעגלעך ס'זאָל אַזוי ווייטער גיין. אָבער אירע רייד זיינען אַרויס־געוואָרפֿן. אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן איז מען מודיע: די אַרבעטאָרינס פֿון דער קיך זיינען קראַנק געוואָרן. וואָס איז געשען? קיינער ווייסט נישט, אָבער אויף לאהס געזיכט הינטער די נאָז־פֿליגלען שוועבט אַ באַהאַלטע־נער געלעכטער, מ'האָט זיי גוט דערלאַנגט, זיי ווייסן שוין אַליין פֿאַר־וואָס. עס האָט דאָך געמוזט אַמאָל אויפֿהערן דאָס נעמען כּאַבאַר אין דער קיך...

„לאה, שרייבן מיר איר, דו ביזט ניט איינזאַם אין דיין קאַמף אין לאַגער. דעם זעלבן קאַמף פֿירט אָן רחל אין לאַגער פֿון גוטאָן־בריקע, שרה אין מאַרקשטאַדט און גוטא אין קלאַטאַנדאָרף".

ס'איז זיי שווער דאָרט אין די לאַגערן. זיי זיינען דורשטיק נאָך אַ ידיעה פֿון אונדז. און אונדז ווערט נאָך ערגער פֿון טאָג צו טאָג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס. מען ווייסט נאָך נישט וואוהין מען שיקט זיי, אפֿשר צו דער אַרבעט, אפֿשר אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָבער איין זאַך ווייסן מיר: מען דאַרף זען, אַז עס זאָלן אַוועקגיין וואָס ווייניקער, און ווי ווייט מעגלעך אַרויסראַטעווען פֿון זייערע הענט וואָס מער מענטשן.

די יידן, וואָס מען דאַרף אַוועקשיקן, ווערן צונויפֿגעזאַמלט און אָפּ־געשלאָסן אין אַ גרויסער געביידע. מיר מוזן זיך אַהין אַריינברעכן פֿאַר יעדן פּרייז. מיר רוקן אונטער די קהילה־פֿאַרשטייער דעם געדאַנק, אַז אין דער געביידע מוזן זיך געפֿינען סאַנאַטאָריעס, און זיי זיינען מחויב צו קריגן אַריינגאַנג־דערלויבענישן פֿאַר קראַנקן־שוועסטער. די זאַך ווערט איינגעאָרדנט. עס גייען אַריין מיידלעך מיט העלע פֿאַרטוכער. איבעראַל שפּאַרן זיי אָן, אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער געביידע. זיי טרייסטן, באַרואיקן,

פֿאַרנעמען זיך מיט קראַנקע. אָבער דאָס איז ניט די איינציקע אַרבעט. מען דאַרף אַרויסנעמען אויף דער פֿריי וואָס מער מענטשן. איינע נעמט אַראָפּ פֿון זיך דעם ווייסן פֿאַרטוך און זאָגט צו אַ צווייטער פֿרוי: טו זיך עס אָן שנעל, נעם די צייגעניש און גיי אַרויס גלייך, אָן מורא, דורכן הויפּט־אַרויסגאַנג. מען וועט דיך אַפֿילו ניט פֿאַרהאַלטן. דערנאָך שיק עס אַריין צוריק. און אַזוי ווערט יעדע עטלעכע שעה ווער פֿאַרשווינדן מיט אַ ווייס פֿאַרטוך. מען מוז קוקן מיט זיבן אויגן, וועלכער זשאַנדאַרם עס שטייט אין טויער, צי דער, וועמען מען האָט צוגעזאָגט אַ גאָלדענעם זייגער, אָדער אין דער צווישנצייט איז גאָר געקומען דער לייטענאַנט, ווייל צו אים דאַרף מען צאַרט שמייכלען און אָנשטעלן אַן אומשולדיק פּנים.

דאָ פֿירט אָן די אַרבעט אירקע. זי איז זייער יונג, אָבער זי האָט פֿיל דערפֿאַרונג. הויך, וואונדערבאַר שיין געבויט, האָט זי זיך פֿיל פֿאַרנומען מיט ספּאָרט, און זי געפֿינט חן אין די אויגן פֿון די דייטשן. און זי שמייכלט צו זיי זייער שיין. אָבער זי האָסט זיי! ווי זי וואָלט זיי וועלן דערשטיקן מיט די אייגענע הענט! ס'וועט נאָך קומען די שעה, איך וועל זיי אָפּצאָלן פֿאַרן דאַזיקן שמייכל — טראַכט זי זיך אין האַרץ.

אירקע געפֿינט אַ דורכגאַנג פֿון בוידעם־שטיבל פֿון הויז, וואו עס זיינען אָפּגעשלאָסן אַלע קאַנדידאַטן אויף דעפּאָרטאַציע — דער וועג פֿירט צו אַ בלאָק פֿון ציווילע הייזער, וואו עס איז נישטאָ קיין דייטשע וואַך. מען האָט אויסגעבראָכן אַ לאָך אין דער וואַנט פֿון דער מויער, און דורך דאָרט שיקן די פֿלעגערינס אַהיים די אַרעסטירטע.

אַלץ איז אָרגאַניזירט וואונדערבאַר. די וואַך ביים אַריינגאַנג אין בוידעם־שטיבל. און מיידלעך — פֿאַרבינדונגס־פּאָסטנס. וויפֿיל פּחד און סכּנות איידער מען שיקט אַרויס איין מענטש. און דעם טאָג האָט מען באַפֿרייט אַזוי אַרום עטלעכע הונדערט מענטשן. פּלוצלונג פֿאַלן אַריין אין דער געביידע דייטשע אָפֿיצערן און פֿאַרלאַנגען דאָקומענטן. איין פֿלעגערין פֿעלט אַ פֿאַרטוך, דער צווייטער פֿעלט אַן אַרבעטס־צייגעניש. זיי ווערן גלייך אַוועקגעפֿירט צו די וואָס וואַרטן אויף ווערן אַוועקגעשיקט. אַן קרבנות גייט עס נישט.

אָבער דאָס איז נישט גענוג, די דאָזיקע אַרבעט, זאָגט עדזשע. מיר מוזן זיך גרייטן צו פֿאַרטיידיקן זיך, אויפֿן ביישפּיל פֿון וואַרשע. עדזשע זעט אויס ווי געמאַכט פֿון שטאָל. זי איז שוואַר, שאַרסטיק און שאַרף־בייניק. זי האָט אין זיך גאָרנישט פֿון פֿרוילעכקייט. מען קען זיך איצט ניט פֿאַרנעמען מיט געפֿילס־ און ליבע־זאַכן — פֿלעגט זי זאָגן. ס'איז שוין אַוועק די צייט, ווען דאָס זיינען געווען די וויכטיקסטע פֿראַגן. זי האָט דאָס אין גאַנצן אַרויסגעריסן פֿון איר האַרץ. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט אַז זי האָט אַמאָל אָנגעקניפּט אַ ליבע־פֿריינטשאַפֿט מיט עפּעס אַ בחור.

איך האָב איר געזען ווי זי איז געשטאַנען בעת דעם „אַפּעל״ פֿון „קן״, אַ בלאַסע מיט פֿלאַמענדיקע באַקן. די אויגן האָבן געוואָרפֿן בליצן און זי האָט גערעדט וועגן יידישן כּבוד, וועגן דער הגנה. זי האָט געקענט רעפּערירן אין אַ פּראַקטישן ענין, טרוקן מיט אַ קאַלטן מוח פֿון אַ בעל־שכל, אָבער זי האָט גלייכצייטיק געקענט אויך באַאיינפֿלוסן, אָנצינדן, מיטרייסן מיט זיך מיט באַצויבערנדיקער קראַפֿט. אַ פֿולשטענדיקע שטיל־קייט האָט געהערשט ווען זי האָט גערעדט. אַלע אויגן אויף איר געווענדט. מען וועט גיין נאָך איר אין פֿייער און אין וואַסער. זי איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערין. אפשר האָט זי עס געירשנט פֿון איר פֿאָטער, אַ רעוואָלוציאָנער פֿון 1905. איר געדאַנקען־האָריזאָנט איז געווען אַ ברייטער, מיט דער פֿעאיקייט צו זוכן און אויפֿנעמען נייע געדאַנקען.

עדזשע וויל פֿאָרן קיין וואַרשע — פֿאַר יעדן פּרייז. ״איך פֿאָר, זאָגט זי, איך מוז דאָרט זיין, זען מיט מיינע אייגענע אויגן זייער אַרבעט, נעמען אין איר אָנטייל. איך וויל זיך פֿאַרפֿאַלקאָמען אין דער דאָזיקער אַרבעט, און דאַן וועל איך צוריק קומען, און וועל פֿאַרפֿלאַנצן די שפּראָצונגען פֿון אויפֿשטאַנד אויך דאָ. זיי וועלן דאָך מיר ניט אָוועקשיקן מיט ליידיקע הענט. כ׳וועל אויך ברענגען אַ מתּנה, דעם ערשטן טראַנספּאָרט פֿון געווער״. זי איז געפֿאָרן, אָבער ניט מער צוריקגעקומען. זי איז אַריינגעפֿאַלן אין זייערע הענט אין טשענסטאָכאָוו. פֿאַרשיידענע נוסחאות גיט מען אָן וועגן איר טויט.

מען דערציילט, אַז נעבן איר האָט זיך באַוויזן אַ געהיים־אַגענט און האָט זיך געלאָזט נאָך איר. זי האָט עס דערשפּירט. זי האָט גענומען גיין פֿון גאַס נאָך גאַס, זי האָט ניט גוט געקענט די שטאָט און אָנשטאָט אַריי־בערצוגיין אין דער זייט פֿון די אַרישע גאַסן — איז זי אָוועק אין זייט פֿון דער געטאָ. דאָס האָט דעם געהיים־אַגענט אויסגעזען פֿאַרדעכטיק. ער האָט איר אָנגעהויבן נאָכיאָגן. זי איז אַנטלאָפֿן און דאַן איז איר אַרויס־געפֿאַלן דער רעוואָלווער פֿון ברוסט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. זיי האָבן איר געכאַפּט און דערשאָסן אויפֿן אָרט. ס׳איז אויך דאָ אַן אַנדער נוסח: אַ געהיים־אַגענט האָט איר אָנגעהויבן נאָכגיין טריט ביי טריט. האָט זי אָנגעהויבן פֿאַרפֿירן מיט אים אַ פֿלירט. ער האָט איר איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב און זי איז געגאַנגען צו אים ווייל זי האָט נישט געהאַט וואוהין צו גיין. דער פֿאַרבינדונגס־מענטש, וואָס האָט איר געדאַרפֿט אָפּוואַרטן אין טשענסטאָכאָוו, האָט געזען מיט וועמען זי גייט, איז ער אַוועק, און דער געהיים־אַגענט האָט איר שפּעטער געוואַלט פֿאַרגוואַלדיקן, האָט זי אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסן, אָבער ער האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן און ברענגען פּאָליציי.

מער האָבן מיר פֿון איר גאָרנישט געהערט. עדזשע איז נישט צו־ריקגעקומען. אויף איר אָרט איז געקומען עסטעריט. עסטעריט איז גאָרנישט געווען ענלעך צו א טיפּישער אינטעליגענטקע; אָבער זי האָט זייער גוט געקענט איר פֿאַך אַלס פֿאַרבינדונגס־מענטש. זי האָט דורכ־געשמוגלט מענטשן און געווער. זי האָט געוואוסט אַלע באַנען, וועגן און שאָסייען, וואָס פירן פֿון וואַרשע אין דער פּראָווינץ. יעדן טאָג אין אַן אַנ־דער קליידונג, אַמאָל ווי אַ פּויערטע פֿון דאָרף, אַן אַנדערש מאָל ווי אַ לערערין פֿון שטאָט, אָנגעטאָן אין אַ גרויס היטל, האָט זי איבערגעפֿירט געווער, געלט, בריוו, ידיעות און געפֿעלשטע דאָקומענטן.

ניט נאָר צוליב איר פֿיינעם אַרישן אויסזען האָט זי גוט דערפֿילט אירע פֿליכטן, נאָר קודם־כּל דורך איר דרייסטקייט און אויסערגעוויינלעכן מוט. מיט חוצפּה האָט זי אַריינגעקוקט אין די אויגן פֿון די געהיים־אַגענטן. זי פֿלעגט זיי פֿרעגן צי זיי ווילן ניט אונטערזוכן אירע דאָקומענטן. זי האָט געהאַט פֿיל מזל. אָבער אויך זי איז ניט איינמאָל געזעסן אין טורמע.

פֿיל אַזעלכע מיידלעך זיינען אַרויס און זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט איבערן לאַנד, און צום סוף זיינען זיי אַלע אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי. פֿיל פֿון זיי זיינען געשטאָרבן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אַלס פּוילישע פֿרויען. ביז דער לעצטער רגע האָבן זיי זיך ניט מודה געווען ווער זיי זיינען און וואָס פֿאַראַ אויפֿגאַבע זיי דערפֿילן. מען פֿלעגט קריגן פֿון זיי בריוו. מען פֿלעגט זיי שיקן פּעקלעך און זיי פֿלעגן דערציילן וועגן באַקאַנטע און חברים, וועמען זיי האָבן געטראָפֿן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זיי אַרויסגעהאָלפֿן.

אין דער פֿאַרטיידיקונג, אין די שלאַכטן האָבן זיך די מיידלעך באַ־טייליקט פּונקט אַזוי גוט ווי די מענער. זיי האָבן זיך געקאָנט באַנוצן מיט אַלע סאָרטן געווער. בעיקר איז געווען זייער אויפֿגאַבע אונטערצוציינדן הייזער אין אַרישע קוואַרטאַלן, צו זיין פֿאַרבינדונגס־מענטשן, היילן פֿאַר־וואונדעטע, אָבער זיי האָבן אויך אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אַליין.

די צאָל פֿון די מיידלעך, וואָס זיינען געפֿאַלן אין שלאַכט איז ניט געווען קלענער פֿון דער צאָל געפֿאַלענע בחורים.

אין די מלחמה־טעג איז אויסגעוואַקסן און אַרויסגעשוואומען אַ נייער טיפּ פֿון אַ מיידל, וואָס שטייט אויף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס פֿון קאַמף. אַ סימבאָל פֿון דאָזיקן נייעם טיפּ פֿון אַ מיידל איז געווען האַלאַ, וואָס איז אַרויס מיט דער ערשטער גרופּע פּאַרטיזאַנען אין וואַלד. אין הויכע שטיוול אין רייט־הויזן, מיט אַ ביקס. מיט גרויס שווערקייטן וואָלט ווער געקענט דערקענען אַז ער האָט פֿאַר זיך אַ פֿרוי.

אויך נאַציאַ האָט געוואָלט פֿאָרן מיט איר. זי האָט זיך געריסן אין קאַמף. „איך וויל מיט מיינע אייגענע הענט דערהרגענען פֿיל פֿון זיי, זיך נוקם זיין פֿאַר די יידישע קליינע קינדער, וואָס זיי האָבן דערשטיקט אין די וואַגאָנעס, זיך נוקם זיין פֿאַר אונדזערע עלטערן, דערמאָרדעט און דערשטיקט מיט גאַז".

„ניין, — האָט מען איר געזאָגט, — דו האָסט צו דערפֿילן אַן אַנדער אויפֿגאַבע. דו דאַרפֿסט זיך אַרויסראַטעווען פֿון געטאָ, דערגרייכן אויס־לאַנד, קומען קיין ארץ־ישראל. דו דאַרפֿסט דערציילן וועגן אונדז, וועגן אונדזער קאַמף, וועגן אונדזער לעבן און טויט".

נאַציאַ איז אַוועק, אָבער זי האָט נאָר דערגרייכט אָשוויענטשים. אַנדערע זיינען אַוועק און יאָ דערגרייכט זייער ציל.

חיה קלינגער

די חלוצים אין קאַמף

...ווען עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן די מאַסן־שחיטות, וועגן די גאַז־וואַגאָנען, ווען ס׳איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז מיר שטייען פֿאַר דער פֿולשטענדיקער פֿיזישער אויסראָטונג פֿון יידישן פֿאָלק, איז געוואָרן פֿאַר אונדז קלאָר, אַז ס׳איז וויכטיקער צו באַגיין אַ גרויסן היס־טאָרישן אַקט איידער ס׳זאָלן זיך אַנשליסן נאָך צענדליקער יונגע יידן אין דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג. מיר האָבן דערפֿאַר באַשלאָסן צו אָרגאַ־ניזירן אַ באַוועגונג פֿון ווידערשטאַנד. מיר זיינען געקומען צו דער יידישער יוגנט און געזאָגט: אַזוי זעען אויס פֿאַר אונדז די אויסזיכטן, אַזוי זעט אויס פֿאַר אונדז די צוקונפֿט.

אין איין שטעטל אין מערב־גאַליציע איז געוואָרן אָנגעשריבן און געחתמעט אַ היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס אַנטהאַלט פּרטים פֿון די שחיטות, געחתמעט דורך עדות, און דער דאָקומענט איז געבראַכט גע־וואָרן צו דער יידישער עפֿענטלעכקייט. אין קאַמף מיט די פֿאָרזיצערס פֿון די קהילות, וואָס האָבן ניט געוואָלט דערציילן די יידן דעם גאַנצן אמת, האָבן מיר גענומען אויף זיך די ביטערע מיסיע אַרויסצושיקן שליחים אין די שטעט און שטעטלעך און דערציילן ווי עס ווערט געפֿירט די פֿאַרניכטונגס־אַקציע פֿון די יידישע מאַסן. מיר האָבן אויפֿגעטרייסלט די רואיקייט פֿון די יידן. ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אונדז געזאָגט: „וואָס ווילט איר פֿון אונדז? לאָזט אונדז זיצן רואיק." אָבער מיר האָבן ניט געלאָזט די יידן פֿאַרמאַכן זייערע אויגן אויף דעם גורל, וואָס זיי דער־

וואַרט. און די חלוצישע באַוועגונג, וואָס איז פֿריער געווען געבויט אויף פֿרייהייט, ליכט און אָפּטימיזם, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגונג פֿול מיט מרה־שחורה, וואָס דערציילט איבעראַל וועגן דער פֿיזישער פֿאַרניכטונג, וואָס דערוואַרט אַלעמען, וועגן די מאַסן־רציחות, וועגן די גאַז־קאַמערן.

דאָס איז געוואָרן אונדזער ערשטע אויפֿגאַבע. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אונדזער וועג איז געווען ריכטיק. און אויב פֿריער האָבן יידן געטראַכט אַז אויב זיי וועלן אַריינגיין אין די וויכטיקסטע וואַרשטאַטן, וואָס אַרבעטן פֿאַר דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע, וועט זיי געלינגען זיך צו ראַטעווען, איז שפּעטער אַלץ מער קלאָר געוואָרן, דאָס וואָס אַן אַנגעזעענער דייטש האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ ייד: די פֿאַרניכטונג פֿון די יידן איז אַ מלוכהיש־פּאָליטישע אַקציע, און ס'איז נישטאָ קיין כּוח אין דער וועלט, וואָס זאָל דאָס קאָנען שטערן. דאַן איז געוואָרן קלאָר, אַז די יידן מאַכן זיך נאָר אילוזיעס, אַז אַרבעטענדיק פֿאַר די דייטשן וועלן זיי בלייבן לעבן. די דייטשן איז ניט וויכטיק אויב זיי וועלן האָבן נאָך אַ צאָל אַרבע־טער אָדער פֿאַבריקן — זיי ווילן פֿאַרניכטן פֿיזיש דאָס יידישע פֿאָלק.

און אַזוי איז עס טאַקע געשען. די שחיטות האָבן זיך אָנגעהויבן אין די מזרח־געביטן וואָס זיינען פֿריער געוואָרן דעראָבערט דורך די סאָוועטן און שפּעטער דורך די דייטשן און זיך געענדיקט אין זאַגלעמביע. אין וואַרשע איז דער גירוש דורכגעפֿירט געוואָרן אויף אַן אַכזריותדיקן אופֿן. שרעקלעך איז געווען דאָס בילד פֿון פּלאַץ, וואו מ'האָט צונויפֿגעזאַמלט די יידן, כּדי זיי אַריינצושלעפּן מיט כּוח אין די וואַגאָנען. דער פּלאַץ האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע קופּע מיסט. פֿאַרוואונדעטע און קראַנקע קינדער, צעקלאַפּטע זקנים, פֿאַרשידענע אברים פֿון מענטשן — דאָס איז געווען דאָס בילד פֿון „אומשלאַג־פּלאַץ". די דייטשן האָבן געפֿונען זייערס אַ סיסטעם ווי אַריינצונאַרן די יידן אויפֿן פּלאַץ. זיי האָבן צוגעזאָגט יעדן ייד אַ לאַבן ברויט און מאַרמעלאַד. דער צופֿיר פֿון לעבנס־מיטל אין דער געטאָ איז בדרך־כּלל געוואָרן אָפּגעשטעלט און נאָר דורך אומלעגאַלע וועגן, דורך אונטערקויפֿן די דייטשע וואַך־פּאָסטנס, איז געלונגען אַריינ־צושמוגלען אין געטאָ אַביסל שפּייז. מען האָט אויך אַריינגעפֿירט לעבנס־מיטל מיט דער הילף פֿון אויטאָמאָבילן פֿון רויטן קרייץ. אָבער די דייטשן האָבן אַנטדעקט די וועגן, האָבן זיי אָפּגעשניטן פֿון געטאָ און אוממעגלעך געמאַכט דעם צופֿאָר פֿון לעבנסמיטל. די נויט איז געווען אַ מוראדיקע, און צוליב דער דאָזיקער נויט איז די דייטשן געלונגען צו פֿאַרנאַרן פֿיל יידן דורכן צוזאָגן זיי צו געבן אַביסל עסן.

מען איז געגאַנגען צום פּלאַץ טראַץ דעם, וואָס מיר האָבן זיך באמיט אויסצובויען „בונקאַרן" אויף די בוידעמער און קעלער־שטובן. שפּעטער האָבן די נאַציס פאַרקלענערט דעם פּרייז פאַר די געכאַפּטע יידן, צוזאָגנדיק נאָר אַ האַלבן קילאָ ברויט און אַ פערטל קילאָ מאַרמעלאַד. אַזוי אַרום איז ביליקער געוואָרן דאָס לעבן פון ייד.

אין אַן ענגן וואַגאָן האָט מען אַריינגעשטופּט מיט גוואַלד 100־200 מענטשן. קליינע קינדער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין די וואַגאָנען און פיל האָט מען צעשמעטערט דעם קאָפּ ביים אַריינוואַרפן אין וואַגאָן. פיל מענטשן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן פּלאַץ. אַזעלכע שרעק־בילדער האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן טאָג. אין דער צייט האָט זיך פאַרזאַמלט די יוגנט און באַשלאָסן: מיר וועלן בשום־אופן ניט גיין אין די טויט־וואַגאָנען! מיר האָבן באַשלאָסן זיך ניט אַנצושליסן אין דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג נאָר שאַפן אַן אייגענע קאַמפּס־באַוועגונג. די הויפּט־מאָטיוון ביים שאַפן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זיינען געווען: דער איינערלעכער באַוואוסטזיין פון יעדן חבר, אַז ער טאָר זיך ניט לאָזן פירן צו דער שחיטה און ער מוז זיך נוקם זיין איידער מען וועט אים דערשטיקן מיט די גיפטיקע גאַזן, און דער ווילן צו ראַטעווען פאַר די קומענדיקע דורות דעם כבוד און דעם נאָמען פון דער יידישער יוגנט און דערגרייכן עפּעס אַ וויכטיקן לעצטן אויפטו אין דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן.

דאָס שאַפן די קאַמפּס־באַוועגונג איז אונדז אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן. מיר האָבן ניט געהאַט קיין מיטלען און ניט ווייניק פאַר־ביטערונג האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אונדזער האַרץ קעגן די יידן אין אויסלאַנד.

מיר האָבן ניט געהאַט קיין געלט־מיטלען זיך איינצושאַפן געווער. די חברים פלעגן אַרויסשלעפּן פון זייערע היימען יעדע זאַך וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ ווערט, אַן אַנצוג, אַ זייגערל או״וו. די וואָס האָבן באַ־קומען עפּעס שפּייז־פּעקלעך פון אויסלאַנד פלעגן פאַרקויפן און אָוועקגעבן דאָס געלט אויף קויפן געווער. שפּעטער האָבן מיר אַרויפגעלייגט קאָנטרי־בוציעס אויף רייכע יידן — און די יידן האָבן געגעבן. מיר האָבן ניט גע־נומען קיין גראָשן מער ווי דער סכום וואָס איז געוואָרן באַשטימט, אַפילו ווען דער ייד האָט געהאַט מיליאָנען. די יידן האָבן זיך אויסגעלערנט צו געבן.

מיר האָבן אויסגעשולט מענטשן פאַר דער אַרבעט פון אַריבער־שמוגלען דאָס געווער פון דער אַרישער זייט. עס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן דריי מאָל אַ וואָך דורכגעשמוגלט געווער.

מיר האָבן אויך אויפֿגעשטעלט אייגענע וואַרשטאַטן אויסצואַרבעטן געווער, אונדזערע חברים האָבן געלערנט כעמיע און אויסגעאַרבעט באָמ־בעס און גראַנאַטן און פֿלעשער מיט אויפֿרייס־מאַטעריאַל. אונדזערע וואַרשטאַטן זיינען געוואַקסן. אונדזערע אַליין־פּראָדוצירטע באָמבעס זיינען געווען בעסער פֿאַר די וואָס מיר האָבן געקויפֿט פֿאַר געלט.

איינע פֿון אונדזערע אויפֿגאַבן איז געווען צו שאַפֿן אַ באַציאונג פֿון רעספּעקט צו דער אָרגאַניזאַציע אויף דער יידישער און אויף דער פּוילישער גאַס. די פּוילישע פּאָליציי איז געוואָרן באַאויפֿטראַגט פֿון די דייטשן צו באַקעמפֿן אונדזער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער פּוילישער גאַס אונטערן נאָמען „זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציע באָיאָוואַ" (יידי־שע קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע). איינמאָל האָט די פּוילישע פּאָליציי פֿאַרכאַפּט אונדזערס אַ געווער־טראַנספּאָרט; איינער פֿון די אַרעסטירטע חברים האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן און עס אונדז איבערגעבן. מיר האָבן דאַן מיט־געטיילט די פּוילישע פּאָליציי: אַז אין משך פֿון אַ האַלבער שעה דאַרף זיך דאָס געווער געפֿינען אין אַ באַשטימט הויז; אין קעגנפֿאַל וועט אייער געביידע ווערן אויפֿגעריסן אין דער לופֿטן. נאָך איידער ס׳איז דורך די האַלבע שעה איז דאָס געווער שוין געווען אין באַשטימטן הויז.

די באַוועגונג איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. מיר האָבן אַרויסגעגעבן פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. מיר האָבן פֿאַרפֿירט אַ קאַמף מיט די יידישע „מוסרים". נישט ווייניק פֿון זיי זיינען פֿאַרשוואונדן. און אויב אין אָנהויב פֿון אונדזער אַרבעט האָבן זיך נאָך געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן איבער־געגעבן דער דייטשער פּאָליציי אונדזער צייטונג און אונדזער גאַנצן מאַ־טעריאַל, האָט זיך דאָס נאָך אַ געוויסע צייט אָפּגעשטעלט. מען האָט שוין מער נישט געוואַגט, ווייל מ׳האָט געוווּסט: האָבן מיר אַרויסגעטראָגן קעגן וועמען ס׳איז אַ טויט־אורטייל, איז ער אויסגעפֿירט געוואָרן אָן רחמנות.

דער ערשטער אויפֿשטאַנד אין וואַרשע (אין יאַנואַר) איז געווען קליין, אָבער ער האָט געהאַט די זעלבע היסטאָרישע באַדייטונג ווי די ערשטע שיסעריי אין געטאָ, ווען אונדזערע חברים זיינען באַפֿאַלן דייטשן און ביי זיי צוגענומען געווער. דער דאָזיקער ערשטער באַוואָפֿנטער צו־זאַמענשטויס האָט אַלעמען באַוויזן, אַז דער מענטש וואָס קעמפֿט מיט גע־ווער אין האַנט ראַטעוועט ניט נאָר אונדזער כּבֿוד, נאָר ער קאָן אויך ראַ־טעווען זיין לעבן.

ביים ערשטן אויפֿשטאַנד זיינען געפֿאַלן 40 דייטשן און אַ צאָל פֿון אונדזערע חברים. דאָס האָט זיך אָפּגערופֿן אויפֿן ווייטערדיקן שנעלן וואוקס פֿון דער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע. די דייטשן האָבן שוין געוווּסט אַז דער קומענדיקער גירוש וועט ניט זיין מער קיין שפּיל. זיי האָבן שוין

געוואוסט אַז אין געטאָ איז דאָ געווער און אַז די יידן באַהאַלטן זיך אין בונקערן.

די דייטשן האָבן אַריינגעשיקט אין דער געטאָ אוקראַינער דורכצופירן דעם גירוש. די יידן זיינען אַריין אין די בונקערן, אָבער די מיטגלידער פון די קאַמפּס־אָטריאַדן האָבן באַקומען דעם באַפעל אַרויסצוגיין אין קאַמף. די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן. פון פיינט זיינען געפאַלן צענדליקער. זיי זיינען אָפּגעטראָטן צו די טויערן פון געטאָ. אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי זיך צוריקגעקערט מיט טאַנקען. די טאַנקען זיינען געוואָרן אונטער־געצונדן און פאַרברענט. די שלאַכט האָט זיך געפירט ניט נאָר מיט רעוואָל־ווערן און מיט פלעשער פון אויפרייס־שטאָפן. אונטער איינער פון די וויכ־טיקסטע עפענטלעכע געביידעס האָט מען אונטערגעלייגט אַ באָמבע. זי האָט אויפגעריסן מיט אַזאַ קראַפט, אַז די דייטשן האָבן געמיינט אַז די באָמבע ליגט נאָך דאָרט פון דער צייט פון קריג, און האָבן ניט געקאָנט גלויבן אַז מיר האָבן דאָס אונטערגעלייגט. דאַן האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אונדז באָמבאַרדירן פון דער לופטן. מען האָט גערעדט וועגן פאַנטאַסטי־שע ציפערן פון באַוואָפנטע יידן. מען האָט דערציילט, אַז די יידן האָבן דעראָבערט די באַרימטע טורמע פון „פּאַוויאַק״, און עס קעמפן טויזנ־טער יידן.

די לופט־באָמבאַרדירונג האָט געצוואונגען אַלעמען, אויך דער יוגנט אַריינצוגיין אין די בונקערן. די דייטשן האָבן ביסלעכוויז אַנטדעקט די בונקערן. אויך דער וויכטיקסטער בונקער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן אַנטדעקט. די חברים האָבן זיך געוואָלט דורכרייסן דורך די קאַנאַלן, וואָס פירן אין קריסטלעכן קוואַרטאַל. מען האָט זיי אַרומגערינגלט. איין גרופּע, וואָס האָט דורכגעבראָכן דעם וועג איז געווען באַוואָפנט. זיי האָבן געקעמפט און געפאַלן, אָבער אַ טייל איז געלונגען אַריינצוגיין אין די קאַנאַלן. און דאָ האָבן פיל חברים געענדיקט זייער לעבן אויף אַ טראַ־גישן אופן. אַנשטאָט צו פאַלן פון קוילן, זיינען זיי אומגעקומען פון הונגער און דורשט. זייער לאַגע אין די קאַנאַלן איז געווען אַ מוראדיקע. דער חבר פון „דרור״[1] ש. י. האָט געפּרואווט אָרגאַניזירן אַ רעטונגס־אַקציע דורך דער פּ. פּ. ר. אויף אַרויסציען די חברים פון די קאַנאַלן. די פּ. פּ. ר. האָט פאַרכאַפּט אַ גאַנצע גאַס אין קריסטלעכן קוואַרטאַל, וואָס פירט אַרויס פון די קאַנאַלן. אין אַ קורצער צייט איז געלונגען אַרויסצו־ראַטעווען פון דאָרט 40 חברים. די וויכטיקסטע אָנפירער האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין די ערשטע. ווען די דייטשן זיינען געוואויר געוואָרן אַז

---

[1] יוגנט־פאַרבאַנד פון פּועלי ציון־צ. ס.

פיל קעמפֿער באַהאַלטן זיך אין די קאַנאַלן, האָבן זיי אַהין אַריינגעלאָזט גאַז. און דאָ איז געשען דאָס מוראדיקסטע: די חברים וואָס האָבן געטאָן אַלץ כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון גאַז־טויט און האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פֿאַר קיין זאַך אַבי ניט צו שטאַרבן מיטן דאָזיקן טויט — זיינען צום סוף אומגעקומען דורך גאַז. אַ טייל פֿון די חברים אין די קאַנאַלן האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. אַזוי זיינען געפֿאַלן די יעניקע, וואָס זיינען געווען די פֿירער פֿון דער הגנה. מוראדיק האָט אונדז געטראָפֿן די ידיעה, אַז אַלע זיינען געפֿאַלן און קיינער איז ניט געבליבן. דאָס איז געווען איבער יעדער פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט פֿון די לעבן־געבליבענע. אַ טייל פֿון די חברים, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַרויסצוראַטעווען, זיינען דערהערנדיק די ידיעה, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זיי האָבן ניט געוואָלט לעבן מער: אָן אַ פֿאָלק, אָן אַ באַוועגונג און אָן חברים.

טראַגיש איז געווען דער גורל פֿון דער יידישער יוגנט און פֿון דער „החלוץ"־באַוועגונג אין פּוילן. אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט און נישט איצט איז די צייט צו באַווייזן די באַוועגונג. די באַוועגונג איז געגאַנגען אויפֿן ריכטיקן וועג, הגם ער איז געווען מוראדיק און טראַגיש. דאָרט וואו עס שטאַרבט דאָס גאַנצע פֿאָלק, דאַרף אויך שטאַרבן זיין אַוואַנגאַרד. דערפֿאַר איז דאָס געווען דער איינציק־מעגלעכער און ריכטיקער וועג.

רוזשקע

מענטשן און טאַטן

קיינער פֿון אונדז איז ניט געווען דאָן אין וואַרשע. קיינער פֿון אונדז האָט ניט געזען די געטאָ אין אירע דערהויבנסטע מינוטן, אין איר לעצטן קאַמף; מיר האָבן ניט געזען דאָס פֿאַלן פֿון איר לעצטן קעמפֿער, מיט־שלעפּנדיק מיט זיך די לעצטע פֿאָן — די ווייס־בלויע פֿאָן, וואָס האָט געפֿלאַטערט איבערן קעמפֿנדיקן געטאָ ווי אַן אויבערשטער סימבאָל פֿון שטאָלץ פֿון פֿאָלק און זיין נקמה.

מיר זיינען ניט געווען מיט זיי. אָבער אונדזערע הערצער האָבן זיך געצויגן צו זיי מיט דעם גאַנצן ווייטיק און בלוט־פּיינטשאַפֿט צו די נאַציס, וואָס האָבן אונדז אָנגעפֿילט. יעדער פֿון אונדזערע מענטשן האָט זיך געזען דאָרט, אין סאַמע מיטן פֿון טראַגישן געראַנגל, אין לעצטן קאַמף פֿון דער וואַרשעווער געטאָ.

צום ערשטן האָבן זיך דורכגעריסן ברעקלעך פֿון ידיעות — פֿאַר־נעפּלטע, אומזיכערע. פֿון מויל צו אויער האָט מען איבערגעגעבן, אַז דאָרט, אין וואַרשע, געשעט עפּעס; אַז דאָס גרויסע, שטילע געטאָ פֿון

וואַרשע האָט אויפֿגעשטורעמט... און צענדליקער און הונדערטער געטאָ־מענטשן זיינען אַרויס אין גאַס, באַוואָפֿנט מיט געווער און זיינען אַרויס אין קאַמף ווינציקע קעגן אַ סך... אפֿשר דעם לעצטן קאַמף.

די ידיעות זיינען ניט קיין קלאָרע, ניט קיין קאָנטראָלירטע. זיי קומען פֿון מויל פֿון אַ פּוילישן באַן־אַרבעטער און אַמאָל ווייסט מען גאָרניט פֿון וואַנען זיי שטאַמען. אונדזער געטאָ — די געטאָ פֿון ווילנע איז געוואָרן אויפֿגעטרייסלט אין דורכגעדרונגען מיט אומרו. מיט געשפּאַנטקייט און איינגעהאַלטענעם אָטעם זאַפּט זי איין יעדן קלאַנג, יעדעס וואָרט, וואָס קומט פֿון דאָרט.

און די פּ. פּ. אָ. (פֿאַראייניקטע פּאַרטיזאַנען אָרגאַניזאַציע) ווייסט: אויב זיי האָבן שוין אָנגעהויבן, הייסט עס, אַז אויך אונדזער רייע דער־נעענטערט זיך...

* * *

איבער די הויכע און פֿאַרמאַכטע מויערן פֿון דער געטאָ זיינען ניט דורכגעדרונגען קיין נעמען. קיינער ווייסט ניט ווער עס זיינען יענע, וואָס האָבן געוואַגט, וואָס האָבן פֿאַרנאַנדערגעבלאָזן דעם פֿייער פֿון אויפֿ־שטאַנד. אויך מיר האָבן ניט געוואוסט. אויך צו אונדז האָט זיך גאָר ניט דורכגעריסן. און דאָך, און ווי מאָדנע די זאַך זאָל ניט אויסזען, מיטן קומען פֿון ערשטן קלאַנג, די ערשטע בשורה, האָבן מיר באַלד געוואוסט אויף זיכער ——

אין תּוך גענומען איז דאָך דאָס אַלץ געווען פֿאַרשטענדלעך, קלאָר און פּשוט. האָט מען דען געקענט טראַכטן וועגן דעם וואָס געשעט אין וואַרשע, אין דער געטאָ, ניט זעענדיק דאָרט אין די ערשטע רייען דעם העלן קאָפּ, די מיט יוגנט־קראַפֿט שטראַלנדיקע אויגן פֿון טאָשען?[1]

איז מעגלעך געווען ניט צו זען דאָרט אין שטורעם פֿון די קאַמפֿן דאָס בלאַסע און אַנטשלוס־קרעפֿטיקע פּנים פֿון אריהן?[2]

האָבן מיר דען ניט געוואוסט קלאָר — נאָך דאַן איידער מיר האָבן עפּעס געוואוסט, אַז מרדכי[3] האָט זיך איבערגעגעבן דער זאַך מיט זיין גאַנצער נשמה, האַרץ און לעבן?

האָט מען דען געקענט איין רגע צווייפֿלען, אַז דאָרט, וואו עס גייט דער קאַמף פֿאַר דער פֿרייהייט און כּבֿוד פֿון פֿאָלק — דאָרט געפֿינען זיך אין די ערשטע, געפֿערלעכסטע רייען, צענדליקער פֿון אונדזערע מענטשן?

מיר האָבן דאָך געהערט דאָס קלאַפּן פֿון זייערע הערצער, מיר האָבן דאָך דערקענט דעם הייליקן פֿלאַם וואָס האָט זיי אָנגעצונדן.

---

[1] טאָשע אַלטמאַן.

[2] אריה ווילנער.

[3] מרדכי אַנילעוויטש, דער קאָמענדאַנט פֿון וואַרשעווער אויפֿשטאַנד.

אַלץ איז אונדז באַלד געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך — ווייל ס'האָט דאָך אַנדערש ניט געקאָנט גאָר זיין...

* * *

וואַרשע־ווילנע. פון איין זייט דער גרויסער צענטר פון פוילישן יידנ־טום און פון דער אַנדערער זייט ירושלים דליטא. צוויי געטאָס, וואָס וועלן בלייבן ווי אַ סימבאָל פון אומדערשראָקענעם גייסט, פון דער העכסטער מענטשלעכער גבורה.

זיי וועלן נאָך אַמאָל ווערן אַריינגעפלאָכטן ווי פערל אין די לעגענדעס פון פאָלק. ווילנע — דאָ האָט זיך צום ערשטן מאָל אויסגעוועבט דער שטאָלצער געדאַנק פון פאַרטיידיקונג און קאַמף. דאָס וויגעלע פון דער נייער אידייע, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די געטאָס. וואַרשע, וואָס האָט געגעבן דער דאָזיקער אידעע איר העכסטן אויסדרוק און איר פאַרוואַנדלט אין אַ הערואישן, שטאָלצן און טראַגישן אַקט, אַרויסגייענדיק אָן האָפנונג אויף אַ זיג אויף די באַריקאַדן פון קאַמף.

ווידעראַמאָל שוועבן פאַרביי פאַר מיינע אויגן די ערשטע וואָכן אין ווילנער געטאָ. מיר זיינען געוועזן פאַראייניגזאַמט, אָן פאַרבינדונג מיט דער באַוועגונג. ניט איין מאָל האָבן מיר זיך געפרעגט: און וואָס הערט זיך אין וואַרשע, וואָס האָט שוין אַ צוויי־יאָריקע דערפאַרונג פון אַרבעט אין די באַדינגונגען פון געטאָ? ווייסן זיי פון דעם, וואָס גייט פאָר ביי אונדז? האָט זיך צו זיי דורכגעריסן אַ ברעקל ידיעה פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין ווילנע?

עפּעס ווי אַ תשובה אויף אונדזערע פראַגן האָט אונדז געבראַכט דער בריוו פון יוסף קאַפּלאַן. דער ערשטער גרוס, דער ערשטער סימן פון אַ פאַרבינדונג, די ערשטע ידיעות פון דאָרט.

„מיר זיינען אויפגעטרייסלט — האָט אונדז יוסף געשריבן — פון די ידיעות וואָס קומען צו אונדז פון ווילנע. מיר טראַכטן איבער אייך און מיר טוען אַלץ אייך צו שיקן הילף. געדענקט, אַז אין די שווערסטע מי־נוטן זיינען מיר מיט אייך. פאַרצווייפלט נישט, איר מוזט זיין שטאַרק! אויך ביי אונדז לעבט און אַרבעט די באַוועגונג אין שווערע באַדינ־גונגען...“

קענען מיר זיך פאַרשטעלן דעם ווערט פון די דאָזיקע געציילטע ווערטער, געשיקט פון דער ווייטנס פון ווייט־נאָענטע ברידער אין אַזאַ צייט?

קען ווער פאַרשטיין דעם שטראָם פון געדאַנקען, געפילן און דעראַי־נערונגען וואָס די ווערטער ברענגען מיט זיך, די קראַפט און ענערגיע וואָס זיי געבוירן?

פֿון הינטער די הויכע אָפּגעשלאָסענע מויערן, דורך די דראָט־פֿאַר־צוימונגען פֿון די געטאָס אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע, לעמבערג, גראָדנע און קאָוונע — רייסן זיך דורך ידיעות, זיי ברעכן זיך דורך אַ וועג און זיי בליצן אויף ווי מעטעאָרן: די רעשטלעך פֿון דער באַוועגונג לעבן און עקזיסטירן!

* * *

צום ערשטן זיינען עס געווען בריוו, גריסן, ידיעות, וואָס האָבן גע־אָטעמט מיטן גייסט פֿון פֿרייהייט, ליבע, ברידערלעכע זאָרג. דערנאָך זיינען אויך געקומען די מענטשן, וואָס האָבן מיטן כּוח פֿון זייער שטאַרקן ווילן דורכגעבראָכן די אָפּגעשלאָסענע געטאָ־מויערן און זיך דורכגעריסן אין דער ברייטער וועלט. פֿאַר זיי האָבן ניט עקזיסטירט קיין פֿאַרמאַכטע טויערן. זיי האָבן געטראָגן אין זייער בוזעם דאָס לעבעדיקע וואָרט, וואָס דאַרף איבערגעשמאָלצן ווערן אין דער באַפֿרייענדיקער טאָט.

אין דעצעמבער 1941, איז קיין ווילנע געקומען טאַשיע. ווער ס׳איז ניט געווען דאָן ווי מיר הינטער די געטאָ־מויערן, קען ניט פֿאַרשטיין, וואָס האָט באַדייט פֿאַר אונדז די דאָזיקע „דערשיינונג״ אין די גרעניצן פֿון געטאָ.

טאַשיע איז געקומען! ווי אַ פֿריילעכע פֿרילינג־בשורה האָט זיך די ידיעה פֿאַרשפּרייט צווישן די מענטשן — טאַשיע איז געקומען אויף אַ באַזוך פֿון וואַרשע — ווי עס וואָלט ניט געווען קיין געטאָ, דייטשן און דער טויט אַרום אונדז, ווי עס וואָלט ניט געלויערט די געפֿאַר פֿון יעדן ווינקעלע... טאַשיע איז דאָ! — אַ שטראַל פֿון ליבע, אַ שטראַל פֿון ליכט.

און מיט איר קומען — האָט זי געבראַכט מיט זיך יוגנט־פֿרייד און פֿייער פֿון ברויזנדיקער יוגנט. אירע דערציילונגען איבער דער אַרבעט אין וואַרשע, איבער פֿאַרשידענע מענטשן און געשעענישן, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער וואַרעמקייט פֿון טיפֿער ליבע. זי האָט געעפֿנט פֿאַר אונדז אַ נייע, כּמעט אומגלויבלעכע וועלט. מיר האָבן געזען צענד־ליקער חברים, אַרבעטנדיק אין די גרויל־באַדינגונגען פֿון טעראָר, נויט און הונגער. מיר האָבן געהערט ווי פֿון דער פֿינסטערניש פֿון וואַרשעווער געטאָ־לעבן שטייגט אויף אַ ניי ליד, וואָס שפּרודלט מיט קראַפֿט — מיר האָבן דערפֿילט ווי שווער ס׳איז די אַרבעט וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין די הכשרה־פּונקטן. זי האָט דערציילט וועגן מענטשן, וועגן קעגנזיי־טיקער הילף און דער עיקר וועגן דעם, אַז נאָך צוויי יאָר יאָך פֿון נאַצי־אָקופּאַנט, אין די דאָזיקע אוממענטשלעכע באַדינגונגען — זיינען די מענטשן ניט צובראָכן געוואָרן, און דאָן ווי איצט, איז ניט שוואַכער גע־וואָרן דער גלויבן אין גרויסן וועג, און די גרויסע ווייזיע לעבט ווייטער אין די הערצער.

ווילנע האָט שוין דאַמאָלס געליטן פֿון די גרויסע אויסראָטונגס־אַקציעס. פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך געמאָלן אין איר גאַנצער שרעק די מוראדיקע ווירקלעכקייט. מיר האָבן נאָך געטראַכט וועגן לעבן און וועגן דער צוקונפֿט, און אונדז האָט שוין געפּייניקט דער געדאַנק וועגן פֿאַרניכטונג...

טאָשיע האָט געהאַט פֿיל פּלענער. זי האָט ניט געקענט לאַנג זיצן אויף איין אָרט. אויך אין די אַנדערע געטאָס — פֿלעגט זי זאָגן — וואַרטן אויף אונדז מענטשן, חברים, זיי זיינען אָפּגעריסן און איך מוז גיין צו זיי. איך טראָג דאָך מיט זיך דאָס וואָרט פֿון דער באַוועגונג!

דאָס איז געווען אַזוי פּשוט — זי מוז גיין צו זיי!

ס'איז געווען אַ מין אינערלעכע באַדערפֿעניש, אַ טרייבנדיקע קראַפֿט וואָס האָט איר געטריבן אויף די פֿאַרטרויערטע וועגן. איבעראַל האָט אויף איר געלויערט געפֿאַר. דער יסוד פֿון דער טרייב־קראַפֿט איז גע־ווען דער העכערער באַוואוסטזיין, מענטשלעכע דערהויבונג.

און זי איז געגאַנגען. זי האָט אַנגעשפּאַרט אין ווייטע שטעט, אין פֿאַרשלאָסענע, אָפּגעשפּאַרטע געטאָס, טראָגנדיק מיט זיך די דערהויבנס־טע ווערטן פֿון מענטש — אַ שליח פֿון דער באַוועגונג.

* * *

נאָך אַ קורצער צייט איז אריה אַוועק קיין וואַרשע. ער האָט מיט־געפֿירט מיט זיך דעם גאַנצן אמת וועגן חורבן. און אין זיין האַרץ האָט ער געטראָגן די בלוט־טראַגעדיע פֿון פּאָנאַרי.[1] אָבער ער האָט אויך מיטגענומען מיט זיך דעם פֿלאַמיקן אויפֿרוף פֿון דער פּ. פּ. אָ.: „לאָזט אייך ניט פֿירן ווי שאָף צו דער שחיטה. גייט אַרויס אין אויפֿשטאַנד!"

ווער ס'האָט אים דאַן געזען, אין זיינע לעצטע שעה'ן פֿאַרן פֿאַרלאָזן ווילנע; ווער ס'האָט זיך אַריינגעלעבט אין אויסדרוק פֿון זיין פֿאַרשלאָ־סענעם, אַנטשלוס־קרעפֿטיק פּנים — דער האָט געוואוסט: קיין וואַרשע איז אַוועק אַ מענטש מיט אַ פֿלאַקערדיקער נשמה און שטאָלענעם ווילן. און דער אמת לייכט אים פֿאָראויס אין וועג.

* * *

נאָך עטלעכע חדשים איז געקומען צו אונדז אירענאַ[2] אין אַ שליחות פֿון וואַרשע. אירענאַ — די פֿאַרקערפּערונג פֿון ליכט און שיינקייט אין מענטש — אַ ניט־געוויינלעכע דערשיינונג. זי האָט מיט זיך געבראַכט נייעס פֿון וואַרשע. איצט האָבן מיר געוואוסט: אויסער דער רעגולערער,

---

[1] די וועלדער אַרום ווילנע, וואָס זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן בית־עולם פֿאַר די יידן פֿון דער ווילנער געגנט.

[2] אַ קריסטין, נאָענט צום „השומר הצעיר". זי האָט אָנטיילגענומען אין דער אונטערערדישער באַוועגונג.

חלוציש־דערציערישער אַרבעט, פֿאַרצווייגט זיך די אַרבעט אויך אויף אַנדערע געביטן.

פֿון אירע דערציילונגען האָט אַרויסגעלויכטן די געשטאַלט פֿון מרדכי אַנילעוויטש. זייט דאַן האָבן מיר מער ניט באַקומען קיין ידיעות דירעקט. אָבער מיר האָבן געוואוסט: אויך וואַרשע גרייט זיך.

* * *

אַפּריל 1943. מיר האָבן שוין אַ לאַנגע צייט ניט געהערט פֿון וואַר־שע. מיר זיינען אומרואיק. וואָס געשעט דאָרט? די ידיעות זיינען פֿאַר־נעפּלטע, אומזיכערע, מ׳קען ניט צונויפֿשטעלן פֿון זיי אַ גאַנץ, קלאָר בילד, מען קען פֿון זיי גאָרניט דערגיין.

און פּלוצלונג, אויף אַן אומדערוואַרטעטן אופֿן — אַ בלוט־געשריי דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון ראַדיאָ. עס רעדט „סוויט״.[1] „האַלאָ, האַלאָ, מיר זיינען מודיע דער גאַנצער וועלט: דאָס וואַרשעווער געטאָ גוססט, דאָס וואַרשעווער געטאָ שטייט אויפֿן שוועל פֿון אונטערגאַנג״.

צוויי וואָכן ציען זיך שוין ביטערע קאַמפֿן צווישן אומגלייכע כּוחות; שוין צוויי וואָכן ווי דאָס וואַרשעווער געטאָ איז אַרומגענומען מיט פֿייער־פֿלאַמען און דערטרונקען אין בלוט; מען פֿאַרטיידיקט זיך אויף יעדער גאַס, פּלאַץ און הויז. כּבֿוד די מוטיקע קעמפֿער, כּבֿוד די געפֿאַלענע אין קאַמף. מיט זייערע לעצטע כּוחות שרייען זיי נאָך געווער און הילף...

״האַלאָ, האַלאָ! דאָס וואַרשעווער געטאָ פֿאַלט אין שווערן קאַמף! כּבֿוד די העלדן! — גלאָריאַ וויקטיס״.

* * *

מיט צוויי יאָר צוריק איז עס געשען. און דאָך געדענקט זיך יעדעס וואָרט, יעדער קלאַנג, ווי זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין האַרץ און זכּרון מיט אותיות פֿון בלוט.

יענעם אָוונט איז גערופֿן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון די חברים אין ווילנער געטאָ. קיינער פֿון זיי האָט גאָרניט געוואוסט. מיט שפּאַנונג און דערוואַרטונג האָבן אַלע געוואַרט אויף דעם וואָס עס וועט קומען. אין מיטן דער שווערער שטילקייט, אָנגעזאַפּט מיט שפּאַנונג, האָט זיך דערהערט די שטים פֿון אַבאַן:[2] „חברים, דאָס וואַרשעווער געטאָ שטייט אין קאַמף...״

ווען ער האָט געענדיקט זיינע רייד, איז אַ שטילקייט געשטאַנען אין צימער. אַ שווערע שטילקייט. קיינער האָט ניט געוואַגט איר צו

---

[1] די ראַדיאָ־סטאַנציע פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג.

[2] אבא קאָוונער — חבר פֿון „השומר הצעיר״, פֿירער פֿון דער פּאַרטיזאַנען־גרופּע „נקמה״ אין דער געגנט פֿון ווילנע.

שטערן. קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט — אָבער עפּעס אַ געשריי איז געשטאַנען אין די אויגן, עפּעס אַן אויסדרוק איז געווען אין די בלאַסע, פאַרשטיינערטע געזיכטער; וויפיל טרערען זיינען אָפּגעווישט געוואָרן שעמעוודיקערהייט, קיינער זאָל ניט זען.

ווער עס האָט ניט בייגעוואוינט יענע פאַרזאַמלונג — דער וועט ניט פאַרשטיין און דורכפילן דאָס וואָס אַלע האָבן דאַן איבערגעלעבט. וועט ער פאַרשטיין, אַז אין די טרערן פון ווייטיק און צאָרן האָט אויך אויפגעבליצט פרייד און שטאָלץ?...

אַלע געפילן האָט באַהערשט דער געדאַנק: „און ווען וועלן מיר — ווי זיי — אַרויסגייז אין קאַמף, צו זען מיט די אייגענע אויגן דאָס פאַרשאָלטענע בלוט פון שונא און פאַלן ווען נויטיק אין קאַמף, ווי פרייע, אומבאַזיגטע, ווי קעמפער"... די דאָזיקע שעה פון פאַרטיפונג און דערהויבונג וועט אין אונדזער האַרץ קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן.

און ווי אַ שטאַרקער אויסדרוק צו די דאָזיקע געפילן אין יענע טעג, קלינגען מיר נאָך ביז היינט אין אויער, די שטילע ווערטער פון אַ יונגער מיידל —„כ׳האָב ביז היינט ניט געגלויבט אין דער גרויסער זכיה פון פרייד, וואָס איך פיל איצט... כ׳האָב שוין נישט געגלויבט, אַז איך וועל נאָך קענען אין די איצטיקע טעג, נאָך זיין שטאָלץ אויף מיין יידישקייט... היינט בין איך שטאָלץ — דאָס איז דער טאָג פון גרויסן נצחון".

און איבער די ווערטער, געפילן און געדאַנקען, האָט געשוועבט און געצאָרנט דער רוף פון בלוט:

די וואַרשעווער געטאָ גוססט, די וואַרשעווער געטאָ פאַלט אין שלאַכט! כבוד זיינע העלדן!

אַ קאַפּיטל תהילים

פראַגמענט פון אַ ליד געווידמעט דעם קאַמף אין דער וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט געוואונען דעם ערשטן פרייז אין אַ לידער־קאָנקורס, געשריבן פון אַ יונגער יידישער מיידל, פאַר איר טויט.

וואַרשע, וואַרשע, — מוטער־שטאָט
מיט בלוט פאַרשפריצטע מויערן!
זעט ניט דיינע וואונדן גאָט?
די מתים אין די טויערן?

אויף קראַשינסקים פלאַץ הארמאַטן
פייערן אויף געטאָ־היימען...
האָט דער אַלטער גאָט פאַרראַטן
ס׳פאָלק פון דודן און שלמהן?

גייט אַ מחנה קעגן פֿיינט
פֿון שמשונס און פֿון דבורהס...
„זאָל איך בעסער פֿאַלן היינט,
מקדש זיין די דורות״!...
איך כאַפּ אַ באָמבע מיט דער האַנט,
„באַגרים״ דעם שונאס טאַנקען...
קערפּערס שפּריצן אויף דער וואַנט!
געטראָפֿן! גאָט צו דאַנקען...

שטאַרק און קרעפֿטיק די אַטאַקע,
צאָלרייך די קרבנות.
„צינדט פֿאַבריקן און באַראַקן,
קוילעט אָן רחמנות״!

שוין־זשע מיינט איר איז דער סוף,
ווען פֿלאַמען פֿרעסן שטיינער?
ווען רויכן וויקלען מוראַנאָוו
און פּרעגלען יונגע ביינער?

* * *

אפֿשר טאַקע צוליב וואַרשע
ברענט אַ שלאַכט אויף אַלע ימים?

אפֿשר צוליב אונדזער אומגליק
קעמפֿן ברידערלעך צוזאַמען:
ווייסע, שוואַרצע, ברוינע, געלע...
אַלע ראַסן און קאָלירן,
און אַ וועלט אַ נייע, העלע
מיטן פֿרייהייטס־קראַנץ באַצירן?

וואַרשע מיט פֿאַרוויינטן פּנים,
מיט די קברים אויף די ראָגן...
ווערסט נאָך איבערלעבן שונאים,
ווערסט נאָך זען די ליכט פֿון טאָגן...

ניט דערזונגען איז דער היינט,
ווען מען קוילעט אונדז, ווי רינדער...
וועלן אָבער מאָרגן שאַלן
פֿריידיק, זיגעריש — די קינדער...

באַמערקונג: פּלאַץ קראַשינסקי און מוראַנאָוו זיינען גאַסן אין וואַרשע.

רעניע ק.

אויף אונטערערדישע וואַנדערונגען [1]

די הכנות צו דער פֿאַרטיידיקונג אין בענדין

... די פֿאַרשידענע קולטור־טעטיקייטן אין קיבוץ האָבן זיך אָפּגעשטעלט. עס זיינען אָנגעקומען די ענטשיידנדיקע טעג.

מ׳האָט אָנגעהויבן באַקומען דאָקומענטן, וואָס דערמעגלעכן אַריינצוקומען אין די אינטערניר־לאַגערן. צווישן די מיטגלידער פֿון דער ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס הערשט אַן אויפֿגערעגטע שטימונג. ווער וועט קריגן פֿריער די דאָקומענטן און אַ דאַנק דעם אויסמיידן דעם באַפֿאַרשטייענדיקן גירוש?

עטלעכע פֿון אונדז האָבן שוין די דאָזיקע פּאַפּירן. איצט דאַרף מען ענטשיידן: פֿאַרטיידיקונג אָדער רעטונג? די חברים פֿאָדערן איין זאַך: זיך גרייטן ענערגיש צו דער פֿאַרטיידיקונג. הערשל [2] פֿאָדערט, און דאָס פֿאָדערט מען אויך אין וואַרשע, אַז פֿרומקע זאָל פֿאָרן מיט נאָך וועמען אַלס אַ „שליח" קיין האַג. פֿרומקע זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאָריש. „ניין, זאָגט זי, — אויב ס׳איז נגזר געוואָרן מיר זאָלן שטאַרבן, לאָמיר שטאַרבן אַלע צוזאַמען, אָבער ווי ווייט מעגלעך, לאָמיר אויסקלייבן אַ העלדן־טויט".

און אַזוי איז אָנגעקומען געוואָרן אַ פֿעסטער באַשלוס: הגנה. גלייך איז מען ענערגיש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אין שפּיץ פֿון דער אַרבעט זיינען געשטאַנען די מוטיקע ברוך גאַוטעק און צבי בראַנדעס. זיי האָבן געהאַט אַ שטיקל דערפֿאַרונג אויף דעם געביט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געמיינזאַמע טעטיקייט פֿון קיבוץ „דרור" און די מיטגלידער פֿון דער באַוועגונג „דרור", „השומר הצעיר" און „גורדוניה". די מענטשן זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין פֿינפֿטלעך: 4 מענטשן און איין לייטער, וועמענס באַפֿעלן זיי דאַרפֿן פֿאָלגן.

די דאָזיקע לייטער האָבן באַקומען אָנווייזונגען און לעקציעס פֿון ברוך און פֿון צבי בראַנדעס. טעגלעך פֿלעגן פֿאָרקומען קליינע פֿאַרזאַמלונגען. יעדער איינער האָט געדאַרפֿט לערנען זיך אומגיין מיט אַלע מינים פֿייער־געווער, וואָס מען וועט בקרוב ברענגען פֿון וואַרשע. און ניט נאָר מיט פֿייער־געווער דאַרף זיך די הגנה באַנוצן, נאָר אויך מיט העק, האַמערס, קאָסעס, גראַנאַטן, ברענענדיקע פֿליסיקייטן א. אַ. וו. די יונגע חברים האָבן געפֿלאַקערט ווי אין פֿייער. זיי זיינען געווען גרייט

---

[1] פֿון בוך „בנדודים ובמחתרת", דערשינען אין ארץ־ישראל.

[2] הערשל שפּרינגער פֿון קיבוץ באַראַכאָוו אין בענדין.

אויף אַלץ... זיי פּלעגן דערטאַפּן פאַרשידענע שאַרפע געגנשטאַנדן, וואָס מ׳קאָן באַנוצן אין שלאַכט. נאָך אַ שטיקל צייט זיינען שוין געווען אָנגעגרייט פיל אַזעלכע כלים אין אַ גרויסער צאָל.

פון דער פרי ביז 8 אָוונט — ביז ווען ס׳איז דערלויבט די גאַסן־באַוועגונג, — האָט אין די צימערן פון קיבוץ און אין הויף געשטראַמט אַ מאַסע יוגנט.

ברוך גאוטעק איז פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג. ער גרייט צו בסוד די פּלענער מיט דער־חברה. אַלע ענינים פון פאַרטיידיקונגס־קאַמף זיינען אים קלאָר.

אין די גאַסן אַרום קיבוץ הויבן מענטשן אָן זיך צו סודען: זיי ווילן וויסן, וואָס גרייטן עס צו די יונגעלייט פון קיבוץ און די יוגנט, וואָס קומט אַהין כסדר. יעדער איינער וויל האָבן דעם כבוד צו געהערן צום קרייז מענטשן, וועמען ס׳איז דערלויבט אַריינקומען אין קיבוץ, כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט. מיר זיינען געוואָרן באַרימט אַלס די מענטשן פון טאַט, וואָס וויסן זייער צוקונפט, און וויסן ווי זיך צו פירן אין אַנטשפּרעכנדיקן מאָמענט. די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען מיט אַכטונג צו די חברים פון קיבוץ און זיי צוגעשמייכלט.

באַזונדערס וויכטיק איז געווען דאָס אָנהויבן בויען די „בונקאָרן", וואוהין מען קען זיך ראַטעווען, ווען כאָטש אויף אַ קורצער צייט, אין דער צייט פון גירוש. נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט פּלעגט די חברה אַרבעטן גאַנצע נעכט ביים בויען בונקאָרן. זיי האָבן געאַרבעט מיט גרויס אָנ־שטרענגונג, אָן וויסן פון דער קהילה, אָדער פון עמיצן אַנדערש.

די חברה האָט דאָ אַוועקגעלייגט אַלע אירע כוחות; אָן אומרו האָט אַרומגעכאַפּט זעענדיק די דאַרע אויסגעמאַטערטע געזיכטער. די פּלענער זיינען צוגעגרייט געוואָרן פון חברים פון קיבוץ, אַלטער גאָלדראַם און דוד קאָזלאָווסקי, פון „השומר הצעיר". גאַנצע טעג האָבן זיי זיך דערמיט פאַרנומען: וועלכער אָרט איז אַמפּאַסיקסטן צו בויען? ווי בויען דעם בונ־קאָר, אַז דער אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג זאָלן בלייבן פאַרמאַסקירט. פון וואַרשע זיינען אָנגעקומען אָנווייזונגען און בוי־פּלענער. וואונדערלעכע איינפאַלן. אַריינגיין דורכן אויוון, דורך די ווענט, שאַפעס, הינטער אַ סאָפע, דורכן קוימען און דורכן דאַך. אַ מויער פון ציגל אַרום צימער מ׳זאָל בכלל ניט דערקענען; באַהעלטענישן אין די שטיגן, אין די שטאַלן, אין די האָלץ־שפּייכלער א. אַ. וו. מען קאָן ניט אויסרעכענען אַלע המצאות פון דער חברה. עלעקטרישע באַלייכטונג, קליינע אויוונס, וואַסער, שלאָף־בענק, בקיצור, — אַלץ אין אָרדנונג. ווען ס׳וועט קומען דער גירוש, וועט מען נאָר דאַרפן גלייך אַריינגיין אין די בונקאָרן, וואו ס׳איז אָנ־

געגרייט שפּייז פֿאַר אַ געוויסער צייט. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן טרי־קענען ברויט און חלה קאָנסערוון פֿאַר די חברים וואָס ליידן אויפֿן מאָגן. די חברה האָט באַשלאָסן בויען בונקערן אויך אין פּריוואַטע הייזער. דער אינגסטער פֿון אונדזער יוגנט, דער 18 יאָריקער גוטעק גאָסלאָווסקי און זיין חבר טוביה קאַלמאַנאָוויטש האָבן אַרויסגעוויזן וואונדערבאַרע פֿייאיקייטן ביים בויען די בונקאַרן. זיי פּלעגן אויסאַרבעטן פּלענער ווי דיפּלאָמירטע אינזשינערן; די צאָל פֿון בונקאַרן ווערט גרעסער פֿון טאָג צו טאָג.

די מענטשן ווייסן ניט ווי צו דאַנקען אונדז פֿאַר אונדזער בריייטהאַרציקייט און שווערער אַרבעט. געלט ווילן מיר ניט נעמען, דאַנקען זיי אונדז כאָטש מיט די הייסטע ווערטער.

דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

במשך פֿון דער גאַנצער צייט האַלטן מיר אָן דעם קאָנטאַקט מיט וואַרשע. צביה און יצחק האָבן אונדז מיטגעטיילט, אַז זיי זיינען פֿאַרנומען מיט פֿאַרשידענע פֿאַרבערייטונגען צו דער הגנה.

דאָס אַרויסטרייבן די יידן פֿון וואַרשע איז צייטווייליק געוואָרן אָפּגעשטעלט. אָבער די דאָזיקע שטילקייט זעט אויס ווי אַן אָנזאָגערין פֿון אַ גרויסן שטורעם. יעדן טאָג קאָן זיך אָנהויבן דער אַלגעמיינער גירוש. אמת, די צאָל יידן אין דער געטאָ איז שוין ניט קיין גרויסע, פֿון כמעט 600,000 זיינען נאָר געבליבן 50,000, אָבער די געבליבענע רעשטלעך פֿון די יידן וועלן זיך שוין ניט לאָזן אַזוי לייכט פֿאַרניכטן ווי די פֿריערדיקע יידן.

די הכנות צו דער פֿאַרטיידיקונג און די מיליטערישע איבונגען האַלטן אָן כסדר, בייטאָג ווי ביינאַכט. אַלץ ווערט געטאָן געהיים. די וואָס פֿאַרנעמען זיך דערמיט, זיינען דאָס רוב מיטגלידער פֿון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. איצט לייגט שוין קיינער נישט קיין אַכט אויף אונטערשידן פֿון פּאַרטייען און מיינונגען. ס'איז נאָר וויכטיק צי דער מענטש האָט אַמאָל געהערט צו וועלכער ס'איז פּאַרטיי, און צי מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן אויף אים, און אים איבערגעבן וועלכע ס'איז אַרבעט, ניט מוראָ האָבנדיק פֿאַר פֿאַראַט.

זיי שרייבן, אַז זיי האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצוראַטעווען פֿון דער געטאָ און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַרישן שטאָט־טייל, אָדער אַרויסגייען אויף אַ באַשטימטן וועג קיין אויסלאַנד.

אָבער אַלע פֿאַרשידענע רעטונגס־פּלענער פֿאַר יחידים ווערן אָפּגעוואָרפֿן. קיינער וויל נישט ראַטעווען זיין לעבן; דאָס לעצטע הייפל

יידן וויל זיך שטעלן קעגן דעם שונא, פּנים־אל־פּנים, און קעמפן מיט אים ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

אין אַ ווייטערדיקן בריוו פון פעברואַר 1943, פאַרלאַנגט צביה קאַטע־גאָריש אַז פרומקע זאָל פאָרן קיין אויסלאַנד. ס'איז נויטיק, אַז ווער פון אונדזערע מענטשן וואָס איז געווען אַן עדות פון דער באַרבאַרישער שחיטה אויף יידן, זאָל בלייבן לעבן. אויב איצט שלאָפט די וועלט — זאָל זי זיך דערוויסן, ווען ס'וועט קומען די צייט, אויף וועלכן אופן עס זיינען אויסגעראָטן געוואָרן מיליאָנען יידן אין אייראָפּע. זאָל בלייבן אַ לעבעדיקער עדות פון די דאָזיקע שוידערלעכע שרעקן, וואָס מ'קאָן נישט אויסדריקן מיט קיין ווערטער.

זי שרייבט אויך פון וואַרשע, אַז חאַנטשע דאַרף גלייך אַרויספאָרן אויפן וועג קיין אויסלאַנד. אפשר וועט זי בלייבן לעבן. זי שרייבט, אַז זי וויל נישט הערן פון אונדז קיין תרוצים און אויסריידן; דאָס איז אַ באַשלוס און מיר מוזן אים אויספירן.

חאַנטשע שטעלט זיך קעגן מיטן גאַנצן כוח. ס'איז איר שווער זיך צו שיידן פון פרומקען, איידער מיר וועלן וויסן וואָס ס'וועט ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג.ביידע שוועסטער זיינען גרייט צו גיין איינע פאַר דער צווייטער אין פייער און אין וואַסער. אויך פרומקען איז שווער אַרויסצוברענגען אויפן געדאַנק אַז זי דאַרף זיך שיידן מיט חאַנטשען, איר לעצטע שוועסטער. דאָך האָבן מיר זיך צוזאַמענגערעדט צומאַרגנס, נאָכן באַקומען דעם בריוו פון וואַרשע, מיט דעם גרענעץ־שמוגלער פון טשענסטאָכאָוו, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו קומען וואָס שנעלער.[1]

דער לעצטער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין אָנהויב מערץ 1943. די לאַגע איז זייער אַן ערנסטע. אין די נאָענסטע טעג וועט זיך אָנהויבן דער אַלגעמיינער גירוש. „אויב איר וועט ניט קריגן קיין בריוו — זאָל דאָס זיין פאַר אייך אַ סימן, אַז די אַקציע האָט זיך אָנגעפאַנגען. אָבער דאָס מאָל וועט עס די דייטשן אָנקומען שווער, זייער שווער, און דאָס האָבן זיי גאָרנישט דערוואַרט".

... אין די דאָזיקע טעג האָט זיך צו אונדז פון צייט צו צייט, אַרויס־געגנבעט פון וואַרשע איין מאָל אין אַ פּאָר וואָכן א. אַ חברה פון „השומר הצעיר". געוויינלעך פלעגט זי קומען מיט דעם זעלבן שמוגלער, מיט וועמען חאַנטשע איז אַרויס צופוס פון טשענסטאָכאָוו; ער איז געוואָרן שיין באַלוינט און ס'איז כדאַי געווען צו ריזיקירן. אויף יעדער רייזע האָט א. דורכגעשמוגלט געווער, בעיקר — רעוואָלווערן. אויף פאַרשידענע

---

[1] וועגן חאַנטשעס נסיעה קיין וואַרשע און איר העלדישן טויט — זע זייט 105.

וועגן האָט זי זיי דורכגעשמוגלט: אין אַ גרויסער ליאַלקע, אָדער אין אַנדערע שפּילצייג. אַמאָל אין אַ לאַבן ברויט, אין טייג אָדער אין אַ קעסטל פון מאַרמעלאַד מיט אַ טאָפּלטער דעק. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטער ענין אַרויסצופירן געווער פון וואַרשע קיין בענדין און מיר האָבן זיך דערביי באַנוצט מיט פאַרשידענע איינפאַלן. יעדע רגע האָט א. געקאָנט ווערן געכאַפּט. א. האָט אויך געבראַכט מיט זיך בלעטער איינגענייט אין איר קלייד, וואו עס זיינען געווען גענוי באַשריבן די הכנות צו דער הגנה אין וואַרשע.

אין די דאָזיקע בלעטער זיינען געווען געשילדערט די פּלעצער, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַרן בוי פון די „בונקאַרן", און דער אופן פון זייער בוי: עס זיינען געווען בונקאַרן מיט לאַנגע קאָרידאָרן, וואָס האָבן זיך געצויגן אונטער דער ערד און אונטער די הייזער. די קאָרידאָרן פלעגן זיך אַמאָל ציען אין דער לענג פון עטליכע קילאָמעטער. דאָס רוב פון איין עק געטאָ ביזן צווייטן עק. די טיר פון אַזאַ בונקאַר איז אין ס׳רוב פאַלן אַרויסגעגאַנגען אין אַרישן קוואַרטאַל. די אַריינגאַנג- און אַרויסגאַנג-טירן זיינען גוט קאַמופלאַזשירט און ס׳איז זיי שווער געווען צו דערקענען. פון די הויפּט-קאָרידאָרן האָבן זיך פאַרצווייגט זייטיקע ליניעס מיט וואוי-נונגען, אָדער קעלערן. אין די דאָזיקע וואוינונגען זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן ליכט, וואַסער און ראַדיאָ. ס׳זיינען אויך דאָ זאַפּאַסן פון עסנ-וואַרג; אַז די מענטשן זאָלן ניט אויסגיין פון הונגער בעת דער „אַקציע".

אויב די דייטשן זאָלן ניט אַנטדעקן די דאָזיקע בונקאַרן, קאָנען אפשר איינציקע בלייבן לעבן. אונטער דער ערד געפינען זיך אויך קליינע סקלאַ-דעס פון געווער און פון ברען-מאַטעריאַל. די דאָזיקע בונקאַרן זיינען ממש ווי אַ גאַנצע וועלט אונטער דער ערד. זיי ווערן געבויט אין די נעכט, אַז קיינער זאָל זיי נישט אַנטדעקן.

יעדער, וואָס געהערט צו אַ באַשטימטער קאַמפּס-גרופּע איז אים באַקאַנט דער סיסטעם פון זיין "בונקאַר". די דאָזיקע גרופּן זיינען איינגע-טיילט אין „פינפטלעך": 4 מענטשן און איינער וואָס גיט אויף זיי אַכטונג.

אַלע ווייסן גוט זיך צו באַנוצן מיט אַלע סאָרטן געווער. זיי לערנען זיך אויך אָנצופאַלן אויף די דייטשן בלויז מיט די פויסטן: שלאָגן דאַרפן זיי זיך ביז דער לעצטער מינוט, ניט אַריינצופאַלן לעבעדיקע אין די נאַ-צישע הענט. דאָס סאַמע וויכטיקסטע — איז אָפּצוהיטן, אַז אַלע הכנות זאָלן בלייבן בסוד, אַז קיין זאַך זאָלן די דייטשן ניט געוואויר ווערן.

פון וואַרשע זיינען אונדז געגעבן געוואָרן אָנווייזונגען ווי צוגרייטן זיך צום קאַמף און אַ רשימה פון שטאָפן, פון וואָס מען קאָן אויסאַרבעטן אויפרייס-מאַטעריאַל אין פלעשער. ווען מען וואַרפט אַזאַ פלאַש, צע-

שפּאַלט זי זיך און פֿון איר נעמט שיסן מיט פֿייער און טויט־ברענגענדיקע פֿליסיקייטן.

מען שטרייכט אויך אונטער די פֿריינטשאַפֿט מיט דער פּ. פּ. ר.[1] זיי העלפֿן אונדז צו קריגן פֿון ערגעץ אַ קוואַל געווער און עס ברענגען אין דער געטאָ. אויך העלפֿן זיי ביים איינקוואַרטירן אונדזערע מענטשן אין אַרישן שטאָט־טייל. זיי פֿאַרזיכערן, אַז מיטן אויסברוך פֿון קאַמף וועלן זיי זיך אויך אָנשליסן צום קאַמף פֿון דער דרויסנדיקער, אַרישער זייט פֿון דער געטאָ.

אין יעדן בריוו וואָס מיר באַקומען פֿון וואַרשע, ווערט דערמאָנט אַ נאָמען פֿון אַ פּוילישער פֿרוי וואָס איז אונדז איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, איר[2] וואָס טוט אויף פֿיל גוטע זאַכן. זי העלפֿט אין פֿאַרשיידענע פֿאַלן. פֿיל מאָל האָט זי זיך אויך איינגעשטעלט דאָס לעבן. זי איז פֿאַרבונדן מיט פֿעדעם פֿון טרייער און שטאַרקער פֿריינדשאַפֿט מיט טאָשען, צביהן, פֿרומקען און די אַנדערע. זי ברענגט פֿאַרשידענע אַדרעסן פֿון וואַרשע און פֿון די אַנדערע שטעט; זי האַלט אויף די נויטיקע פֿאַרבינדונגען, אָרגאַניזירט אין יעדן מעגלעכן פּונקט די בחורים און מיידלעך וואָס מוזן זיך באַשעפֿטיקן מיט פֿאַרשידענע טעטיקייטן אין די אַרישע שטאָט־טיילן. ביי דעם אַלעם פֿירט זי זיך זייער פֿאָרזיכטיק. אין איר הויז ווייסט קיינער נישט וועגן איר טעטיקייט. זי אַרבעט אויך פֿאַר אונדזער באַוועגונג מיט דעם גאַנצן האַרץ און מיט גרויס איבערגעבנקייט. זי ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר אַ מיטגליד פֿון „השומר הצעיר”. מיר אַלע באַוואונדערן איר פּערזענליכקייט, ניט וויסנדיק אַפֿילו ווי זי זעט אויס.

צו יענער צייט זיינען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן דורכפֿאַל פֿון אַ צאָל חברים און חברות אין זייער טעטיקייט אין די אַרישע קוואַרטאַלן פֿון וואַרשע און אין די אַנדערע שטעט. פֿיל מיידלעך זיינען פֿאַרשיקט געוואָרן אין די לאַגערן פֿאַר פּאָליטישע פֿאַרברעכער (ווי עווא (חוה), לאָנקע און אַנדערע — קיין אָשוויענטשים, אין וואַרשעווער פּאַוויאַק און אין אַנדערע לאַגערן. פֿיל זיינען פֿאַרשוואונדן געוואָרן און קיינער ווייסט ניט וואוהין.

מען שרייבט וועגן אַ פֿאַרבינדונג פֿון פּאַרטיזאַנען־גרופּן, און אַז די יידן ווערן אויפֿגענומען אין די פּאַרטיזאַנען־גרופּן מיט אָפֿענע אָרעמס.

---

[1] פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ — אַזוי האָט געהייסן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, דעם דאָזיקן נאָמען טראָגט זי אויך איצט.

[2] אירענאַ.

פֿון וואַרשע שטעלט מען אונדז צו אַדרעסן וואו און מיט וועמען זיך צו פֿאַרבינדן, אַז מיר זאָלן קאָנען שיקן מענטשן אין די פּאַרטיזאַנען־גרופּן. מיר דאַרפֿן טאָן אַלעס מעגליכעס, כּדי אַרויסצוציען די חברה אין וואַלד אַריין. דאָס איז, באמת, דער פּאַסיקסטער אויסוועג.

מען אַפּעלירט צו אונדז אַז מיר זאָלן זיך צוגרייטן מיט אַלע מעג־ליכקייטן — עס קאָן ווערן צו שפּעט. זיי ווילן אונדז העלפֿן מיט אַלץ, מיט שיקן געלט, מיט צושטעלן און דורכשמוגלען געווער, מיט געבן אָנווייזונגען, בקיצור, מיט אַלץ, וואָס קאָן אונדז פֿאַרלייכטערן און העלפֿן.

אין די ערשטע טעג פֿון חודש מערץ, איז געקומען א. און אונדז דערציילט, אַז אין דער געטאָ אין וואַרשע איז גוואַלדיק פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דער פּחד פֿון די ייִדן. יעדע רגע קאָנען די דייטשן אָנהייבן אַרומרינגלען די געטאָ פֿאַר דער לעצטער אַקציע. די חברה גרייט זיך שוין דאָרט. א. איז דאָס מאָל שנעל צוריקגעפֿאָרן קיין וואַרשע, ווייל זי האָט געוואָלט אָנהאַלטן איר קאָנטאַקט מיט דער געטאָ. אין יענער צייט האָט זי שוין געוואוינט אין אַרישן קוואַרטאַל.

נאָך עטלעכע וואָכן איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן דער מוראדיקער שחיטה אין וואַרשע. פּלוצלינג האָבן מיר באַקומען טעלע־גראַמעס פֿון עמיצן אויף דער אַרישער זייט, וואו מען טיילט אונדז מיט אַז צביה, טאַשע און פֿיל אַנדערע לעבן שוין ניט, און די שלאַכט גייט נאָך אָן מיט דער גאַנצער קראַפֿט. וועגן חאַנטשען איז אונדז פֿאַרלויפֿיק גאָרנישט באַקאַנט. די דאָזיקע ידיעה דערדריקט אונדז שרעקלעך. פֿרומ־קע זעט אויס ווי זי וואָלט אַראָפּ פֿון זינען. צביה איז געווען איר בעסטע חברטע. די חברה וואָס האָבן געקענט צביהן, הערט נישט אויף צו דער־ציילן וועגן איר. נאָך אַזאַ צביה, זאָגן זיי, קען מען נישט געפֿינען אויף דער גאַנצער וועלט.[1]

נאָך דעם איז אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָבן זיך איבערגעריסן אַלע ידיעות. זיינען טאַקע אַלע דערהרגעט געוואָרן?

פֿרומקע, הערשל, צבי און ברוך האָבן באַשלאָסן צו שיקן קיין וואַר־שע אַ מענטש מיט געלט, כּדי צו קריגן דאָרט ידיעות. ווייל איך זע נישט אויס ווי קיין ייִדישע, און זיי האָבן גערעכנט אַז איך וועל באַוויזן דורכ־צופֿירן אָט די אַרבעט, האָט מען מיך באַשטימט פֿאַר דעם צוועק. מ׳האָט מיטגעטיילט דעם שמוגלער אין טשענסטאָכאָוו, און דעם זעלבן טאָג איז ער געקומען מיך נעמען. ער האָט זיך איבערגעקלוגט און ס׳איז אים געלונגען דורכצוגיין די מויער פֿון דער בענדינער געטאָ און ער איז געקומען צו אונדז אין קיבוץ.

---

[1] די ידיעה וועגן צביהס טויט האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס אַ ניט־ריכטיקע. צביה איז יעצט איינע פֿון די אָנפֿירער פֿון „החלוץ" אין פּוילן.

עטליכע הונדערט דאָלער האָב איך איינגעצייט אין מיין וועסט — מיר האָבן געטראַכט, אַז דאָס געלט וועט אפשר צונוץ קומען דער וואַר־שעווער חברה. פון דער גרענעץ פון טשעבין בין איך געפאָרן מיט אַ דאָקומענט מיט אַ פינגער־אָפּדרוק וואָס כ'האָב צופעליק געפונען אין גאַס. איין סטאַנציע פאַר דער גרענעץ בין איך אַרויסגעשטיגן מיט דער הילף פון דעם שמוגלער.

איצט האָבן מיר פאַר זיך אַ וועג פון צוועלף קילאָמעטער, דורך פעל־דער און וועלדער. די גרענעץ דאַרף מען דורכגיין בגנבה, צופוס. דער שמוגלער איז שוין בקיא אין וועג און ער קען גוט די גרענעץ־וואַך. דער גרענעץ־פּאַס איז אַ קליינער וואַלד, וואָס מיר מוזן שנעל דורכגיין, מיר זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער וואַך. ווען עס טרעפט אונדז אַ באַקאַנטער זעלנער, קריגט ער פון אונדז אַ פלאַש בראַנפן, און דערפאַר לאָזט ער אונדז דורכגיין, ניט ריידנדיק קיין וואָרט, און ער ווייזט אונדז נאָך דעם וועג.

שטיל און פאָרזיכטיק גנבענען מיר זיך אַדורך צווישן די בוימער און גריבער. מיר זיינען פאָרזיכטיק, אַז דער גערויש פון טריט זאָל ניט ווערן דערהערט. דער גערויש פון בלעטער און די לייכטע באַוועגונגען פון די בוימער וואַרפן אָן אַ מורא. ס'איז דער איינדרוק, ווי עס וואָלט ווער געלאָפן און אונדז געיאָגט. און פלוצלינג עפּעס געשטאָלטן; מיר פאַלן צו דער ערד, מיר קריכן הינטער די בוימלעך. לאַנגזאַם און פאָר־זיכטיק דערנעענטערן זיך טריט. מיר קוקן אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש. אַ מענטש וואָס ציטערט אין גאַנצן פון פחד, דערנעענטערט זיך צו אונדז פון דער צווייטער זייט גרענעץ. ער איז געוועזן זיכער, אַז זשאַנדאַרמען ליגן עס הינטער די בוימלעך. זעענדיק אונדז, אָטעמט ער אָפּ פרייער. ער זאָגט, אַז דאָרט ווייטער איז שטיל. נאָך עטליכע מינוטן גייען מיר אַרויס פון וואַלד, און מיר געפינען זיך שוין אין „אויסלאַנד". ביי דער דערבייאיקער סטאַנ־ציע גייען מיר אַרויף אויף דער באַן און מיר פאָרן ביז טשענסטאָכאָוו.

דאָ עקזיסטירט נאָך אַ געטאָ. עס לעבט אין איר אַ קליינער הייפל יידן, וואָס אַרבעטן שווער ביי טאָג און ביי נאַכט. עס זיינען נאָר געבליבן די איינגערע, וואָס זיינען פעאיק צו דער אַרבעט. טאָג־טעגלעך קומען פאָר אונטערזוכונגען פון זשאַנדאַרמען: געפינען זיך אַלע ביי דער אַרבעט? קיינער טאָר ניט פאַרלאָזן זיין הויז. די אַלטע און די קינדער האָט מען שוין לאַנג אַוועקגעפירט צום טויט. פון צייט־צו־צייט ווערט דורכגעפירט אַן אונטערזוכונג פון מענטשן און זיי ווערן איינגעטיילט אין גרופן. די שוואַכערע ווערן געטויט. די וואָס זיינען נאָך פעאיק צו דער אַרבעט, בלייבן צייטווייליק לעבן. זיי אַרבעטן ביי רייניקונגס־אַרבעטן אין געטאָ און אין די מיליטער־פונקטן.

דער שמוגלער האָט מיר געגעבן די אידענטיטעטס־קאַרטע פֿון זיין שוועסטער אָן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע און אַ פֿינגער־אָפּדרוק; כ׳האָב זיך אויף אויסווייניק אויסגעלערנט אַלע נויטיקע פּרטים, און אויפֿצומאַרגנס אין דער פֿרי בין איך אַרויס אויפֿן וועג קיין וואַרשע.

אין וואַרשע איז געווען שווער דורכצוגיין די גאַס; אויף יעדן שריט און טריט האָט מען רעווידירט די דאָקומענטן. צו מיין גליק, איז מיר געלונגען, ווי עס איז, איינצושטייגן אין טראַמוויי. צעווילדעוועטע דייטשן פֿאָרן אין דער ריכטונג פֿון דער געטאָ, אַהין און צוריק. די גאַנצע שטאָט איז פֿול מיט רויך און געשטאַנק פֿון די פֿאַרברענטע געביידעס און קערפּער פֿון פֿאַרברענטע מענטשן; אימהדיקע שיסערייען און אויפֿטרייס־לונגען פֿון באָמבעס. אין דער לופֿט טראָגן זיך שטימען ענלעך צום וואָיען פֿון שאַקאַלן און אַנדערע ווילדע חיות. עפּעס אַן אומקלאָרער גערויש. די פּאָליציי פֿאַרהאַלט יעדן דורכגייער און רעווידירט יעדעס מאָל מיין בייטל; אַלע גאַסן און געסלעך זיינען פֿול מיט זשאַנדאַרמען און ציוויל־געקליי־דעטע געהיים־אַגענטן, וואָס זוכן די אַנטלויפֿנדיקע קרבנות, וואָס רייסן זיך אַרויס פֿון דער געטאָ. יעדער איינער וועלכער דערוועקט וועלכן ס׳איז חשד ווערט גלייך דערשאָסן אין מיטן גאַס. מיין קאָפּ שווינדלט מיר, זע־ענדיק די דאָזיקע שרעק־בילדער.

רויך־וואָלקנס הייבן זיך אויף איבער דער געטאָ.

איך פֿאָר און קום אָן סוף־סוף אין אַ באַשטימטן פּונקט לויט דעם באַקומענעם אַדרעס. די באַלעבאָסטע פֿון דער דירה אָנטזאָגט זיך מיך אַריינצולאָזן, זאָגנדיק אַז די פֿרוי זאָשיע (איר.) איז איצט ניטאָ אין דערהיים.

דאָס אַרויסגיין אין גאַס איז פֿאַרבונדן מיט געפֿאַר; די דאָקומענטן, ווערן, ווי געזאָגט, רעווידירט אויף יעדן טריט. צען מאָל קאָן די זאַך דורכגיין בשלום, אָבער איך קאָן אויך ווערן געשטרויכלט און אַריינפֿאַלן אין דער פּאַסטקע; כ׳קען נישט דאָ קיין איין מענטש.

נאָך לאַנגע טענות איז די אייגנטימערין פֿון דער דירה מסכּים, אַז איך זאָל דאָ וואַרטן, אפֿשר וועט זאָשיע שפּעטער אָנקומען. זי פֿאַר־ענטפֿערט זיך פֿאַר מיר, זאָגנדיק, אַז אין די גאַסן הענגען באַקאַנטמאַ־כונגען, וואָס פֿאַרבאָטן אַריינצולאָזן אין שטוב יעדן פֿרעמדן מענטש, אַפֿילו נישט אויף אַ רגע, און דראָען מיט טויט־שטראָף. און ווידער דערציילט זי מיר, אַז זי איז חושד זאָשיען, אַז זי איז אַ יידישע. זי האָט איר שוין מיטגעטיילט אַז זי מוז פֿאַרלאָזן איר דירה, ווייל זי האָט מורא איינצו־שטעלן איר לעבן. די שכנים האָבן איר שוין אָנגעהויבן חושד צו זיין. איך הער מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג; דערנאָך באַמערק איך: „איך ווייס

נישט; איך קען פֿריילין זאָשיען צופֿעליק. כ׳האָב זיך מיט איר באַקענט אין צוג. זי האָט מיר געבעטן אָפּצוטרעטן צו איר, ווען ס׳וועט מיר אויסקומען צו זיין אין וואַרשע און זי האָט מיר געגעבן דעם דאָזיקן אַדרעס. אָבער איך האַלט, אַז זאָשיע איז אַ קאַטוילישע; זי איז דאָך בכלל נישט ענלעך צו אַ יידישער פֿרוי. אַגב, וואָלט זי געווען אַ יידישע, וואָלט מען דאָס גלייך דערשפּירט".

נאָך דעם האָט מיר די באַלעבאָסטע געזאָגט:

— כ׳האָב דיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן, איידער כ׳האָב דיך נישט דערקענט.

און אָט איז אָנגעקומען זאָשיע. מיר גייען אַרויס אין שטאָט. זי דערציילט מיר, אַז שוין עטלעכע טעג ווי זי האָט נישט קיין פֿאַרבינדונג מיט דער געטאָ. די ידיעה וועגן טויט פֿון צביהן איז ניט ריכטיק. צביה לעבט, זי געפֿינט זיך נאָך אין געטאָ און זי קעמפֿט צוזאַמען מיט די איבעריקע. אָבער ס׳איז אמת די ידיעה, אַז חאַנטשע לעבט ניט מער.

. . . א. האָט מיך געבראַכט אין אַ האָטעל, כ׳זאָל זיך אָפּרוען. צומאָרגנס בין איך צוזאַמען מיט נאָך אַ באַפֿריינדעטער פֿרוי געגאַנגען זיך צוקוקן פֿון דער נאָענט צו די קאַמפֿן אין דער געטאָ.

אַלע גאַסן וואָס פֿירן צו דער געטאָ זיינען איבערפֿילט מיט זעלנער און טאַנקען, און אויטאָבוסן און מאַטאָציקלען. אַלע מיט פּאַנצער־העלמען אויף די קעפּ, און דאָס געווער אין קאַמפֿסגרייטקייט. די וואָלקנס פֿון הימל זיינען רויט פֿון די פֿלאַמען פֿון די אונטערגעצונדענע הייזער. די געשרייען פֿאַרטויבן די אויערן. וואָס מער איך דערנעענטער זיך צו דער געטאָ אַלץ מוראדיקער און קלאָרער ווערן געשרייען און זיפֿצן, שיסערייען. די געטאָ איז פֿון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דורך די דייטשן פֿון דער פֿאַרניכטונגסקאָלאָנע. פֿון הינטער שוץ־באַריקאַדן וואָס זיינען אין איילעניש אויפֿגעשטעלט געוואָרן דורך די דייטשן, ליגן זעלנער און זשאַנדאַרמען און שיסן פֿון מאַשין־געווער.

געפּאַנצערטע טאַנקען לויפֿן פֿון אַלע זייטן און שיסן. עטלעכע פֿון זיי זיינען פֿאַרניכטעט געוואָרן דורך די יידן מיט האַנט־גראַנאַטן און מאַשין־געווער . פֿון דער הויך פֿליען עראָפּלאַנען איבער דער גאַנצער געטאָ און וואַרפֿן אַהין אַריין באָמבעס און בראַנד־באָמבעס. אויך די גאַסן אַרום דער געטאָ שטייען אין פֿלאַמען. ס׳האָט געמאַכט דעם רושם, ווי עס קעמפֿן נישט די יידן מיט די דייטשן, נאָר ווי עס וואָלטן געקעמפֿט קעגן זיך צוויי לענדער.

אַרום שטייען פּאָליאַקן און דייטשן און קוקן זיך צו פֿון דערווייטנס צו די בילדער — זאַכן, וואָס קיין מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן .

פֿון 5טן און 6טן שטאָק וואַרפֿן יונגע מאַמעס אַראָפּ אונטן זייערע קינדער; מענער וואַרפֿן אַראָפּ אונטן זייערע פֿרויען און אַלטע עלטערן, און נאָך זיי שפּרינגען זיי אַליין אַראָפּ צום טויט. אין אַן אַנדער אָרט שטייען מענער, מיט אויגן אַרויסגעסטאַרטשעטע פֿון זייערע לעכער און שרייען צו די דייטשן זיי זאָלן אויף זיי שיסן. די דייטשן לאַכן מיט שפּאָט. אין עטלעכע מינוטן שפּעטער פֿאַרשווינדן די מענטשן אין די פֿייער־פֿלאַמען.

אַנדערע זײַנען ניט פֿעאיק צו באַגיין זעלבסטמאָרד; זיי זיצן אויפֿן אויבערשטן שטאָק; די שטאָקן אונטן שטייען שוין אין פֿלאַמען און דאָס פֿייער רייסט זיך אַלץ העכער און העכער; פּלוצלינג קראַכן איין די ווענט פֿון די מויערן און זיי פֿאַלן, און פֿון אונטער די חורבות שטייגט אויף אַ פֿאַרצווייפֿלונגס־געשריי. די מוטערס, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון די פֿלאַמען, מיט זייערע קינדער אויף די אָרעמס, קלאָגן מיט אַן אומ־מענטשלעך קול און בעטן פֿאַרן לעבן פֿון זייערע קליינע קינדער. אָבער דער דייטש טוט זײַנס. ער רייסט אַרויס די קינדער פֿון די אָרעמס פֿון די מוטערס, שלײַדערט זיי אויף דער ערד, טרעט זיי מיט די שטאַרקע פֿיס און דערשטעכט זיי מיטן באַגנעט. די קליינע קעפּלעך צאַפּלען זיך פֿון ווייטיק. דערנאָך וואַרפֿט ער אַריין די קערפּער אין פֿייער. אויך דער מוטער שטעכט ער דורך מיטן באַגנעט. אַ טאַנק דערנעענטערט זיך און צעטראַמפּלט איר גוססדיקן קערפּער.

די יידן פֿאַרטיידיקן זיך מיט גרויס מוט. אויף די דעכער פֿון די הײַ־זער, וואָס שטייען נאָך נישט אין פֿלאַמען, זעט מען דורכן רויך ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל, יונגע בחורים ביי מאַשין־געווער. מיידלאַך קעמפֿן מיט גבורה מיט רעוואָלווערן און פֿלעשער מיט אויפֿרייס־שטאָף. קליינע אינג־לאַך און מיידלאַך באַפֿאַלן די דייטשן מיט שטיינער, שטעקנס און אייזערנע פּרענטן. ניט־אָרגאַניזירטע מענטשן, זעענדיק די צעפּלאַקערטע שלאַכט, כאַפּן אַלץ וואָס עס קומט זיי הינטער די הענט און שליסן זיך אָן אָן די קעמפֿער, ווייל סיי ווי סיי בלייבט זיי נאָר איין אויסוועג — דער טויט. די געטאָ איז פֿול מיט טויטע . עס זײַנען געפֿאַלן פֿיל יידן, אָבער עס פֿאַלן אויך דייטשן.

די צושויער פֿון די גרויליקע סצענעס רעאַגירן פֿאַרשידנאַרטיק: עס זײַנען דאָ דייטשן, וואָס שפּייען אויס זעענדיק דאָס אַלץ און טרעטן אָפּ אין אַ זייט. זיי קענען מער ניט צוקוקן די דאָזיקע גרויזאַמע בילדער. אין איינעם פֿון די פֿענצטער שטייט אַ פּוילישע פֿרוי און רייסט די קליידער פֿון איר לייב; זי איז אַראָפּ פֿון זינען זיך צוקוקנדיק צו די גיהנום־סצענעס; הויך שרייט זי אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט אויב

ער קען צוזען פֿון דער הויך אַזעלכע סצענעס און שווייגן. איך פֿיל ווי מיינע פֿיס ברעכן זיך אונטער מיר און כ׳מוז אַוועקגיין. פֿון איין זייט האָבן מיר דערדריקט ביז צו דער ערד די בילדער וואָס כ׳האָב געזען, און אין דער זעלבער צייט האָב איך געפֿילט עפּעס אַ פֿרייד, וואָס ס׳זיינען נאָך דאָ יידן, לעבעדיקע מענטשן וואָס קעמפֿן קעגן די דייטשן.

טיף צעטרייסלט קער איך זיך צוריק אין מיין האָטעל. די געזעענע בילדער פֿאַרפֿאָלגן און פּייניקן מיך. אָפּטמאָל האָב איך גאָרנישט געקענט גלויבן, אַז כ׳האָב עס טאַקע צוגעזען מיט מיינע אייגענע אויגן. אפֿשר האָבן מיר מיינע חושים גענאַרט? זיינען די דערשלאָגענע, פֿון הונגער פֿאַרפּייניקטע יידן, טאַקע באמת פֿעאיק צו פֿירן אַזאַ העלדן־קאַמף? מי־ליאָנען זיינען געפֿאַלן ווי שטומע, ניט שטעלנדיק קיין ווידערשטאַנד, און דאָ האָבן זיך די דאָזיקע יידן אויפֿגעהויבן און ווילן פֿאַלן ווי מענטשן?

מען דערציילט, אַז טאָג־טעגלעך ווערן אין דער שטאָט פֿאַרשפּרייט אויפֿרופֿן, וואָס קומען פֿון דער געטאָ. אין זיי ווערט איבערגעגעבן גענוי וויפֿיל דייטשן עס זיינען געפֿאַלן, וויפֿיל געווער מען האָט ביי זיי צוגענומען און וויפֿיל טאַנקן זיי האָבן פֿאַרלאָרן. דאָרט איז אויך געשריבן, אַז די יידן וועלן קעמפֿן ביזן לעצטן אָטעם־צוג. אַ גאַנצע נאַכט דערגרייכט צו אונדזערע אויערן דער גערויש פֿון עראָפּלאַנען און די גאַנצע ערד ציטערט פֿון די געוואַרפֿענע באָמבעס.

צו מאָרגנס באַלד אין דער פֿרי, האָב איך זיך געלאָזט צו דער באַן. איך פֿאָר אין די וואַגאָנען מיט מענטשן, וואָס דעם גאַנצן טאָג וואונדערן זיי זיך אין זייערע געשפּרעכן איבער דער העלדישקייט און בראַוון מוט פֿון די יידן. אַ טייל זאָגן: ס׳איז נישט אַנדערש ווי אויך פֿיל פּאָליאַקן קעמפֿן צוזאַמען מיט זיי; מען קען זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז די יידן זאָלן זיין פֿעאיק צו פֿירן אַזאַ העלדן־קאַמף.

די שלאַכט אין וואַרשע האָט זיך געצויגן בערך 6 וואָכן. צביה און י. צ. האָבן צום סוף דורך עפּעס אַ וואונדערלעכן וועג זיך דורכגעריסן צום אַרישן קוואַרטאַל.

אין אַ הייל אונטער די הייזער האָבן זיך געפֿונען נאָך צענדליקער מענטשן. די חברים, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויף דער אַרישער זייט, און "קאַזיק" צווישן זיי, האָבן באַשלאָסן צו ראַטעווען די דאָזיקע מענטשן. אין אַ געוויסן טאָג זיינען זיי אָנגעקומען מיט אַן אויטאָבוס צום אויסגאַנג פֿון דער הייל אין דער אַרישער זייט, אָנגעטאָן אין אוניפֿאָרמען פֿון דייטשע זשאַנדאַרמען, און מיט גרויס מי איז זיי געלונגען אַרויסצוראַטעווען ביי 80 מענטשן. די אוניפֿאָרמען זיינען געוואָרן אַראָפּגעצויגן פֿון דייטשן וואָס זיינען דערהרגעט געוואָרן אין די שלאַכטן פֿון דער געטאָ.

אין דער געטאָ האָבן זיך ווייטער אַרומגעדרייט דייטשע וואַכן; דער־פאַר האָט מען געדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק. די בחורים פאַרקליידט פאַר זשאַנדאַרמען, שטאַרק באַוואָפנט, זיצן אין דער הויך אויפן אויטאָבוס היטנדיק די מכלומרשטע אַרעסטירטע. ווען מען פאַרהאַלט זיי אין גאַס, ווייזן זיי זייערע געפעלשטע דאָקומענטן. די געסטאַפּאָ־לייט, וואָס רעווי־דירן זיי, סאַלוטירן און לאָזן זיי פאָרן ווייטער. דער אויטאָ קומט אַרויס אויסער דער שטאָט, אין וואַלד.

די מענטשן גייען אַראָפּ פון אויטאָבוס, גייען אַריין אין וואַלד און דער אויטאָ פאָרט צוריק ברענגען אַנדערע מענטשן. אַביסל געראַטעוועטע צעלויפן זיך ווייטער. יעדער איינער, וואוהין ער קאָן. אַביסל בלייבן לעבן אין די וועלדער און יעדע רגע קענען זיי אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. צופעליק וואוינט אין וואַלד אַ גוטער וועכטער וואָס האָט אויף זיי רחמנות און ברענגט זיי יעדן טאָג אַביסל שפייז.

און די הענט פון די דייטשן אין דער געטאָ זיינען פול מיט אַרבעט.

זיי רייסן אויף הייזער, כדי זיך איבערצוצייגן אַז אין די בונקערן וואוינען נישט מער קיין יידן. אין יעדן קאַנאַל לאָזן זיי אַריין גאַז. אין די נעכט דרייען זיך אַרום וואַכן און פון צייט צו צייט ווערן ניט ווייניק וואַכלייט פאַרפאַלן און קומען נישט צוריק; זיי פאַלן פון די שאָסן פון דער יידישער חברה, אַנגעטאָן אין אוניפאָרמען פון זשאַנדאַרמען.

אָבער ניט קיין סך מענטשן איז זיך געלונגען צו ראַטעווען. בעת דער שלאַכט איז אַמאָל געשטאַנען איינער פון אונדזערע בחורים, אָנגע־טאָן ווי אַ זשאַנדאַרם, צוזאַמען מיט אמתע זשאַנדאַרמען, ביים טויער פון דער געטאָ. קיינער האָט אים נישט דערקענט, ווייל די זשאַנדאַרמען האָבן ניט געקענט איינער דעם צווייטן; ווייל זיי זיינען געבראַכט געוואָרן פון וואַרשע פון דער גאַנצער אַרומיקער סביבה. ער האָט אָנגעהויבן רופן די יידן זיי זאָלן אַרויסגיין אָבער קיינער פון די יידן האָט זיך נישט גע־רירט. ס׳איז זיי ניט איינגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער זשאַנדאַרם איז גאָר אַ פאַרשטעלטער ייד. דאָן איז ער צו צו די יידן און נאָכגעשלעפט נאָך זיך די גאַנצע חברה, זיי האַלטנדיק ביי די הענט. נאָך זיי איז נאָכגעלאָפן נאָך אַ גרופע, זעענדיק אַז דער דאָזיקער זשאַנדאַרם שיסט ניט אין זיי. די אַנדערע דייטשן האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אויף אים; זיי האָבן אוודאי געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ נייע שיטה, די זשאַנדאַרמען זאָלן אַרויסשלעפן די יידן פון די היילן און זיי דערמאָרדן.

די אַרויסגעשלעפטע זיינען אַנטלאָפן. יעדער איינער וואו ס׳האָט זיך געלאָזט. אַזוי זיינען געראַטעוועט געוואָרן צענדליקער יידן. פיל זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן, ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט

וואוהין צו גיין און האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. אָבער פּיל האָבן זיך אַזוי אַרום געראַטעוועט און עד־היום וויסען זיי נישט, וועד איז עס, פּאַקטיש געווען דער דאָזיקער גוטער זשאַנדאַרם.

דער גירוש אין בענדין

מיר האָבן ניט אויפגעהערט צו ברענגען געווער פון וואַרשע. איין חברה פון „השומר הצעיר", גיסיה פסחזון, איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן, פירנדיק מיט זיך געווער. מען ווייסט נישט גענוי וואו זי איז דערמאָרדעט געוואָרן. זי איז אַוועקגעפאָרן און ניט צוריקגעקומען. עס גייען אַרום פאַרשידענע קלאַנגען. טייל זאָגן, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט אויף דער באַן, אַנדערע זאָגן, אַז אויף דער סטאַנציע אין טשענסטאָכאָוו.

פון איצט אָן פאָרט מען צו צוויי. אינאַ געלבאַרט פון „השומר הצעיר", און איך פון קיבוץ.

אינאַ געלבאַרט איז אַ לעבעדיק מיידל, הויך, מוטיק, אַ טיפּישע טאָכטער פון שלעזיע; זי פאָרט, ניט מורא האָבנדיק אַ רגע פאַרן טויט.

מיר באַנוצן ביידע געפעלשטע פּעסער און דאָקומענטן אויף אַריבער־גיין די גרענעץ. אין וואַרשע זיינען געזעסן ספּעציעלע מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פעלשן אַזעלכע רייזע־שיינען. אַזאַ שיין האָט געקאָסט אַן אוצר מיט געלט, אָבער אין אַ צייט פון נויט קוקט מען נישט אויף קיין פּרייז.

ביים אַריבערגיין די גרענעץ ווייזט מען דעם רייזע־שיין מיט דער פאָטאָגראַפיע, אַרויסגעגעבן פון רעגירונגס־אַמט, און די אידענטיטעטס־קאַרטע, וואָס איז אויך פאַרזאָרגט מיט אַ פאָטאָגראַפיע.

דער וועג קיין וואַרשע איז שוין ווייניקער געפערלעך. אויב דאָס קאָנטראָלירן די דאָקומענטן וועט אַריבער בשלום און ווען אין צוג וועט מיך קיינער נישט דערקענען — וועט די רייזע האָבן אַריבער בשלום.

אין וואַרשע וואוינט אַ ייד אין אַרישן קוואַרטאַל. אַמאָל האָט ער גע־הייסן ט. און איצט ק. ער האָט זיך באַקענט מיט פעלשער פון רייזע־שיינען און פאַרקויפער פון געווער. ער שטעלט עס אונדז צו די דאָזיקע סחורה — סיי רייזע־שיינען און סיי געווער, און ער פאַרדינט ביי אונדז גוט.

דער וועג צוריק, פון וואַרשע, איז שוין מער געפערלעך; אויף דער באַן קומען פאָר אומאויפהערלעכע רעוויזיעס. מען רעווידירט אין יע־דער קלענסטער וואַליזע. מען נעמט צו פון די פּאַסאַזשירן זייערע שפּייז־פּעקלעך און מען זוכט געווער.

די גאַנצע צייט פֿון דער רייזע ביזטו גרייט אויף אַלץ. ניט נאָר צו ווערן דערשאָסן אין וועג, נאָר אויך אַרויסצושפּרינגען, ווען נויטיק, פֿון צוג אין מיטן גאַנג; דו דאַרפֿסט וויסן פֿאָראויס וואָס צו טאָן אין פֿאַל פֿון אַ שווערער רעוויזיע, און דער עיקר, איבערצוטראָגן אין פֿאַל ווען דו וועסט דורכפֿאַלן די מוראדיקסטע יסורים און קיין זאַך ניט אויסזאָגן. דו דאַרפֿסט זיין שטאַרק און ענטשלאָסן אין דיין האַלטונג. אין דער ערשטער רייע מוזסטו האָבן אַ שטאַרקן ווילן.

יעדער מין געווער, וואָס ווערט אַריינגעשמוגלט איז אַן אמתער אוצר. ער קאָסט אַ ים מיט געלט, כּוחות און נערוון אָן אַ שיעור. עס זיינען אָנגעשטרענגט די וואָס שמוגלען דורך דאָס געווער און די וואָס וואַרטן אויף זיי, אויב אַ שליח קומט ניט צוריק אין דער באַשטימטער צייט, ווערן די חברים שיעור משוגע; ווער ווייסט וואָס ס'האָט גורם געווען די פֿאַרשפּעטיקונג.

עס זיינען געווען פֿאַלן, ווען נאָך דעם ווי דאָס געווער איז געוואָרן דורכגעשמוגלט און אַריבערגעבראַכט מיט דערפֿאָלג אויפֿן פּלאַץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן זיך דערמיט ניט באַנוצן; עס איז געווען פֿאַרזשאַווערט אָדער ניט געהאַט קיין קוילן. אין וואַרשע איז ניט געווען קיין צייט און קיין פּלאַץ וואו עס אויסצעפּרובירן. באַלד פֿלעגט מען עס צוריק איינפּאַקן, ערגעץ אין אַ געהיימען ווינקל, און איילן צום צוג: אַרויסצופֿירן די כּלי קיין וואַרשע, עס אויסבייטן אויף גוט געווער. און ווידער זיינען די מענטשן געווען געצוואונגען איינצושטעלן זייער לעבן.

די רעוואָלווערן און די גראַנאַטן זיינען דאָס רוב געקומען פֿון די דייטשע געווער־סקלאַדעס. איינער פֿון די זעלנער פֿלעגט עס אַרויסגנבֿענען און פֿאַרקויפֿן עס איינעם; דער ווידער אַ צווייטן; מיר פֿלעגן עס קריגן אפֿשר פֿון דער פֿינפֿטער האַנט.

אין אָנהויב מאַי 1943 האָבן די זשאַנדאַרמען, געסטאַפּאָ־לייט און זעלנער אַרומגערינגלט די בענדינער געטאָ אין מיטן דער נאַכט. פֿון דער ווייטנס הערן זיך שיסערייען. מיר קוקן דורכן פֿענצטער: דער הימל טאָגט שוין. אַ בהלה. פֿיל מענטשן לויפֿן אין די נאַקעטע העמדער; זיי זעען אויס ווי בינען, וואָס מען האָט אויסגערויכערט פֿון בינשטאָק.

מיר שפּרינגען אַראָפּ פֿון אונדזערע בעטן: דער גירוש!

פֿרומקע און הערשל זאָגן, אַז אַלע דאַרפֿן אַראָפּגיין אין די צוגעגרייטע בונקאַרן, אויסער אַ צאָל מענטשן, וואָס האָבן „זאָנדערשיינען" פֿון האַזנערס וואַרשטאַט; דער דאָזיקער וואַרשטאַט געהערט צו אַ געסטאַפּאָ־מאַן און די מענטשן וואָס האָבן דעם דאָזיקן „זאָנדער" זיינען געזיכערט פֿון גירוש. זיי דאַרפֿן בלייבן אין זייערע צימערן. ווייל אויב די דייטשן וועלן קומען און

וועלן זען די צימערן לײדיק, וועלן זײ אָנהויבן זוכן, געפֿינען די בונקערן און דאַן זײַנען מיר אַלע פֿאַרלוירן.

מיר האָבן ניט געהאַט קײן צײַט לאַנג צו טראַכטן; אין דער הויך זײַנען געבליבן נײַן מענטשן, די איבעריקע זײַנען אַראָפּ אין בונקער. די טיר צו דעם דאָזיקן בונקער איז געווען אין אַ וואַנט פֿון אַן אויוון. מען נעמט אַרויס דאָס טירל פֿון אויוון און אַלע גײען אַרײַן; די וואָס בלײַבן אין דער הויך שטעלן צוריק אַרײַן דאָס טירל. און אַזוי זיצן מיר אין בונ־קער; אין אַ שעה אַרום דערגײט צו אונדזערע אויערן דער אָפּקלאַנג פֿון שווערע טריט פֿון מיליטערישע פֿאַרהאַרטעוועטע שטיוול. באַלד הערן מיר אַ געלויף איבערן צימער אין דער הויך, קללות אין דײַטש, דאָס עפֿענען פֿון שאַפֿעס און איבערדרײען מעבל. דאָס זוכען זײ צי עס האָט זיך ניט ווער אויסבאַהאַלטן. דערנאָך: דאָס קלאַפּן מיט שטיוול אויף די שטיגן, אַ סך שטימען און געשרײען: „גײט אַרויס, פֿאַרשאָלטענע יידן!"

עס הערשט אַ שטילקײט. אַלע זײַנען אַוועק. מיר זיצן נאָך עטלעכע שעה. בײ 30 מענטשן זײַנען מיר אין קלײנעם בונקער. די לופֿט צו אונדז דרינגט אַרײַן דורך אַ קלײנעם שפּאַלט. אַרום הערשט אַזאַ שטילקײט, אַז דאָס אויער הערט אַפֿילו דאָס שטילע זשומען פֿון אַ פֿליג. די לופֿט ווערט אַלץ מער שטיקנדיקער. אַ היץ, ניט איבערצוטראָגן. יעדע אײנע פֿון אונדז פֿאָכעט איבער איר חברטע, זי זאָל ניט חלשן. פּלוצלונג פֿאַלט אַוועק אין חלשות צפּורה מאַרדער, צו אונדזער גליק האָבן מיר געהאַט אַביסל וואַסער און אויפֿמונטערונגס־טראָפּנס. מיר ווײסן ניט וואָס צו טאָן. עס פֿעלט לופֿט צום אָטעמען. עס איז איר שווער צו דערראַטעווען. אין בונקער ענטשטײט אַ באַוועגונג. אַ גליק, וואָס די טריט פֿון די דײַטשע וואַכן דערגרײכן מער ניט אונדזערע אויערן. וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר זײַנען אַלע אומבאַהאָלפֿן. צפּורה איז שוין אין גאַנצן נאַס פֿון וואַסער. וואָס מיר האָבן אויף איר געגאָסן. צום סוף האָבן מיר איר אָנגעהויבן צו קנײַפּן, ביז מיר האָבן איר צוריק געבראַכט צום באַוואוסטזײַן. זי איז געוואָרן זײער אָפּגעשוואַכט, און אויך אונדז אַלעמען נעמט שטאַרק איב־לען; עס פֿעלט לופֿט צום אָטעמען. די מײַלער זײַנען טרוקן.

די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן 4 אין דער פֿרי; איצט איז שוין אַ זײגער 11 און קײנער איז נאָך ניט צוריקגעקומען. מיר זיצן נאָך אַ האַלבע שעה בערך. פֿון דערווײַטנס דערגײט צו אונדז אַן אײנציקע שטים; ווי זי וואָלט אַרויס פֿון אַ קבר. די מענטשן אין דער געטאָ קומען צוריק מיט מוראדיקע געשרײען און געוואַלדן.

מיר וואַרטן ביז ס׳וועט ווער קומען און עפֿענען דעם אַרײַנגאַנג. פֿרומקע זאָגט: ווער ווײסט צי זײ זײַנען ניט געוואָרן אויסגעוויזן. קײנער

קומט ניט צוריק. און אַט דערגרייכט אונדז אַ קול פֿון טריט. אַ ספּאַנטאַניש געוויין און צאַפּלעניש פֿון קערפּער אויף דעם באָדן. מען עפֿנט אונדז. פֿון ניין מענטשן זיינען צוריקגעקומען צוויי: מאַקס פּישל און אילזאַ האַנסדאָרף. צוליב עפּעס אַ סיבה זיינען זיי ניט פֿאַרטריבן געוואָרן און זיינען געבליבן אויפֿן אָרט. אַ פֿאַרצווייפֿלט געשריי רייסט זיך אַרויס פֿון אונדזערע העלדזער: ס׳זיינען פֿאַרשיקט געוואָרן זיבן פֿון אונדזערע בעסטע מענטשן.

די אויערן הערן מיט אָנשטרענגונג וואָס די חברים דערציילן. אַלעמען האָט מען אַריינגעפֿירט אין אַ ליידיקן פּלאַץ, אָן געביידעס. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגע רייע. מען האָט ניט געקוקט אויף קיין אַרבעטס־צייגענישן. דער פּלאַץ איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ שטריק, וואָס ס׳האָבן געהאַלטן די מענטשן פֿון דער יידישער מיליץ, אַז קיינער זאָל ניט אַנטלויפֿן. מען האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַלט און יונג. אַ געסטאַפּאָווער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ קליינעם שטעקל אין האַנט. ער האָט אָנגעצייכנט די מענטשן: טייל האָט ער פֿאַרשיקט רעכטס, און אַ טייל לינקס, און די מענטשן ווייסן נאָך אַלץ נישט ווער ס׳ווערט פֿאַרשיקט און ווער עס בלייבט. דעם רעכטן פֿליגל פֿירט מען אַוועק אין דער ריכטונג פֿון דער באַן־סטאַנציע, און די איבעריקע שיקט מען אַהיים. מיט אַ געוויינלעכער באַוועגונג מיטן שטעקל, לינקס אָדער רעכטס, איז באַשלאָסן געוואָרן, ווער ס׳בלייבט לעבן און ווער עס ווערט פֿאַרשיקט צום טויט. פֿיל זיינען דערשאָסן געוואָרן פּרוּוונדיק אַנטלויפֿן.

מיר גייען אַרויס און מיר שטעלן זיך פֿאַר דער שטוב. אַלץ אומזיסט. ס׳איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט זיי אַרויסצונעמען פֿון דער פּאַרטיע. און אין דרויסן קומען מענטשן צו לויפֿן פֿון דער פּאָליציי מיט אַ געוויין, איינער אָן זיין מוטער, אַנדערע אָן אַ פֿאָטער, אָן אַ מאַן, אָן אַ זון, אַ טאָכטער, אַ ברודער, אָדער שוועסטער. פֿון יעדן האָט מען וועמען אַוועקגעריסן. די מענטשן חלשן אין די גאַסן. אַ מוטער וואָס איז האַלב משוגע געוואָרן, וויל זיך אַליין אָנשליסן אין דער פּאַרטיע, מ׳האָט איר צוגענומען צוויי דערוואַקסענע זין. פֿינף קינדער קומען צוריק מיט אַ געוויין: מען האָט זיי צוגענומען זייער פֿאָטער און מוטער. זיי האָבן ניט צו וועמען צו גיין. די עלטסטע איז 15 יאָר אַלט. און דאָ חלשט אַ יונגע מיידל, די טאָכטער פֿון וויצע־פּאַרזיצער פֿון דער קהילה. מען האָט פֿאַרטריבן איר פֿאָטער, מוטער און ברידער, זי איז געבליבן אַליין. זי פֿאַלט אויף דער ערד און רייסט פֿון זיך אַלץ וואָס זי טראָגט. צו וואָס דאַרף זי לעבן?

אַרום הערשט נאָר געוויין און יאוש; אָבער אַלץ איז אומזיסט. די מענטשן וואָס מען האָט אַוועקגעפֿירט מיט דער באַן, וועלן שוין מער ניט צוריקקומען.

הערשל שפּרינגער איז געווען באַליבט ביי אַלע יידן אין שטאָט. טעג און נעכט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט ראַטעווען און העלפן מענטשן. ער איז געווען אָנגעזען אין די אויגן פון די קהילה־לייט. די יידן שרייען: אויב מען האָט הערשל שפּרינגער ניט געקאָנט אָפּראַטעווען, וועט זיכער ניט בלייבן קיין איין לעבעדיקער ייד. אַלע וויינען איבער אים, ווי איבער אַ טאַטן, סיי מיר, און סיי די יידן אין שטאָט.

די גאַנצע גאַס איז פול מיט פאַרחלשטע מענטשן. די דורכגייער טרעטן איבער זייערע קערפּער. ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיי אָפּראַטעווען. יעדער מענטש האָט זיך זיין פּעקל צרות. יעדער מיינט, אַז זיין ווייטיק איז דער שטאַרקסטער.

ווען די פּאָליציי האָט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ זיינען די דערשאָסענע געוואָרן צונויפגעזאַמלט אין איין פּלאַץ. איצט שטייען דאָרט פיל וועגענער אָנגעפּאַקט מיט טויטע קערפּערס. באַלד וועלן זיי אָפּפאָרן צום בית־עולם. די תבואה אין פעלד איז אין גאַנצן צעטראָטן פון די מענטשן וואָס האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די זאַנגען און פיל טויטע ליגן אויפן פעלד. פון פיל ערטער הערט מען נאָך די זיפצן פון מענטשן וואָס גוססן. אויך פאַר די הייזער ליגן מענטשן, וואָס צאַפּלען זיך אין טויט־אַגאָניע. זייערע קרובים האָבן זיי געבראַכט און דאָ איבערגעלאָזט. זייערע קערפּער זיינען צושמעטערט פון גיפטיקע דום־דום קוילן.

די אַלע בילדער איז שווער איבערצוטראָגן. מיר קערן זיך אום אַהיים. די בעטן זיינען איבערגעקערט; אין יעדן ווינקל ליגט אויף דער ערד אַן אַנדער מענטש און קלאָגט אין זיין מוראדיקן יאוש. די קינדער פון קיבוץ „עתיד" וויינען און מען קאָן זיי ניט באַרואיקן.

פרומקע רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און קלאַפּט דעם קאָפּ אין וואַנט. מיר האָבן מורא אַז זי זאָל זיך ניט נעמען דאָס לעבן. זי שרייט מוראדיק: „איך בין שולדיק אין זייער טויט. פאַרוואָס האָב איך זיי געהייסן בלייבן אין זייערע צימערן? איך האָב זיי דערמאָרדעט, איך האָב זיי געשיקט צום טויט", און מען קען איר ניט אויפקלערן, אַז דאָס איז ניט איר שולד.

די שיסערייען הערן ניט אויף. אויף דער סטאַנציע שטייען די אַלע וואָס ווערן פאַרשיקט, אונטער אַ וואַך פון זעלנער, מיט געווער אין די הענט. עטלעכע מאַכן אַ פּרואוו צו אַנטלויפן. זיי זוכן אַריבערצושפּרינגען די אייזערנע צוים צווישן שאָסיי און דעם אָפּגעצוימטן פּלאַץ. אויף יענער זייט צוים שטייען פּאָליאַקן און דייטשן און קוקן זיך צו צום בילד. זיי זיינען צופרידן. עס הערן זיך געשפּרעכן: „אַ שאָד, וואָס אַביסל זיינען נאָך איבערגעבליבן, אָבער זייער סוף וועט אויך באַלד קומען. מען קען זיי דאָך

ניט פֿאַרשיקן אַלעמען מיט אַמאָל". אַנדערע פּאָליאַקן זאָגן: „די וואָס היטלער וועט ניט אויסהרגענען איצט, וועלן מיר אויסמאָרדן נאָכן קריג".

דער צוג קומט אָן. מיט קלעפּ שטופּט מען אַריין די יידן אין די וואַגאָנען פֿון פֿי. אָבער ס'איז נישטאָ גענוג פּלאַץ פֿאַר אַלעמען. די וואַגאָנען זיינען פֿול און איבערגעפּאַקט, אַז מען קאָן קיין שפּילקע ניט אַריינוואַרפֿן. די געבליבענע פֿירט מען אַריין אין אַ גרויסער געביידע, וואָס האָט פֿריער געדינט אַלס בית־יתומים און אַ מושב־זקנים. דאָ זאַמלען די דייטשן צונויף די יידן, וואָס זיינען פֿאַראורטיילט צום טויט.

די באַן גייט קיין אָשוויענטשים. נאָך היינט וועלן אַלע געפֿירט ווערן צום טויט.

די געבליבענע קוקן אַרויס פֿון די פֿענצטער פֿון פֿערטן שטאָק פֿון גרויסן הויז, ווי זוכנדיק עפּעס אַ רעטונגס־ברעט. דאָס הויז איז אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער וואַך פֿון זשאַנדאַרמען און געסטאַפּאָ־לייט. די מענטשן פֿון דער מיליץ דרייען זיך אַרום: אפֿשר וועט זיי נאָך געלינגען אַרוסצוראַטעווען וועמען פֿון זייער פֿאַמיליע און גוטע פֿריינט. צום סוף קומען אַרויס עטלעכע יידן פֿון בית־יתומים; זיי האָט באַפֿרייט ראָזנער אַלס פֿאַך־לייט וואָס מען מוז אומבאַדינגט האָבן צו דער אַרבעט. ראָזנער, הגם ער איז אַ דייטש און אַ געסטאַפּאָוועץ, וויל שטאַרק אַרויסראַטעווען זיינע אַרבעטער פֿון די נעגל פֿון טויט. ער זאָגט, אַז ווי לאַנג ער לעבט וועט ער ניט לאָזן אַרויסשלעפּן פֿון זיין וואַרשטאַט קיין איינעם פֿון זיינע מענטשן.

אָבער די געסטאַפּאָ־לייט פֿרעגן ניט ביי אים. זיי טוען וואָס זיי געפֿעלט. זיי ווייסן: סיי ווי סיי וועלן פֿריער אָדער שפּעטער אַלע יידן אויסגעהרגעט ווערן.

אויף דער טראַנספּאָרט, וואָס איז געבליבן אין בית־יתומים וועט מאָרגן אין דער פֿרי ווערן אַרויסגעשיקט. עס פֿעלן נאָך עטלעכע הונדערט מענטשן ביז אַ גאַנצע טויזנט — דער פֿולער קאָנטינגענט פֿון אַ טראַנספּאָרט. אין מיטן טאָג, רייסן זיך אַריין די געסטאַפּאָ־לייט אין איינעם פֿון די וואַרשטאַטן און שלעפּן אַרויס די פֿעלנדיקע צאָל מענטשן.

אַזוי האָט מען אַרויסגעצויגן פֿון בענדין אין משך פֿון צוויי טעג ביי 8000 מענטשן, אויסער די געהרגעטע און געשטאָרבענע פֿון צער און פּחד.

אויף דער גירוש פֿון שכנותדיקן סאָסנאָוויץ האָט זיך אָנגעהויבן אין דער זעלבער צייט.

פֿרומקע איז שוין ניט געווען פֿעאיק מער אָנצופֿירן אַליין מיטן קיבוץ, צו טראָגן אויף אירע פּלייצעס די גאַנצע לאַסט פֿון זיינע דאגות און בכלל

צו טראַכטן און פֿאַרזעצן דאָס נאָרמאַלע לעבן. דער קיבוץ האָט זיך אָנ־געהויבן פֿונאַנדערפֿאַלן. קיינער האָט ניט געהאַט קיין חשק אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט ווייל וואָס פֿאַר אַ טעם האָט אַן אַרבעט אויב סיי ווי סיי הענגט איבער אונדזערע קעפּ דער גירוש? נאָך אַביסל, — און ס׳וועט זיך אָנהויבן די אַלגעמיינע ליקווידאַציע. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן צושפּרייטן זיך. זאָל יעדער איינער גיין וואו ער וויל.

אַ שווער־געדריקטע שטימונג האָט זיך געפֿילט אויף יעדן טריט.

דאָך זיינען די מענטשן אין משך פֿון אַ קורצער צייט צוריק אַריבער צו זייער נאָרמאַלן לעבנס־שטייגער. ווידער האָט מאָניעק מאַרין און מאַלאַראַדסקי, די פֿירער פֿון די קהילות אין סאָסנאָוויץ און אין בענדין, אונדז אָנגעהויבן איינגעמען מיט גוטע רייד, אַז די אַרבעט און נאָר די אַרבעט וועט אָפּראַטעווען ביים לעבן דאָס לעצטע ביסל לעבן־געבליבענע־יידן.

פֿון די 60,000 יידן אין שלעזיע זיינען נאָך געבליבן לעבן אַ וואָסערע 25,000.

אַ טייל פֿון זיי האָט זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט.

מיין לעצטע נסיעה קיין וואַרשע פֿאַרן אַלגעמיינעם גירוש

אין אַ געוויסער נאַכט איז אַרעסטירט געוואָרן מאָניעק מאַרין — דער פֿאָרזיצנדער פֿון דער בענדינער קהילה; דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז דער טאָג פֿון אַלגעמיינעם גירוש דערנעענטערט זיך. עליזה זיטענפֿעלד, די דערציערין פֿון די קינדער אין קיבוץ „עתיד״, און נאָך אַנדערע פֿון קיבוץ האָבן באַשלאָסן צו שיקן די קינדער אַלס אַריער קיין דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד וועלן זיי אַליין אַריינגיין צו פּאַרמער און דאָרט אַרבעטן; און אַזוי וועלן זיי דאָרט לעבן ביז די מלחמה וועט פֿאַריבער.

מען איז גלייך צוגעטראָטן דורכצופֿירן דעם פּראָיעקט. עליזה האָט אָנגעהויבן צוגרייטן די קינדער אין וועג אַריין. אין זייערע דאָקומענטן מיט די פֿינגער־צייכנס, פֿון פֿאַרן קריג, האָט מען אַריינגעשריבן נייע דאַטן פֿון זייער פֿאַמיליע־נאָמען און עלטער. מיט דער הילף פֿון אילזאַ האַנס־דאָרף, אַ מיידל פֿון קיבוץ, האָבן זיך ביסלאַכוויז אַרויסגעגנבעט פֿון דער געטאָ אַ צאָל קינדער און זיי פֿאָרן קיין דייטשלאַנד. דאָרט זיינען זיי אַריין אין אַ געמיינדע־ראַט פֿון אַ וועלכן ס׳איז דאָרף, געוויזן זייערע דאָקומענטן און דערקלערט, אַז זיי האָבן ניט קיין עלטערן און זיי ווילן אַרבעטן ביי די פּאַרמער און פֿאַרדינען זיך זייער שטיקל ברויט. די פּאַר־מער האָבן צוגענומען די קינדער; אמת, זיי זיינען נאָך צו יונג, אָבער זיי

קאָנען זיין פּאַסטוכער און בכלל צוהעלפן אין דער אַרבעט פון דער ווירט־שאַפט. אין משך פון עטלעכע טעג האָט אילזאַ אַזוי אַרום אַרויסגענומען אַ צאָל קינדער, וואָס זיינען נישט ענלעך צו יידן. אַכט קינדער זיינען אַזוי אַרום אַוועקגעשיקט געוואָרן. פון אַלע זיינען געקומען גוטע בריוו, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אויפן אַדרעס פון אַ פּוילישער פרוי, אויסער דער געטאָ. פון צוויי יונגע מיידלעך האָבן מיר נאָר באַקומען ידיעות איין מאָל. ווייזט אויס, אַז מ'האָט זיי דערקענט, און ווער ווייס וואָס מיט זיי איז געוואָרן.

די איבעריקע שרייבן, אַז נאָך עטלעכע טעג, ווען זיי כאַפּן זיך, אַז דער בעל־הבית איז זיי חושד, אַז זיי זיינען יידישע קינדער, אַנטלויפן זיי און זיי קומען אָן אין ערגעץ אַן אַנדער דאָרף זוכן אַרבעט. אַזוי בייטן זיי זייער אַרבעטס־פּלאַץ זייער אָפט. די אַרבעט איז אַ שווערע, אָבער זיי מוזן אַרבעטן. ס'איז נישטאָ קיין ברירה.

אונדז איז נאָך געבליבן עטלעכע קינדער מיט אַ סעמיטישן אויסזען.

צביה שרייבט כסדר בריוו, אַז אויב מיר ווילן ראַטעווען אונדזער לעבן, קאָנען מיר זיך איינאָרדענען אין וואַרשע. די וואָס האָבן אַן אַרישן אויסזען קאָנען זיך איינאָרדענען מיט דער הילף פון געפעלשטע פּאַפּירן. און פאַר די וואָס האָבן אַ סעמיטישן אויסזען, וועלן זיי צוגרייטן בונקערן אין אַרישן קוואַרטאַל; די פּאַליאַקן וועלן זיי לאָזן זיצן אין די באַהעלטע־נישן, נאַטירלעך, פאַר גרויסע געלט־סומען. די וויזעס און די רייזע־דערלויבענישן קאָן מען צוגרייטן אין וואַרשע. די מענטשן וואָס האָבן אַן אַרישן אויסזען, זאָלן פאָרן מיט דער באַן; פאַר די איבעריקע וועט יצחק קריגן אַן אויטאָבוס, וואָס וועט זיי דורכשמוגלען איבער דער גרעניץ פון בענדין קיין וואַרשע.

פרומקע, הערשל, צבי בראַנדעס און ברוך באַשליסן קודם־כל אַרויס־צושיקן די שוואַכע, וואָס זיינען אומפּייאיק צום קאַמף, און די קינדער. דערנאָך, אויב ס'וועט בלייבן צייט, זאָלן אויך פאָרן די איבעריקע. ווענן אַ גרויסער שלאַכט אָדער פאַרטיידיקונג קאָן מען שוין מער ניט חלומען. דאָס רוב קאָמפּספּעאיקע איז שוין געפאַלן. ווער ס'וועט באַווייזן זאָל פאָרן. די איבעריקע שטאַרקע און צוגעגרייטע וועלן זיך לאָזן אין וועג אַריין די לעצטע.

מען האָט אָנגעהויבן ברענגען פון וואַרשע וויזעס און רייזע־דערלוי־בענישן. דאָס ערשטע מאָל האָט מען געבראַכט נאָר עטלעכע דאָקומענטן. מען איז אונדז מודיע, אַז די איבעריקע דאָקומענטן וועלן זיין גרייט פאַרן קומענדיקן מאָל, ווען ווער פון אונדז, איך אָדער אינאַ, וועלן זיין אין וואַרשע.

אינאַ האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין אין אָוונט און זי האָט מיטגע־נומען מיט זיך אַלע אַדרעסן און געלט. איך בין אַרויס אויף צומאָרגנס אין דער פרי: כ׳האָב מיטגענומען מיט זיך רבקה מאַשקאָוויטש, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ קריסטין און זי האָט שוין אַ וויזע און אַ דערלויבעניש אַריבער־צוגיין די גרענעץ. זי האָט גענומען מיט זיך אַ וואַליזע מיט עטלעכע דרינ־גענדסטע זאַכן. כ׳האָב זיך אָפּגערעדט מיט אינאַ׳ן זיך צו טרעפן אין אַ פריער באַשטימטן פּלאַץ.

מיר פאָרן אין באַן. די גאַנצע צייט זאָג איך תּפילה אין האַרץ אַז כ׳זאָל דורכגיין בשלום מיט רבקהן, וואָס הייסט איצט „זאָסיע״. אויף דער גרענעץ רעווידירט מען די וויזעס און די דורכגאַנגס־פּאַפּירן (רייזע־שיין). איך ציטער אין גאַנצן, טאָמער וועט רבקה ווערן געשטרויכלט מיט איין וואָרט, וואָס זי וועט אַרויסלאָזן פון מויל. אָבער אַלץ איז אַריבער בשלום. די ענגשאַפט אין וואַגאָן איז אַ שרעקלעכע. רבקה איז אַ קרענק־לעכע. כ׳האָב פאַר איר געפונען אַ פּלאַץ צו זיצן אין אַ מיליטערישן וואַגאָן. איין זעלנער דערציילט אין דייטש, אַז ער איז געווען דערביי ווען מען האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון שלעזיע און זיי געפירט צום טויט. די איבעריקע לאַכן און שפּעטן: ער רעדט נאַרישקייטן; זיי ווילן ניט גלויבן, אַז מען הרגעט אויס די יידן. זיי פאָרן דאָך פון פראָנט; און דאָרט ווייסן זיי גאָרנישט דערפון.

זיי מאַכן זיך לוסטיק אויפן חשבון פון די יידן. דאָס איז אַן אָנגענעם בילד, אַ פרייד פאַר די אויגן, זאָגט דער זעלנער, זיי גייען צום טויט ווי די אמתע שעפסן.

אַ גאַנצער טאָג רייזע. צום סוף מיד און אויסגעשעפּט, קומען מיר אָן קיין וואַרשע. אין איילעניש גייען מיר דורך די גאַס. אויפן צווייטן עק גאַס קאָנטראָלירט מען די דאָקומענטן פון די דורכגייער. מיר גליטשן זיך אַדורך אין דער ענגשאַפט. אונדזערע פּאַסיר־שיינען זיינען נאָר גוט אין וועג, אָבער דער וואַרשעווער זשאַנדאַרם וועט גלייך דערקענען אַז די חתימות זיינען געפעלשט. מיר גייען מיט שנעלע טריט, ניט קוקנדיק הינטער אונדז. און אָט זענען מיר אָנגעקומען אויפן אָפּגערעדטן פּלאַץ, וואו מיר דאַרפן זיך טרעפן מיט אינאַן. אָבער אינאַ איז נישט געקומען. ווער ווייסט וואָס מיט איר איז געשען? אפשר איז זי ערגעץ אַרעסטירט געוואָרן אין וועג? איצט ווייס איך שוין ניט וואָס כ׳זאָל טאָן. איך האָב נישט קיין שום אַדרעסן, און דאָס געלט וואָס איך האָב, וועט מיר קוים קלעקן אויפן היינטיקן טאָג. וואָס זאָל איך טאָן? וואוהין זאָל איך פירן רבקהן? וואָס זאָל איך טאָן אויב כ׳וועל נישט טרעפן קיינעם פון אונדזע־ריקע? נעמען רבקהן און פאָרן מיט איר צוריק קיין בענדין?

איך לאָז רבקהן אין האָטעל. איך לויף צו דער שוועסטער פֿון מיינער אַ באַקאַנטער פֿון בענדין, וואָס וואוינט אין וואַרשע אין אַרישן קוואַרטאַל, שוין 40 יאָר; אפֿשר ווייסט זי דעם אַדרעס פֿון מאַרעקן. און ענדלעך נאָך לאַנגע זוכענישן האָט זי געפֿונען דעם אַדרעס פֿון מאַרעקס מוטער. צומאָרגנס פֿאָר איך אַהין מיט רבקהן. איך געפֿין מאַרעקס מוטער און זיין שוועגערין, וועמעס מאַן איז געפֿאַלן אין די קאַמפֿן פֿון די פּאַרטי־זאַנען. די מוטער ווייסט אויך גאָרנישט וועגן מאַרעקן. זי ווייסט נאָר אַז לעצטנס איז ער געווען ביי אונדז אין בענדין.

זי האָט רבקהן איינגעאָרדנט אַ נאַכטלעגער ביי אירס אַ גוטער באַ־קאַנטער, אַ פּוילישע שכנה. אין איר הויז האָט זי איר נישט געקאָנט איינאָרדענען. שאַנטאַזשיסטן קומען צו איר כּמעט יעדן טאָג און טשעפּען זיך צו איר. זי האָט בדעה צו בייטן איר דירה, מורא האָבנדיק פֿאַר די שאַנטאַזשיסטן.

צומאָרגנס האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפֿן, מיט דער הילף פֿון מאַרעקס מוטער, מיט „קאַזיק", אַ חבר פֿון „השומר הצעיר", און ער האָט מיר איינגעאָרדנט אַ באַגעגעניש מיט י. צ. דאָס איז „אַנטעק", אַן אמתער אַנטעק. אַ הויכער, בלאָנדער בחור מיט אַ פֿיינע פּאָר וואָנסן ווי ביי אַ רייכן פּריץ, אָנגעטאָן אין אַ גרינעם אַנצוג. ער גייט נעבן מיר מיט זיכערע טריט. איך וואָלט בשום־אופֿן ניט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ ייד.

זיין פּוילישער אַקצענט איז אַ ביסל ווי פֿון אַ ייד. ער איז זייער ביטרע און פֿאַרזיכטיק ווי אַ וועווערקע. זיינע אויגן קוקן אויף דיר און ער ווייסט ווער עס גייט הינטער אים. ער איז דער קאָמענדאַנט פֿון אַלע אָרגאַניזירטע יידן אין אַרישן קוואַרטאַל. שטענדיק איז ער באַשעפֿטיקט און איבערן קאָפּ באַוואָרפֿן מיט אַרבעט. ער האָט זיצונגען מיט די פּוילי־שע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, דערליידיקט פֿאַרשידענע ענינים פֿון איינאָרדנען מענטשן און געלט־געשעפֿטן. ער שיקט איבער מענטשן צו די פּאַרטיזאַנען־גרופּן, באַזאָרגט געווער אין פֿאַרשידענע פּונקטן, וואו עס לעבן נאָך הייפֿלעך יידן. ער האָט פֿאַרבינדונגען מיט די מענטשן וואָס אַרבעטן אויס וויזעס. אַלץ איז אויף זיין קאָפּ. אים העלפֿט צו אַ גאַנצער שטאָב בחורים און מיידלעך. ער גיט עצות, פֿאַראָרדנט באַפֿעלן און די איבעריקע פֿירן זיי אויס. יעדן טאָג האָט ער פֿיל טרעפֿונגען מיט אַנדערע מענטשן און אין אַן אַנדער פּלאַץ.

אָבער צביה גייט כּמעט נישט אַרויס אין גאַס. אירע געזיכטס־שטריכן זיינען צו בולט סעמיטישע. דאָך שטייט זי אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער חברה.

אין מיין געשפּרעך מיט אַנטעקן האָבן מיר גערעדט מיט ווייטיק וועגן פּלוצלימדיקן פֿאַרשווינדען פֿון אינאַן. איך זאָג: זי איז אַוודאַי געשטרויכלט געוואָרן אויף דער גרעניץ ביים קאָנטראָלירן די דאָקומענטן. אַנטעק טרייסט מיר: אפֿשר איז זי צוליב עפּעס אַ סיבה צוריקגעפֿאָרן אַהיים. ער זאָגט מיר צו צוצוגרייטן וואָס שנעלער די וויזעס פֿאַר דער איבעריקער חברה, און אויך אַן אויטאָבוס פֿאַר די, וואָס האָבן אַ בולט סעמיטישן אויסזען. דאָס איז גאָרנישט פֿון די לייכטע זאַכן; עס וועלן אַפֿלויפֿן פֿיל טעג איידער אַלץ וועט ווערן איינגעאָרדנט.

רבקהן האָבן מיר צייטווייליק, ביז מען וועט געפֿינען אַ שטענדיקע דירה, איינגעאָרדנט ביי אַ הויז־וועכטער. פֿאַר יעדן מעת־לעת צאָלט מען אים 200 זלאָטעס. אויסער פֿאַר איר עסן. איך שלאָף דערווייל שוין עטלעכע טעג, אין איינגאַנג פֿון אַ קעלער. דאָרט וואוינט אַ ייִנגל, וואָס באַהאַלט זיך אויס אַלס אַ פּאָליאַק; און איך האָב געוואוינט צוזאַמען מיט אים, ווי זיין שוועסטער. איך האָב זיך געדאַרפֿט אויסבאַהאַלטן אויף יעדן שריט און טריט און צו זיין פֿאָרזיכטיק ניט צו ווערן געשטרויכלט אין די אויגן פֿון דער באַלעבאָסטע און די שכנים; מיר האָבן איר געזאָגט, אַז כ׳האָב זיך אַרויסגעגנבעט אומגעזעצלעך פֿון דייטשלאַנד צו מיין ברודער, און דערפֿאַר וויל איך נישט לאָזן רעגיסטרירן מיין פּאַס. כ׳וועל דאָ נאָר בלייבן עטלעכע טעג.

מיט גרויס אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף די וויזעס און אויף אַ קלאָרער ידיעה וועגן אויטאָבוס. יעדן טאָג פֿלעג איך זאָגן צו י. צ. אַז איך ציטער כ׳זאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן מיט מיין קומען קיין בענדין. דער אַלגעמיינער גירוש האָט געקאָנט קומען יעדע מינוט. אפֿשר איז בעסער איך זאָל אַוועקפֿאָרן מיט די פּאַרטיקע דאָקומענטן און ניט וואַרטן מער. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז יעדן טאָג איז איצט ענטשיידנד.

ווי צו להכעיס אָבער האָט זיך די זאַך געשלעפּט פֿון טאָג אויף טאָג. צום סוף האָב איך אים געזאָגט, אַז מער קאָן איך נישט וואַרטן; מיט אַ גוואַלדיקער קראַפֿט האָט מיר עפּעס געצויגן כ׳זאָל פֿאָרן צוריק. עטלעכע וויזעס זיינען שוין געווען פֿאַרטיק. ס׳איז אויך געווען צוגעגרייט דער אויטאָבוס. טעלעגראַפֿיש וועט מען אונדז מודיע זיין ווען ס׳וועט קומען דער אויטאָבוס צו נעמען די מענטשן. געוועער האָבן מיר אין ערגעץ נישט געקאָנט קריגן.

איך פֿאָר אַלזאָ אַהיים מיט 22 געפֿעלשטע וויזעס, פֿאָטאָגראַפֿיעס און דורכפֿאָר־דערלויבענישן, וואָס ווערן צוגעלייגט צו יעדער וויזע. מיין האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט, אפֿשר וועל איך ווערן געשטרויכלט.

איך הער נישט אויף נאָכצוקלערן וועגן אינאַ געלבאַרט. וועל איך וויסן קומענדיק אַהיים, וואָס מיט איר איז געוואָרן?

אין דער באַן קומען פֿאַר כּסדרדיקע רעוויזיעס, אַפֿילו פּערזענלעכע אונטערזוכונגען. איך שטעל אָן אַ גלייכגילטיקע מינע. די זשאַנדאַרמען דערנעענטערן זיך צו מיר. ס'איז געווען נאָר אַ קוק צו טאָן אויף זיי — און ווערן צומישט. אָבער איך טאָר ניט פֿאַרלירן מיין גייסטיקן גלייכגעוויכט. מוטיק עפֿן איך אויף מיינע פּעקלעך. זיי זוכן אין זיי ווי די הינער, וואָס זוכן אין זאַמד. איך פֿאַרפֿיר מיט זיי אַ געשפּרעך, אַבי עס זאָל זיי ניט איינפֿאַלן מיך אַליין צו באַזוכן. איך האַלט זיך זיכער און פֿריי, אָן קיין סימן פֿון פּחד, קוק זיי גלייך און מוטיק אין די אויגן אַריין. צום סוף גייען זיי אַוועק פֿון מיר, נישט אַרויסרופֿנדיק ביי זיי קיין חשד.

אויפֿן וועג בין איך אָפּגעטראָטן אין טשענסטאָכאָוו; כ'האָב זיך געוואָלט זען מיט רבקה גלאַנץ, וואָס שטייט דאָרט אין דער שפּיץ פֿון דער הגנה. אָבער — ווי שרעקלעך! — דאָס איז שוין מער נישט מעגלעך. די גאַנצע געטאָ איז שוין פֿאַרברענט געוואָרן. מען קאָן נישט אַפֿילו געפֿינען די שפּורן פֿון די מענטשן. די פּאָליאַקן דערציילן, אַז בעת דער שלאַכט זיינען פֿיל יידן אַנטלאָפֿן, און זיי לעבן ווי די חיות אין וואַלד, פֿאַלן אָן אויף די אַרומיקע דערפֿער און דערמיט האַלטן זיי זיך אויס. אויב עס ענטזאָגט זיך ווער זיי צו געבן שפּייז, שיסן זיי אין אים און דערהרגענען אים. די פּאָליציי זוכט זיי אויס, איינעם נאָכן צווייטן, אָבער זי קאָן נישט כאַפּן אַלעמען. זיי פֿירן אַ פֿאַרביטערטן קאַמף מיט די דייטשן, מיט וועמען זיי שטויסן זיך צוזאַמען. די דייטשן האָבן מורא אַריינצוגיין אין די וועלדער, וואו זיי רעכענען, אַז עס באַהאַלטן זיך אויס יידן.

וועגן רבקה גלאַנץ איז נאָר באַקאַנט, אַז זי איז געהרגעט געוואָרן אין שלאַכט מיט די דייטשן. ווי מיין האַרץ וויינט איבער איר! לעצטנס איז זי געווען די מאַמע פֿון יעדן ייד אין טשענסטאָכאָוו. ווען זי האָט געוואָלט אַוועקפֿאָרן פֿון דאָרט, האָבן די יידן דאָס נישט געלאָזט; די געבליבענע יידן אין דער געטאָ האָבן מיט איר איינגעטענהט, אַז ווי לאַנג זי איז מיט זיי, שפּירן זיי זיך זיכער און פֿעסטער.

במשך פֿון דער גאַנצער רייזע, איז די שווערע משאָ נישט אַראָפּ פֿון מיין האַרץ. ווער ווייסט וואָס עס הערט זיך אין בענדין?

אַ גאַנצע נאַכט פֿאָר איך מיט דער באַן. מיינע אויגן קלעפּן זיך פֿון שלאָף און כ'קען נישט ווערן אַנטשלאָפֿן. כ'מוז האַלטן קלאָר מיין געדאַנק די גאַנצע צייט, טאָמער וועט זיין אַ רעוויזיע אָדער אַ קאָנטראָל פֿון די דאָקומענטן.

דער אַלגעמיינער גירוש

1 אויגוסט, 1943.

שמוציק, צובראָכן און מיד פֿון וועג קום איך אָן קיין בענדין. איך גיי אַראָפּ פֿון דער באַן, אַלץ ווערט מיר שוואַרץ פֿאַר מיינע אויגן. באַלד טרייבט מען אונדז אַוועק פֿון דער סטאַנציע. וואָס איז געשען? מיינע אויערן־פּיקלעך ווערן שעור ניט צוריסן פֿון די אימהדיקע געשרייען און גוואַלדן. איך פֿרעג פּאַליאַקן, וואָס קוקן זיך צו צו די סצענעס, וואָס איז דאָ געשען, ענטפֿערן זיי מיר, אַז זינט פֿרייטיק, פֿירט מען אַרויס די יידן פֿון דער שטאָט, איין פּאַרטיע נאָך דער צווייטער. היינט איז שוין דער צווייטער טאָג און ס'איז נאָך ניט געקומען אויף זיי דער לעצטער סוף.

אַן אַלגעמיינער גירוש פֿון סאָסנאָוויץ, בענדין און דאָמבראָווע. איך פֿרעג, אויב מען וועט אַרויסטרייבן אַלע יידן. כ'מוז אָנשטעלן אַ מינע פֿון איראָניע אין מיין שטימע; כ'דאַרף מאַכן דעם איינדרוק, אַז נישט נאָר גייט מיר די זאַך נישט אָן, נאָר איך פֿריי מיך נאָך. ווידער בין איך נאָר איינע פֿון גרויסן עולם צושויער.

אין דער זעלבער צייט ווערט מיר מיין האַרץ צעריסן אויף שטיקער פֿון ווייטיק: מען טרייבט אַרויס אַלע מיינע חברים, און איך ווייס נישט וואָס עס געשעט מיט זיי. אפֿשר וועל איך זיי שוין מער ניט זען.

אין דער געטאָ האַלטן די דייטשן אין איין אויפֿדעקן די בונקערן און הרגענען די מענטשן אויפֿן אָרט. שוין דער פֿערטער טאָג, אָן אויפֿהער, ווי מען לאָדעוועט אָן די יידן אין די פֿי־וואַגאָנען. שוין דער פֿערטער טאָג, ווי די מענטשן פֿון דער פֿאַרניכטונגס־קאָמאַנדע און דאָס מיליטער, שטיין און שיסן אַריין אין דער געטאָ פֿון אַלע זייטן. אַריינגיין אַהין איז אוממעגלעך. די מיליץ פֿירט אַרויס פֿון דאָרט אויף טראָג־בעטלעך די טויטע, איינגעהילט אין שמאַטעס, און די פֿאַרוואונדעטע. אויף די גאַסן פֿירן די געסטאַפּאָ־לייט ייִנגלעך און מיידלעך, געשמידט אין קייטן, ווי געשוואוירענע פֿאַרברעכער. אָן רחמנות קאַפּען זיי אין זיי מיט די פֿיס. זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפֿן, אָבער די פּאַליאַקן האָבן זיי איבער־געגעבן אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ. די פּנימער פֿון די ייִנגלעך זיינען בלאָס און פֿאַרגאָסן מיט בלוט. די אויגן אַריינגעזונקען אין דער ערד. ציוויל־געקליידעטע געסטאַפּאָוצעס לויפֿן אַרום איבער דער שטאָט ווי משוגענע הינט; זיי קאָנטראָלירן די דאָקומענטן, קוקן יעדן מענטש אַריין אין די אויגן, זוכן קרבנות אין געשטאַלט פֿון דעם שוצלאָזן ייד.

אויפֿן ברייטן פּלאַץ נעבן דער באַן־סטאַנציע, אויף יענער זייט פֿון דער פֿאַרצוימונג, שטייען מיינע באַקאַנטע פֿריינט אין דער מענטשן־

מאַסע, אַלע קוקן אויף זיי, אויף די דאָזיקע אומשולדיקע פאַרברעכער, ווי אויף חיות אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. אַרום שטייען כוליגאַנעס מיט ביקסן, בייטשן און רעוואָלווערן אין די הענט.

איך האָב ניט מער קיין כּוח צו שטיין אויף מיינע פיס. ווען איך וואָלט זיך איצט אָנגעקוקט אין שפּיגל וואָלט איך אַוודאַי געזען מיין פּנים, ווייס ווי שניי. איך קאָן זיך אַליין אויסגעבן. איך מוז וואָס שנעלער פון דאָרט אַנטלויפן. אויב ס׳וועט ווער קאָנטראָלירן מיינע דאָקומענטן — בין איך פאַרלוירן.

אָבער איך זע, אַז אויך מיין האַרץ איז שוין געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין; ווייל ווי וועל איך קאָנען אַוועקגיין פון דאָרט ניט וויסנדיק גאָרנישט וועגן גורל פון מיינע נאָענטסטע. איך גיי צוריק, אָבער דאָס איז אומזיסט. איך האָב ניט מער קיין מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין געסל. אין האַרץ טראַכט איך מיר: וואָס פאַר אַ טעם האָט איצט מיין לעבן? פאַר וועמען דאַרף איך נאָך לעבן, נאָך דעם ווי מען האָט ביי מיר אַלץ צוגענומען, אַלע פאַמיליע־מעגטשן, אַלע מיינע קרובים, און איצט נעמט מען מיר אויך צו מיינע באַליבטסטע חברים? נאָר צוליב זיי האָב איך זיך איינגעשטעלט די גאַנצע צייט מיין לעבן, נאָר אין זיי האָב איך דאָך געזען מיין לעבנס־ציל, נאָכן פאַרלירן אַלע מיינע נאָענטסטע.

עפּעס אַ שד רעדט מיך אָן צו מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן. און באַלד באַהערשט מיך אַ געפיל פון שאַנדע פאַר דער דאָזיקער שוואַכקייט. ניין! כ׳וועל נישט מיט די אייגענע הענט העלפן די דייטשן פאַרלייכטערן זייער אַרבעט! און אפשר וועל איך נאָך האָבן אַ מעגלעכקייט צו העלפן אין די נקמה־אַקטן קעגן די דאָזיקע פאַרשאָלטענע בעסטיעס? איך גיי, נישט וויסנדיק אַליין וואוהין. ס׳איז נאָר געבליבן איין וועג פאַר מיר אָפן, — צוריק קיין וואַרשע. אַ צוג איז נאָר דאָ מאָרגן 5 אין דער פרי.

כ׳בין מיד און צובראָכן. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געווען אין וועג. ס׳איז שוין דריי אַזייגער און כ׳האָב נאָך גאָרנישט געהאַט אין מיין מויל. איך האָב געפילט, אַז איך וועל אָפּגעשוואַכט. ווען כ׳וואָלט כאָטש געהאַט מיט זיך אַ שטיקל ברויט. אָבער ברויט קאָן מען קריגן נאָר אויף קאַרטן. אָן אַ קאַרטע קאָן מען ניט אַריינגיין אין קיין קראָם, ס׳זאָל ניט פאַלן אויף מיר קיין חשד, אַז איך בין אַ יידישע. פּלוצלונג דערמאָן איך זיך אין אַ גוטער באַקאַנטער, די דענטיסטין ד״ר ווייס אין סאָסנאָוויץ. איך פאָר אין טראַמוויי. אין צווייטן עק טראַמוויי קאָנטראָלירט מען די דאָקומענטן. אויף דער ווייטערדיקער סטאַנציע שטייג איך איבער אין אַ צווייטן טראַמוויי. אַזוי בין איך געוואָרן געצוואונגען איבערשטייגן עטלעכע מאָל פון איין

וואַגאָן אין צווייטן ביז איך בין געקומען קיין סאָסנאָוויץ. אויך דאָ גייט נאָך אָן דער גירוש. די געטאָ איז נאָך אַרומגערינגלט און אָפּגעצוימט.

איך שוועב ממש און איך פֿלי, אַבי צו זיין וואָס שנעלער אויפֿן פּלאַץ. נאָך אַ פּאָר געסלעך און די געפֿאַר איז אַריבער.

ד״ר וויס, אַ רוסישע פֿרוי, צעפּעגט ברייט פֿון איבעראַשונג אירע אויגן און קוקט אויף מיר מיט פֿאַרוואונדערונג. זי קען ניט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי איך בין אַהער געקומען. זי זעט מיין פֿאַרווייטיקט פּנים און זי דערלאַנגט מיר אַ שטול. זי האָט מורא איך זאָל ניט אומפֿאַלן. זי איז מיר מכבד מיט טיי. ערשט איצט האָב איך דערשפּירט ווי שטאַרק איך בין פֿאַרחלשט. איך שטרענג זיך אָן איר אַלץ צו דערציילן. אָבער איך קען נישט. עפּעס פּרעסט מיר אין האַלדז. פּלוצלונג ברעך איך אויס אין אַ געוויין; עס באַהערשט מיר אַ שאַנדע. זי גלעט מיר אויפֿן קאָפּ און זאָגט: „ניט שיין! שטענדיק ביזטו געווען אַזאַ דרייסטע, כ׳האָב דיך געהאַלטן פֿאַר אַן העלדין. אויף דיין מוט האָב איך אָנגעוויזן אַלס אַ ביישפּיל; דו דאַרפֿסט זיך שטאַרקן מיין קינד. אפֿשר לעבט נאָך ווער פֿון אייערע מענטשן". דער כּוס פֿון מיינע יסורים איז געווען איבערפֿולט; ווען איך וואָלט נישט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, וואָלט מיין האַרץ זיכער צובראָכן געוואָרן פֿון צער. איך פֿיל אַ שאַרפֿן הונגער, אָבער איך קאָן גאָרנישט עסן. הלוואַי וואָלט איך איצט געשטאָרבן.

כ׳בין געווען זיכער, אַז איך וועל קאָנען בלייבן דאָ ביז אין דער פֿרי, אָבער ד״ר וויס בעט ביי מיר ענטשולדיקונג. זי וואָלט מיר מיט גרויס חשק געלאָזט נעכטיקן ביי איר אין שטוב, אָבער זי וויל זיך נישט איינ־שטעלן דאָס לעבן. די דייטשן רייסן זיך פּלוצלינג אַריין אין די הייזער און זוכן דאָרט, צי זיינען נישט באַהאַלטן קיין יידן. און איר הויז וועלן זיי זיכער זוכן; די דייטשן זיינען איר חושד אַז זי איז אַ רוסישע פֿרוי און זי שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט די יידן.

וואָס זאָל איך, אומגליקלעכע, איצט טאָן? וואו זאָל איך זיך לאָזן גיין אין דער דאָזיקער נאַכט? אויף דער באַן סטאַנציע רעווידירט מען כּסדר די דאָקומענטן. אויף דער גאַס — איז געפֿערלעך. קיין אַנדערע באַקאַנטע האָב איך דאָ נישט. פֿרוי וויס האָט מיר געגעבן אַביסל שפּייז אין וועג אַריין. זי האָט מיר געבענטשט אויף מיין וועג און מיר ווידער געבעטן ענטשולדיקונג. איך לאָז זיך גיין גלייך, וואו עס טראָגן מיר מיינע פֿיס. אָט בין איך שוין אַרויס פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשאָלטענער שטאָט.

איך דערנעענטער זיך צו עפּעס אַן אָרעם וועלדל. עס פֿאַלט צו די נאַכט, אַ ליכטיקע תּמוז־נאַכט. די לבנה וואַרפֿט איר ליכט גלייך אויף מיר, די שטערן פֿינקלען פֿאַר די אויגן. איך זע אין מיין פֿאַנטאַזיע מיינע על־

טערן, מיינע ברידער און די חברים. אַלע זע איך נעבן מיר, אָבער אַלעמענס פּנימער זיינען טרויעריק, אַלע זיינען געוואָרן פֿאַרקרומט און פֿאַרענדערט; די דורכגעמאַכטע ליידן האָבן געלאָזט אויף זיי שטאַרקע שפּורן.

מיט גרויס חשק וואָלט איך זיי געהאַלדזט, לאַנג געצערטלט און צוגעדריקט זיי צו מיין האַרץ מיט ליבע. אָבער די געשטאַלטן ווערן צעשטרייט און זיי פֿאַרשווינדן ווי די בילדער אויפֿן לייוונט פֿון קינאָ. איך פּרוּאו אונטערציִען אַ סך־הכל פֿון מיין לעבן. ווען האָב איך עס געטאָן אַזוי פֿיל עוולות? ווי גרויס איז די זינד וואָס איך האָב געזינדיגט? וויפֿיל מענטשן האָב איך עס דערמאָרדעט? פֿאַרוואָס קומען מיר די אַלע ענדלאָזע ליידן און יסורים?

פּלוצלינג זע איך: צווישן די בוימער שלייכט זיך די געשטאַלט פֿון אַ מאַנספּאַרשוין. ווער קאָן דאָס זיין אַזוי שפּעט אין אָוונט? די געשטאַלט דערנענטערט זיך צו מיר. אַ פּראָסט שפּיזט דורך מיינע ביינער. דער מאַנספּערשוין איז אַנגעשיכּורט. ער זיצט שוין נעבן מיר. איך דערווייטער זיך פֿון אים אַביסל. ער דרינגט מיר אַדורך מיט זיינע אויגן, אויסגעשטאַרטשעטע פֿון די אויגן־לעכער ווי ביי אַ רויב־חיה. שרייען און אַנטלויפֿן קען איך נישט. טאָמער וועט ער מיר נאָכלויפֿן. איך האַלט קלאָר מיין געדאַנק. ער ווענדט זיך צו מיר מיט פֿראַגן און איך גיב אים בכיוון נאַרישע תּשובֿות. איך האָב נישט מער וואָס צו וואַרטן; כ׳טאָר נישט מער פֿאַרלירן קיין מינוט. ס׳איז שוין איינס ביינאַכט. ביסלעכווייז דערווייטער איך זיך פֿון אים. ס׳איז מיר געלונגען צו אַנטלויפֿן. ער לויפֿט מיר נאָך. מיט מיין גאַנצן אימפּעט בין איך געלאָפֿן און דערגרייכט אַ הויז; דאָרט האָב איך זיך באַהאַלטן אין אַ פֿינסטערן קאָרידאָר. איך זיץ דאָ ממש ווי אַ פֿאַרפֿאָלגטער הונט.

אין דער פֿרי פֿאָר איך אָפּ, אויסגעפּייניקט און צעבראָכן, קיין וואַרשע.

דער קאַמף פֿון די חברים אין זאַגלעמביע און זייער סוף

מ׳האָט נאָר געדאַרפֿט וואַרפֿן אַ בליק אויף מיר, כּדי אָראָפּצולייענען וואָס ס׳האָט געטראָפֿן און וואָס עס זיינען די ידיעות וואָס איך ברענג מיט זיך פֿון בענדין.

די חברים אין וואַרשע ווייסן נישט וואָס צו טאָן, כּדי מיך צו באַרויִקן. איך אַליין מיין יעדע רגע, אַז אָט־אָט וועל איך אין גאַנצן אַראָפּ פֿון זינען.

מיט גרויס אומגעדולד וואַרט איך אויף אַ בריוו, וואָס כ׳וועל אפשר קריגן פֿון ווען ס׳איז פֿון בענדין.

צום סוף, נאָך דריי וואָכן, איז געקומען אַ פּאָסט־קאַרטל, געשריבן

פֿון אילזאַ האַנסדאָרף. זי בעט אַז איך זאָל קומען תּיכּף־ומיד; אַלץ וועל איך געוואויר ווערן אויפֿן אָרט.

אין זעלבן טאָג, האָבן מיר באַשלאָסן נאָכן באַראָטן זיך מיט י. צ. אַז כ׳זאָל פֿאָרן צוריק קיין בענדין. איך באַקום מיט זיך אַ גרעסערע סומע געלט, אַ געפּעלשטע רייזע דערלויבעניש פֿאַר מיר און פֿאַר נאָך צוויי, וואָס זיינען אפֿשר געבליבן לעבן.

איך נעם מיט זיך עטלעכע טויזנט מאַרק, אפֿשר וועלן זיי מיר ברענגען נוצן אויף דער טעריטאָריע פֿון „רייך״.

איך פֿאָר און קום אָן קיין בענדין לויטן באַשטימטן אַדרעס.

איך געפֿין דאָרט נאָר מאיר ש. און זיין פֿרוי.

דער פּאָליאַק, דער אייגנטימער פֿון דער דירה, איז פֿריער געווען אַ מעכאַניקער אין דער וועשעריי פֿון קיבוץ. די גאַנצע צייט איז ער געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט די חברים פֿון קיבוץ; און שטענדיק האָט ער פֿאַרזיכערט הילף אין פֿאַל פֿון גירוש. זיין אַדרעס איז געווען באַקאַנט אַלע אונדזערע חברים.

מאיר איז נישט געווען קיין מענטש פֿון דער באַוועגונג. ער איז געווען זייער אַ פּעאיקער און פֿלייסיקער מענטש. ער האָט געוואוינט אין אַ הויז נעבן קיבוץ און האָט אונדז געהאָלפֿן בויען בונקערן. ער האָט געהאַט ידיעות אין טעכניק און ער האָט עס אַריינגעפֿירט אין די בונקערן אַ געהיימע ראַדיאָ. ער פֿלעגט אויך רייניקן און פֿאַרריכטן דאָס קאַליע־געוואָרענע געווער. לויט די אָנווייזונגען וואָס מיר האָבן באַקומען פֿון וואַרשע, האָט ער אַליין אויסגעאַרבעט אויפֿרייס־מאַטעריאַלן. ער האָט אויך נאָכגעמאַכט פֿאַרשידענע נויטיקע שטעמפּלען. לעצטנס האָט ער אַפֿילו געפּרוווט אויסאַרבעטן פֿאַלשע דאָלאַרן. אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך גענומען האָט ער געמוזט דערפֿירן צו אַ דערפֿאָלג, וואָס ס׳זאָל נישט זיין. ער האָט זיך זייער באַפֿריינדעט מיט די מענטשן פֿון קיבוץ און דער באַוועגונג.

די פֿרוי נ. די באַלעבאָסטע פֿון דער דירה, עפֿנט מיט אַ שליסל די טיר. אין צימער הערשט אַ שטילקייט. ביים טיש זיצן מאיר און זיין פֿרוי.ביידע זיינען אויסגעדאַרט און צעבראָכן. זייערע געזיכטער און אויגן דריקן אויס פּחד; זיי פֿרייען זיך מיט מיין קומען.

איך באַהאָגל זיי מיט פֿראַגן וועגן דער חברה. און זיי דערציילן מיר דאָס פֿאָלגנדע:

— אין דער מינוט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע, האָבן מיר אַלע באַוויזן אַראָפּצוגיין אין בונקער. מיר זיינען געווען איבער 20 מענטשן. די פֿאַרבינדונג צווישן די פֿאַרשידענע בונקערן, איז געווען איבערגעריסן. מיר האָבן דאָן אויך נישט געוווּסט צי די איבעריקע חברים

האָבן זיך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן אין די איבעריקע בונקערן. אַזוי זיינען מיר געזעסן עטלעכע טעג און נעכט. די גאַנצע צייט האָבן דערגרייכט צו אונדזערע אויערן אומאויפהערלעכע שיסערייען. ס׳האָט אונדז געפעלט וואַסער אין שעלטער. אין מיטן דער נאַכט זיינען בחורים אַרויס זוכנדיק וואַסער.

עס זיינען אַריבער 4 טעג און די געטאָ איז נאָך אַלץ געווען אַרומגערינגלט פון די דייטשן. די שיסערייען פון דער ווייטנס האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט. די נאַכט איז פינצטער, אָבער די געטאָ איז אין גאַנצן באַלויכטן מיטן ליכט פון פראָזשעקטאָרן.

איין נאַכט זיינען די בחורים צוריקגעקומען מיט ליידיקע עמערס. די דייטשן האָבן איבערגעשניטן אַלע וואַסער־רערן. די לאַגע איז געוואָרן קריטיש. דער מאַנגל פון וואַסער און לופט אין שעלטער האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט שפירן. אויב מיר וועלן ווייטער בלייבן זיצן אין בונקער זיינען מיר אַלע פאַרמשפט צום טויט, אָן רעטונג. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז יעדע נאַכט זאָלן 2־3 פאַרלאָזן דעם שעלטער. אפשר וועט וועמען געלינגען זיך דורכרייסן צום אַרישן קוואַרטאַל און בלייבן לעבן. ווייל פאַר די געבליבענע אין שעלטער איז צוגעגרייט אַ זיכערער טויט, אָדער פון דורשט, אָדער פון מאַנגל אין לופט — אָדער פון די דייטשן וואָס וועלן אַנטפלעקן דעם פלאַץ.

יעדע נאַכט זיינען אַרויס עטלעכע מענטשן. פון קיינעם זיינען נישטאָ קיין ידיעות. אפשר איז עטלעכע גליקלעכערווייז געלונגען דורכצוקריכן אין אַרישן קוואַרטאַל, און אפשר איז די מערהייט געוואָרן געכאַפט און דערשאָסן.

צום סוף איז געבליבן אין שעלטער נאָר אַ קליינער הייפל מענטשן, מיט אויסדריקלעך־יידישע געזיכטס־שטריכן. טראָץ דער גרויסער געפאַר, שיקן מיר אַרויס איינעם פון די ייִנגלעך, משה מאַרקוס, ער זאָל געוואויר ווערן וואָס עס הערט זיך אין שטאָט. איז דאָרט געבליבן כאָטש אַ קליין הייפעלע יידן? נאָך עטלעכע שעה אָנגעשטרענגטע דערוואַרטונג, איז משה צוריקגעקומען און ער דערציילט:

די דייטשן האָבן נאָר איבערגעלאָזט ביי 200 מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט צונויפקלייבן דאָס פאַרמעגן, וואָס איז געבליבן נאָך די יידן און עס קאָנצענטרירן אויף איין אָרט. דער פירער פון לאַגער איז געווען אַ געוויסער בעהם. ער איז צופעליק געווען אַ גוטער באַקאַנטער פון די מיטגלידער פון קיבוץ. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן וועמען צו דעם בעהם און אים בעטן איבערצוקויפן די זשאַנדאַרמען, אַז זיי זאָלן אַלעמען אויפן געזעצלעכן וועג אַנשליסן אין לאַגער.

בעהם האָט באַלד אָן שהיות, איבערגעקויפּט עטלעכע זשאַנדאַרמען און זיי געשיקט אויפֿן גענוי־באַשטימטן פּלאַץ.

אויפֿן וועג האָבן די זשאַנדאַרמען אָנגעטראָפֿן אַ קליינעם ייִנגל, און זיי האָבן אים מיטגענומען מיט זיך.

לויט דער שילדערונג פֿון בעהם האָבן זיי גלייך געפֿונען דעם אַריינ־גאַנג אין בונקער. זיי האָבן קודם־כּל אַריינגעלאָזט דעם קליינעם ייִנגל און אים געזאָגט ער זאָל הייסן אַלע מענטשן אין בונקער אַרויסגיין.

די חברים אינווייניק האָבן געמיינט, אַז מען האָט אויפֿגעדעקט זייער באַהעלטעניש.

— איך און מיין ווייב — האָט מאיר דערציילט — האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די שלאָף־בענק און באַשלאָסן ניט אַרויסצוגיין.

עטלעכע מינוטן האָט זיך געצויגן די באַראַטונג, אויב די אַרויס־גייענדיקע זאָלן נעמען מיט זיך געווער אָדער נישט. צום סוף האָבן מיר אַוועקגעלייגט אין קאַסטן פֿון איינע פֿון די מיידלעך 2 רעוואָלווערן, אפֿשר וועט מען זיי דאַרפֿן. די איבעריקע האָבן מיר פֿאַרשטעקט אונטער די קוילן.

די זשאַנדאַרמען האָבן קודם געהייסן אַרויסגעבן אַלע געלטער און ווערט־זאַכן און דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן די רעוויזיע. זיי האָבן געפֿונען די באַהאַלטענע רעוואָלווערן און זיינען געוואָרן מלא־רציחה פֿאַר כּעס.

זיי האָבן אָנגעהויבן זיך רייצן מיט די חברים און שרייען אויף זיי:

— מיר זיינען געקומען אייך באַפֿרייען פֿון דאַנען און איר גייט גאָר אַרויס מיט געווער קעגן אונדז!

מען האָט אַוועקגעשטעלט די חברה צו דער מויער, ווי פֿאַרמשפּטע צו דערשיסן. דערנאָך האָבן זיי גערופֿן די געסטאַפּאָ. ערשט איצט האָבן זיך אָנגעהויבן די פּייניקונגען. יעדער איינער איז געוואָרן געשלאָגן אָן רחמנות. אַ גאַנצע טאָג זיינען די מענטשן געשטאַנען הונגעריק און דור־שטיק ביי דער מויער און געוואַרט אויף זייער טויט.

איינער פֿון די בחורים, צבי בראַנדעס, האָט ניט געקאָנט מער אויס־האַלטן די יסורים. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער רייע און אָנגעהויבן אַנטלויפֿן. באַלד האָבן זיך נאָך אים געלאָזט אַ סך דייטשן. פֿון אַלע זייטן האָט מען אים באַשאָסן. כּסדר האָט מען געהערט די שטימען פֿון דייטשן, וואָס מונטערן איינער דעם צווייטן: שיס! כאַפּ! יאָג אים!

אין עטלעכע מינוט איז איינער פֿון זיי צוריקגעקומען אין גאַנצן פֿאַר־שוויצט און שוים זעצט פֿון זיין פּיסק:

— ער איסט ערליידיגט!

ער האָט גערופֿן די חברים זיי זאָלן גיין מיט אים ברענגען דעם טויטן קערפּער.

צבי איז געלעגן אין קאָרן־פעלד. זיין געזיכט איז געווען אוממעגלעך צו דערקענען. אין גאַנצן צוהאַקט אויף שטיקער. די חברים האָבן אים געטראָגן און די זשאַנדאַרמען גיין נאָך זיי. דעם צעקאַליעטשעטן קערפּער האָט מען אַוועקגעלייגט נישט ווייט פון די חברים, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער וואַנט.

ס׳איז געוואָרן נאַכט. די חברה איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף איר אָרט ביי דער מויער. צעשלאָגן און פאַרוואונדעט, קיינעם נישט צו דער־קענען. די זשאַנדאַמען האָבן געוואָלט פון זיי אַרויסקריגן פון וועמען האָבן זיי באַקומען דאָס געווער. עס האָבן נישט געהאָלפן די אַכזריותדיקע קלעפּ. זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט אַרויסבאַקומען.

שפּעט ביינאַכט, האָבן די זשאַנדאַרמען אַלעמען אַוועקגעפירט אין לאַגער. אויף צומאָרגנס, נאָך אַ צווייטער אויספאָרשונג, וועלן זיי ווערן דערשאָסן.

די מיידלעך האָבן געענדערט זייערע פריזורן, און זיך איבערגעביטן מיט די קליידער, און זיך אויסגעמישט מיט די איבעריקע פרויען.

ווען די געסטאַפּאָ־לייט זיינען אויף מאָרגן אין דער פרי געקומען אין לאַגער, זיי נעמען, האָט זיך יעדע איינע באַהאַלטן אין אַן אַנדער ווינקל.

אין עטלעכע טעג אַרום, שפּעט ביי נאַכט — האָט מאיר פאַרענדיקט זיין געשיכטע — האָבן מיר זיך אַרויסגעשלייכט פון דער געטאָ און געקומען אַהער אויפן אַדרעס וואָס מיר האָבן געהאַט. מיר האָבן נאָך אַביסל געלט, אָבער מיר ווייסן נישט וואָס ס׳וועט זיין ווייטער.

אויף דער פּוילישער זייט געפינען זיך אויך צוויי מיידלעך פון דעם „השומר הצעיר״, קאַסיע און פעלע, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אַלס אַריערינס.

סוף־סוף איז אָנגעקומען אילזאַ. זי דערפרייט זיך מיט מיר ווי זי וואָלט דערזען די אייגענע מאַמען. זי קען נישט איינהאַלטן אירע טרערען. גלייך הויבט זי אָן דערציילן ווי עס זיינען געפאַלן פרומקע פּלאָטניצקאַ און די איבעריקע חברים.

דאָס איז געווען אין פערטן טאָג פון גירוש. איבעראַל זיינען אַריינ־געדרונגען גרופן דייטשע געהיים־אַגענטן, געזוכט די בונקערן און די באַ־העלטענישן פון די יידן. די חברים זיינען געלעגן אין אַ גוט קאַמופלאַ־זשירטן קעלער אונטער דער וועשעריי. דאָרט האָבן זיך באַהאַלטן 7 חברים: ברוך גאַוטעק, פרומקע פּלאָטניצקאַ, פרומקע דאַלנאַראַוואַ, צפורה באַטשאַן, חדוה בערנאַרד, טוביה דוואָרסקי, און פנינה יאַקובאָוויטש.

די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך איינגעהערט צו יעדן גערויש, וואָס קומט פון דרויסן. ברוך איז געשטאַנען ביי אַ קליינעם שפּאַלט און געוואַכט. פּלוצלינג האָט ער דערהערט די שטימע פון דייטשן, וואָס שטייען אין הויף

און ריידן הויך. ברוך איז געווען זיכער, אַז מען האָט אויפֿגעדעקט דעם בונקער. נישט לאַנג טראַכטנדיק האָט ער געשאָסן דורכן שפּאַלט. ער זאָגט: לאָמיר זיי דערלאַנגען איידער מיר פֿאַלן. די קוילן האָבן געטראָפֿן אין ציל. 2 דייטשן האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, וואָס האָט מיט אַמאָל אַ ציטער געגעבן אונטער זיי.

די חברים האַלטן גרייט דאָס געווער, גרייט צום קאַמף. פֿרומקע רופֿט זיי זאָלן נישט ווערן צומישט. דער אָפּקלאַנג פֿון די שיסערייען האָט צו־נויפֿגעזאַמלט אַ המון דייטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט דאָס הויז. פֿון בונקאַר קומען שאָסן. די דייטשן דערנעענטערן זיך נישט צו דער וואַנט פֿון דער מויער. זיי טראָגן אַוועק אָן אַ זייט די צוויי הרוגים. זיי זיינען משוגע פֿאַר צאָרן. זיי קאָנען נישט באַגרייפֿן, אַז ס'זיינען נאָך דאָ יידן, וואָס רייסן זיך צום קאַמף. זיי באַוואַרפֿן דאָס הויז מיט האַנט־גראַנאַטן.

דאָס הויז שטייט אין פֿלאַמען. אַ שוואַרצער רויך שלענגלט זיך צו די הימלען און מיט אים דער געשטאַנק פֿון די פֿאַרברענטע קערפּער און האָר. כּסדר הערן זיך שיסערייען, זיפֿצן, געשרייען און קללות פֿון די דייטשן. אין דער לופֿט טראָגן זיך פֿעדערן פֿון די קישנס און איבערבעטן אין בונקאַר. מען זעט נישט קיין זאַך אויסער אַ ים מיט פֿלאַמען.

צום סוף זיינען די געשרייען געוואָרן איינגעשטילט. מען הערט נאָר די שטילע זיפֿצן פֿון די קערפּער וואָס צוקן אין זייערע יסורים־קאָנ־וואולסיעס.

די געסטאַפּאָ־לייט פֿירן נאָך זיך די יידישע מיליץ, וואָס איז אָרגאַני־זירט געוואָרן אין לאַגער פֿאַר דעם לעצטן הייפֿל לעבן־געבליבענע יידן. זיי הייסן די פּאָליציאַנטן צו פֿאַרלעשן די פֿלאַמען פֿון בונקאַר און די אַרומיקע ברענענדיקע געביידעס. אויפֿן אָרט פֿון בונקאַר זיינען נאָר געבליבן שוואַר־צע ברענענדיקע קוילן און צווישן זיי האַלב־לעבעדיקע קערפּער וואָס זיינען נישט מער ענלעך צו מענטשלעכע געשטאַלטן. די מיליץ ציט אַרויס די קערפּער איינעם נאָכן צווייטן.

זיבן האַלב־פֿאַרברענטע קערפּער; אָפּגעזענגטע קעפּ, פֿאַרבראַנדיקטע אויגן. די קערפּער זיינען אין גאַנצן נאַקעט. פֿון וועמענס אַ האַרץ רייסט זיך נאָך אַרויס אַ לייכטער זיפֿץ. די פֿויסטן פֿאַרקוועטשט מיט כּוח, האַלטנדיק רעוואָלווערן. די ציין איינגעביסן אין די ליפּן פֿון ווייטיק, פֿון נקמה־לוסט.

פֿרומע פּלאָטניצקי הויבט אויף איר אויבערשטן קערפּער־טייל, דער אונטערשטער — איז אין גאַנצן פֿאַרברענט פֿון פֿייער. זי מורמלט עפּעס, קוקט זיך אַרום; איינער פֿון די געסטאַפּאָ־לייט בייגט זיך איין; ער וויל הערן וואָס זי זאָגט, אפֿשר קאָן מען עפּעס אַרויסקריגן אַ נוצן פֿון אירע

רייד. אָבער באַלד שפּרינגט אַ צווייטער אויף מיט אַ געלעכטער און ער טראַמפּלט מיט די פיס אויף איר קערפּער, ווי אויף אָפּגעדעקטער ערד. די געסטאַפּאָ באַנדיטן הרגענען צו די האַלב־טויטע קערפּער. זיי טרעטן און טראַמפּלען אויף זיי, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסגיסן זייער צאָרן פאַרן טויט פון די צוויי זשאַנדאַרמען.

צומאָרגנס, זיינען די קערפּער פון אונדזערע חברים געוואָרן אַוועק־געפירט קיין אָשוויענטשים צום פאַרברענען.

ליד פון אַ קינד אין וואַרשעווער געטאָ

פון מאָרגן אָן וועל איך זיין אומעטיק,
פון מאָרגן אָן!
היינט וועל איך פריילעך זיין.
וואָס איז די פעולה פון אומעט — זאָג מיר: וואָס ? —
די בייזע ווינטן הויבן אָן צו בלאָזן ?
צו וואָס זאָל איך היינט טרויערן וועגן מאָרגן ?
דער מאָרגן קען זיין אַזוי שיין, אַזוי זוניק,
מאָרגן קען די זון ווידער שיינען פאַר אונדז,
מיר וועלן מער ניט דאַרפן אומעטיק זיין.
פון מאָרגן אָן וועל איך זיין אומעטיק,
פון מאָרגן ; ניט היינט ; ניין ! היינט וועל איך פריילעך זיין.
און יעדן טאָג, ווי ביטער ער זאָל ניט זיין,
וועל איך זאָגן :
פון מאָרגן אָן וועל איך זיין אומעטיק,
ניט היינט !

פּאַרטיזאַנען אין קאַמף

דן פּינעס

יידישע פּאַרטיזאַנקעס קעמפן *

אין דער מאַרטירער געשיכטע פון יידישן פאָלק זיינען פאַראַן פרויען, וואָס האָבן באַוויזן מסירת־נפש און זיינען געשטאָרבן אויף קידוש־השם. דאָס זיינען אָבער געווען איינצלנע פאַלן. עס איז נישט געווען קיין באַוועגונג פון פרויען וואָס קעמפן. אין דער איצטיקער מלחמה איז די גבורה פון פרויען געוואָרן אַ פּאָפּולערע דערשיינונג. אין פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט די פרוי זיך דערוואָרבן וויכטיקע פּאָזיציעס אין דעם געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן און אין דער וויסנשאַפט. ווייל די איצטיקע מלחמה איז אַ מלחמה פון גאַנצע פעלקער און קאָנצענטרירט זיך ניט בלויז אויף די פראָנטן, נאָר ווערט אָנגעפירט איבעראַל; ווייל די איצטיקע מלחמה איז נישט נאָר אַ מי־ליטערישע, נאָר אויך אַן עקאָנאָמישע, טעכנישע און פּסיכאָלאָגישע, זיינען די פרויען אַקטיוו אויף די קריגס־פראָנטן מאַסנווייז און אין פאַרשידענע פאָרמען.

די איצטיקע מלחמה איז אויך אַ מלחמה פאַרן קיום פון גוף ניט ווייניקער ווי פאַרן קיום פון דער נשמה. דער שונא האָט פּראָקלאַמירט אַ מלחמה קעגן גאַנצע ראַסן, די פאַרניכטונג פון פעלקער. ער וויל פאַר־ניכטן די טיפסטע וואָרצלען פון מוטערלעכקייט, פון רחמים און מענטש־לעכקייט. היטלערס מיטהעלפער באַהאַנדלען די פרוי סאַדיסטיש. זיי זיינען מחלל איר כבוד און דערנידעריקן זי ביזן תהום. עס איז דערפאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַר וואָס די פרויען זיינען אַזוי אַקטיוו אין דער איצטיקער מלחמה, מער ווי אין יעדער אַנדער צייט.

עס איז איז ניטאָ קיין צווייג אין דעם דאָזיקן פראָנט, וואָס די פרוי זאָל נישט זיין אָנגעשלאָסן אין אים: אַלס אַרבעטאָרין אין דער מלחמה־פּראָדוקציע, אין אַגריקולטור און טראַנספּאָרט, מעדיצין און וויסנשאַפט. אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער אַרמיי: לופט און פלאָט, אויפן פראָנט און אונטער די „ליניעס". אָבער אַ קאַפּיטל וואָס די געשיכטע האָט זיין גלייכן ניט געהאַט, איז די באַטייליקונג פון דער פרוי אין די רייען פון

* געשריבן אין מיטן 1943.

די פּאַרטיזאַנען. אין די אָקופּירטע שטחים זעט די פֿרוי דעם שונא אין זיין האַנדלונג פּנים אל פּנים. דאָרטן האַנדלט ער מיט זיין גאַנצער ני־דעריקייט און ווילדקייט. און די פֿרוי וואַרפֿט זיך אויף אים מיט קאָכנ־דיקן אויל און מיט האַנט־גראַנאַטן, מיט מעסער און מיט רעוואָלווער. די פֿרוי נעמט נקמה.

און ווער רעדט נאָך וועגן דער יידישער פֿרוי? זי זעט דעם תהום וואָס האָט זיך געעפֿנט פֿאַר אירע אויגן פֿאַר אירע קינדער, און פֿאַר אַלע דורות פֿון יידישן פֿאָלק. די יידישע פֿרוי אין די אָקופּירטע שטחים — אין פּוילן און אין ליטע, קעמפֿט מיט דעם שונא אַ פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף.

עס זיינען נאָך נישט געזאַמלט געוואָרן די מאַטעריאַלן וואָס וועלן זיין די פֿילע עדות פֿון דער באַטייליקונג פֿון דער פֿרוי אין די גרויסע און קלענערע שלאַכטן אין דער איצטיקער וועלט־מלחמה, אָבער אויך די טיילווייזע ידיעות וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ העלדיש בילד.

אין לובלינעץ האָבן די דייטשע אָפֿיצערן באַפֿוילן אַז אַלע יידישע איינוואוינער זאָלן זיך פֿאַרזאַמלען אין מאַרק. ווען זיי זיינען געקומען צום באַשטימטן פּלאַץ, איז אַ באַפֿעל געגעבן געוואָרן זיך אויסצוטאָן. מענער און פֿרויען, אַלטע און קינדער האָבן געמוזט אָוועקגעבן די וועש און די קליידער פֿון זייער לייב צו די דייטשע אָפֿיצערן פֿאַר דער אַרמיי. דייטשע סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען מיט בייטשן און שטעקנס איבער זייערע קעפּ. און פּלוצלינג איז געוואָרן אַ צוטומלעניש צווישן די דייטשע אָפֿיצערן: אַ טוץ יידישע פֿרויען, פֿון וועמען די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעריסן די קליידער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די אָפֿיצערן מיט די נעגל, מיט די ציין, מיט שטיינער אין די הענט... די פֿאַרפּייניקטע יידן זיינען מיטאַמאָל אויפֿגעמונטערט געוואָרן, און די אָפֿיצערן זיינען אין פּאַניק אַנטלאָפֿן. פֿיל יידן פֿון לובליניעץ און הויפּטזעכלעך פֿרויען, האָבן זיך אַנגעשלאָסן נאָך דעם אין די רייען פֿון די פּאַרטיזאַנען.

אין אַדאַמאָוו האָבן זיך אָרגאַניזירט יידישע בחורים און מיידלעך פֿאַר זעלבסטשוץ. ווען עס זיינען אָנגעקומען די נאַציס צו ליקווידירן די געטאָ, האָט מען זיי באַגעגנט מיט אַ שיסעריי. די וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן פֿון טויט, און צווישן זיי זיינען געווען אַ צאָל מיידלעך, זיינען אַוועק אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנען.

דער הויפּט פֿון דער סאָוויעטישער ממשלה אין ליטע האָט פֿאַר־עפֿנטלעכט אין דער רוסישער פּרעסע אַ רייע נעמען פֿון יידישע פֿרויען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם גערילע־קאַמף קעגן די נאַציס אין ליטע.

די פּאַרטיזאַנקע מרים ריזקין האָט באַקומען פון דער רעגירונג אין סאָוויעטן־פּאַרבאַנד, אַן ערן־מעדאַל פאַר אירע גלענצנדע אויפטואונגען הינטער די „ליניעס" פון דעם שונא. ס'איז איר געלונגען זיך דורכגנבענען צו די סאָוויעטישע טראַנשייען. זי האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט פון דער געפערלעכער מיסיע און איז צוריקגעגאַנגען צו אירע שוועסטער און ברידער.

וועגן גענינע פּאָלטאַווסקאַ פון דער שטאָט וואָלאָקלאַמסק האָבן די סאָוויעטישע צייטונגען אַ סך געשריבן. גענינע איז געבליבן אין שטאָט נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן די שטאָט איינגענומען. זי איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש און האָט געבראַכט דעם שונא גרויסע שאָדנס, ביז זי איז פאַראַטן געוואָרן צום שונא דורך אַ פויערטע פון אַ שכנישן דאָרף. מען האָט איר געפּייניקט אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג, ווייל די נאַציס האָבן געוואָלט אויסגעפינען פון איר ווער עס זיינען געווען אירע מיטאַרבעטער. נאָך דעם ווי זייערע אַלע באַמיאונגען זיינען געווען פּרוכטלאָז, האָט מען איר אויפגעהאַנגען אויפן מאַרק־פּלאַץ. ביינאַכט האָבן אירע חברים אַראָפּגענומען איר טויטן קערפּער און געבראַכט אים צו קבורה. אויף מאָרגן האָט מען געפונען אויף דער זעלביקער תליה דעם גוף פון דער פאַררעטערישער פויערטע.

צווישן בריאַנסק און פּוטשעוו פונקציאָנירט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנען, וואָס וואַרפן אַ מורא אויף די נאַציס. בראש פון דער גרופּע שטייט „רייזל די באַלעבאָסטע", אַזוי רופט מען די יידישע פרוי, וואָס באַזאָרגט מיט געווער און שפּייז איר פּאַרטיזאַנישע גרופּע, ווי אויך אַנדערע גרופּן אין שכנישע געגנטן. ווען די נאַציס האָבן אַרומגערינגלט אַ שול פול מיט מתפללים און האָבן זיך געגרייט איר צו פאַרברענען, איז פּלוצלינג אָנגעקומען „רייזל באַלעבאָסטעס גרופּע" און האָבן אויסגעהרגעט די נאַציס. די מערסטע פון די געראַטעוועטע יידען האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע פון די גערילעס. אין קיעווער געגנט האָט זיך באַרימט געמאַכט אַ יידישע העלדין מיטן נאָמען באַשאַ. אַכט מאָל איז באַשאַן געלונגען זיך דורכצוגנבענען דורך דעם שונאס ליניעס און ברענגען געווער צו די פּאַרטיזאַנען. עטלעכע מאָל איז זי פאַרוואונדעט געוואָרן. וועגן אירע העלדנ־טאַטן האָט מען אַ סך געשריבן אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, אין דער רוסישער און אוקראַינישער שפּראַך.

ראָזע פינקל איז אַ קראַנקן־שוועסטער, לויט איר פּראָפעסיע. צוזאַמען מיט אַ גרופּע מאַטראָזן פון דעם סאָוויעטישן פלאָט, איז זי אָפּגעריסן געוואָרן פון די איבעריקע אָפּטיילונגען און אַרומגערינגלט געוואָרן פון שונא. זיי האָבן געקעמפט. ראָזע האָט געקעמפט צוגלייך מיט די מענער.

זי האָט געגוצט געווער און גלייכצייטיק געגעבן הילף צו די פּאַרוואונ־דעטע און זיי מציל געווען אונטערן פייער. זי איז פּאַרוואונדעט געוואָרן עטלעכע מאָל אָבער זי האָט ניט אָוועקגעלייגט איר געווער און נישט איר זעקעלע מיט די מעדיקאַמענטן. דער טויט האָט איבערגעריסן איר קאַמף. די מאַטראָזן האָבן איר געבראַכט צו קבורה און אויף איר שטיין האָבן זיי אויסגעקריצט: „דאָ איז באַגראָבן אַ העלדישע טאָכטער פון יידישן פאָלק".

רוזשקע

אין די געטאָס און אין די וועלדער

דאָס וואָס איך וועל אייך דערציילן, וועט נישט זיין קיין באַריכט. דאָס וועט זיין אַ גרוס פון דער דאָזיקער פּאַרגאַנגנהייט פון די וואָס זיינען פּאַרבליבן און וועלן מער שוין ניט קומען, פון די וואָס זיינען גע־טויט געוואָרן אין מאַסן, פון די וואָס האָבן געקעמפּט און פון די געצייל־טע יחידים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און זיינען מיט לייב און לעבן געווען פּאַרבונדן מיט אַלץ וואָס איז דאָ געוואָרן געטאָן און געשאַפן.

מיר וועלן ניט זיין קיין שעפּסן צו דער שחיטה

אין די דאָזיקע מוראדיקע טעג, ווען ס'איז שווער געווען ניט צו טראַכטן וועגן סוף פון לעבן, ווען יעדע זאַך האָט שוין אויסגעזען אַן יעדן ווערט — דווקא אין די דאָזיקע טעג איז געבוירן געוואָרן אַ נייער געדאַנק — דער געדאַנק פון ווידערשטאַנד. איך וועל אייך ניט שילדערן אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר די אַנטוויקלונג פון געדאַנק: ער איז געבוירן געוואָרן צווישן אונדז נאָך איידער די יידן האָבן קלאָר גע־וואוסט, אַז מען וויל זיי אַלע פּאַרניכטן; מיר האָבן אָבער פּאַרשטאַנען דעם זין פון די געשעענישן. און מיר, די יידן, אין דער ווילנער געטאָ, די שומרישע און חלוצישע יוגנט פון געטאָ, האָבן פּאַרשטאַנען, אַז די אויסראָטונג וועט אַרומכאַפּן ניט נאָר ווילנע, אַז זי וועט שפּעטער דער־גרייכן אַלע יידן. ס'איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדער וועג ווי ווידערשטאַנד; דאָס איז דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַליס־טישער געבאָט פון יעדן פון אונדז, מענטשן פון דער באַוועגונג.

ווען ס'איז אַנטשטאַנען די ערשטע פּאַרטיזאַנען־גרופּע אין ווילנע, האָבן מיר נאָך גאָרנישט געהערט וועגן פּאַרטיזאַנען אין אַנדערע ערטער. דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען די דייטשע מאַכט האָט נאָך אויסגעזען

צו זיין פֿעלזן־פֿעסט, ווען יעדער פּרואוו פֿון אַ ווידערשטאַנד איז געווען פֿאַראורטיילט אויף אַ דורכפֿאַל. ס׳איז אונדז געווען קלאָר, אַז ווידערשטאַנד מיינט טויט. און דאַן האָבן מיר באַשלאָסן צו שטאַרבן, אָבער שטאַרבן ווי מענטשן. מיר האָבן געזאָגט: מיר ווילן ניט זיין מער קיין שעפּסן, געפֿירט צו דער שחיטה. ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט די פּ. פּ. אָ. (פֿאַראייניקטע פּאַרטיזאַנען אָרגאַניזאַציע) און אין איר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלע ווידערשטאַנד־כּוחות אין געטאָ, האָט אין אונדז שטאַרק געלעבט דאָס געפֿיל, אַז מיר זיינען געוואָרן שטאַרקער, אַז מיר זיינען געוואָרן פֿרייע מענטשן. און דאָס איז ווירקלעך געווען אַ גרויסע זאַך, וואָס מיר, לעבנדיק אונטער אַ רעזשים פֿון טעראָר, אין די ענגע געסלעך פֿון דער געטאָ, האָבן זיך דערפֿילט ווי פֿרייע מענטשן, מענטשן, וואָס זיינען גרייט צו קעמפֿן און פֿאַלן אין שלאַכט.

ס׳איז געשטאַנען די פֿראַגע, אויב מיר דאַרפֿן ראַטעווען אונדזערע מענטשן אַז זיי זאָלן קאָנען שפּעטער דינען דער באַוועגונג. מיר האָבן זיך באַטראַכט ווי די באַוועגונג פֿון יידישן פֿאָלק. אויך אין דער געטאָ, האָבן מיר זיך באַטראַכט ווי דער אַוואַנגאַרד פֿון דער געטאָ, ווי פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַר אים. און דאַן ווען אַנדערע, — אויך זיי זיינען געווען חלוצים, האָבן געזאָגט, אַז מיר דאַרפֿן פֿאַרלאָזן די ווילנער געטאָ און גיין קיין ביאַליסטאָק, וואַרשע, דאָרט וואו מען קאָן נאָך לעבן, האָבן מיר געזאָגט, אַז מיר ווילן ניט גיין פֿון דאַנען, ווייל דאָ איז אונדזער פּלאַץ. מיר האָבן נאָר געשיקט מענטשן קיין ביאַליסטאָק צו אָרגאַניזירן דאָרט דעם קערן פֿון ווידערשטאַנד. מיר האָבן געוואוסט, אַז די פֿאַרניכטונג וועט אויך ניט אויסמיידן די אַנדערע שטעט.

קיין קויל טאָר ניט פֿאַרפֿעלן איר ציל!...

די „פּ. פּ. אָ.״ האָט זיך אויסגעברייטערט, אָנגענומען אַ דעצידירטע מיליטערישע פֿאָרם, און איז געווען געבויט אויף קאָנספּיראַטיווע יסודות. מיר האָבן אַריינגעפֿירט געווער אין געטאָ, געווער וואָס אונדזערע חברים האָבן געגנבעט ביי די דייטשן. מיר האָבן דאָס געווער אַריינגעפֿירט דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן, אין זאַמד־וועגענער וואו עס זיינען געווען פֿאַרשטעקט מאַשין־געווער. עס זיינען פֿאַרגעקומען העלדנטאַטן טאָג־טעגלעך. מיר האָבן געטראַכט ניט נאָר וועגן זיך, ניט נאָר וועגן ווילנע, נאָר אויך וועגן די אַנדערע געטאָס. אין די דאָזיקע שווערסטע טעג, ווען עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פֿון געטאָ, האָבן מיר געטראַכט וועגן אָרגאַניזירן אַ פּגישה פֿון די צענטראַלע חברים פֿון ווילנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע. דאָס האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן. אָבער

די פֿאַרבינדונג איז דאָך ניט געוואָרן איבערגעריסן. מיר האָבן געשיקט מענטשן קיין וואַרשע, און מענטשן פֿון דאָרט זיינען געשיקט געוואָרן קיין ביאַליסטאָק און פֿון דאָרט קיין ווילנע. מיר האָבן איבערגעפֿירט געווער און זיך געאיבט אומצוגיין מיט געווער, אַרויסגעגעבן אַ בולעטין מיט די נייעס פֿון ראַדיאָ.

כ׳וועל קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן די באַפֿעלן וואָס מען האָט אונדז געגעבן: „יעדער חבר מוז גוט קאָנען דעם כּלי־זיין, וואָס ער באַנוצט. קיין קויל טאָר ניט פֿאַרפֿעלן דעם ציל!" און די מענטשן פֿון דער באַוועגונג, פּשוטע מענטשן פֿון קן, פֿון קיבוץ, ניט קיין „ספּעציעלע", האָבן אַלע זיך אַליין איבערגעשטיגן. זיי האָבן אָנגעצונדן אין די הערצער פֿון צענדליקער יונגעלייט אין דער געטאָ דעם פֿלאַם פֿון קאַמף, דעם פֿלאַם פֿון ווידערשטאַנד. אונדזערע מענטשן האָבן געטראָגן און באַהאַלטן דאָס געווער, — דאָס איז ניט געווען קיין לייכטע אַרבעט, ווייל מ׳האָט זיך געדאַרפֿט היטן פֿאַר דער יידישער פּאָליציי, פּונקט ווי פֿאַר די דייטשן. מיידלעך זיינען געפֿאָרן אין פּלעצער אין טעג, ווען דאָרט איז אָנגעגאַנגען די „אַקציע", און דאָרט, אין דער געטאָ, אין דער צייט פֿון דער פֿאַרניכטונגס־אַקציע, האָט מען גערופֿן די יוגנט צו פּאַרטיידיקונג, צו אַנטלויפֿן אין די וועלדער. זיי האָבן אויפֿגעקלערט, אַז דאָס אַרויספֿירן די יידן באַדייט — טויט. און אַזוי אַרום, זיינען מיטן איינפֿלוס פֿון אונדזער אויפֿקלערונג, אַרויס פֿון אַשמיאַנע די ערשטע יידן אין די וועלדער און זיך אָרגאַניזירט ווי פּאַרטיזאַנען.

איינזאַמע אין קאַמף

נאָך זייענדיק אין געטאָ האָבן מיר געטרוימט ניט נאָר וועגן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. מיר האָבן געזאָגט: אויב מיר וועלן פֿאַלן, זאָלן זיי אויך פֿאַלן. און דערנאָך, ווען דער פֿאַרבאַנד האָט זיך בעסער אָרגאַניזירט, זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער פֿון אָנגריף. מיר האָבן געגלויבט, אַז דורך דעם וועלן מיר אַריינציען אין וואַלד נייע מענטשן. דאַן האָבן מיר נאָך ניט געהערט, אַז עס אָרגאַניזירן זיך פּאַרטיזאַנען צווישן די פּאַליאַקן און די אַנדערע פֿעלקער. פֿון די יידן אין דער ווילנער געטאָ זיינען אַרויס די ערשטע פּאַרטיזאַנען אין אַ צייט ווען די דייטשן זיינען נאָך געווען מעכטיק, ווען אַ מענטש האָט געציטערט פֿאַר יעדן פֿינגער־ריר פֿון אַ דייטש. אין יענער צייט, האָבן מיר, זייענדיק נאָך אין דער געטאָ, אַראָפּגעפֿירט פֿון די רעלסן, ביי ווילנע, דעם ערשטן דייטשן צוג.

די אַרבעט איז ניט געווען איינפֿאַך. מיר זיינען אַרויס פֿון דער הנחה, אַז מיר זיינען צוגעבונדן צום געטאָ, אַז אונדזער ווידערשטאַנד

וואָס מיר אָרגאַניזירן דאַרף זיין אַ מאַסן־אַקציע, ווייל נאָר דאַן האָט ער אַ זין. מיר האָבן איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט דער שטאָט אויסערן געטאָ. מיר האָבן געזוכט אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. מען האָט אונדז פיל צוגעזאָגט, אָבער אַז עס האָט געהאַלטן ביי מעשים, ווען מיר האָבן געבעטן געווער, האָבן זיי געענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל ניט צו קאָאָפּערירן מיט די יידן.

די לאַגע איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. מען קאָן אונדז, און די מאַסן פאַרשטייען אונדז ניט. מען האָט זיך אַליין געפרעגט: וואָס וועט זיין ווייטער? דאַן האָבן שוין עקזיסטירט פאַרבינדונגען צווישן אונדז און די פּאַרטיזאַנען. טייל חברים האָבן געזאָגט: מיר האָבן שוין געענדיקט אונדזער אויפגאַבע אין שטאָט און מיר, דער געהיימער פאַרבאַנד, מיט זיין געווער, דאַרף אַרויסגיין אין די וועלדער. אָבער מיר אַלע האָבן גע־האַלטן אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט דאָס צו טאָן. מיר האָבן זיך געזאָגט: ווען עס וועט קומען די פאַרניכטונגס־אַקציע, וועלן אונדז די מאַסן דאַרפן האָבן, מיר זאָלן אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד — און דאַן וועלן זיי זיין מיט אונדז.

אין פרימאָרגן פון 1טן סעפּטעמבער

און דאָך האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצופירן די ערשטע גרופּע אין וואַלד. די ערשטע גרופּע איז אַרויס אין וועג. אָבער אין וועג שוין אויף יענער זייט געטאָ, איז זי באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַהעלטעניש דורך די ליטווינער. די מערהייט חברים זיינען געפאַלן טויט. צומאָרגנס זיינען געקומען די דייטשן, אַרעסטירט די משפּחות פון די מיטגלידער פון דער גרופּע און די יידישע אַרבעטס־לייטער פון די פּלעצער, וואו זיי האָבן גע־אַרבעט און אַלעמען אויסגעשאָסן. אַזוי האָבן מיר אין דער געטאָ באַצאָלט פאַרן ערשטן פּרוואוו אַרויסצוגיין אין וואַלד.

מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיינען די ערשטע טריט צו דער פאַר־ניכטונג. דעם 1טן סעפּטעמבער איז די געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט דורך ליטווינער און דייטשן. מיר האָבן מאָביליזירט אונדזערע גרופּן. דער לאָזונג פון מאָביליזאַציע איז געווען: „ליזאַ רופט". איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם דאָזיקן טאָג.

די יידן האָט אַרומגעכאַפּט אַ בהלה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש אין באַהעלטענישן און בונקערן. און אונדזערע מענטשן זיינען געלאָפן איבער די גאַסן מיטן געשריי: „ליזאַ רופט". אונדזערע מענטשן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין צוויי ערטער. מיר האָבן געדאַרפט אַרויסקריגן

אונדזער געווער. אין געטאָ האָבן זיך געוויזן יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַגיטירן, אַז דאָס שלעפּט מען נאָר אַרויס די יידן צו דער אַרבעט. די טויט־דערשראָקענע יידן זיינען גענייגט געווען דאָס צו גלויבן. יעדער איינער האָט זיך געטראַכט: דאָס איז דאָך סעפּטעמבער 1943. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי. און יעדער געוואונענער טאָג איז דאָך אַ זכיה, און ס'איז דאָ אַ האָפענונג צו בלייבן לעבן. דאָס איז געווען די שטימונג פון די מאַסן. און די יידן זיינען אַליין געגאַנגען צום גירוש. ס'איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז עס וועט ניט זיין קיין ווידערשטאַנד פון די מאַסן. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי די דייטשן איז געלונגען צו ליקווידירן אונדזערס אַ גרופּע, וואָס איז געווען מאָביליזירט, אָבער האָט נאָך ניט געהאַט קיין געווער. מיר האָבן באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ באַריקאַדע. מיר האָבן מאָביליזירט די געבליבענע חברים אַרום דער באַריקאַדע. מיר זיינען געווען גרייט צו דער שלאַכט. מיר האָבן אָנגעשטעלט די מאַשין־געווער און געוואַרט אויפן אָנקומען פון די דייטשן. אָבער זיי זיינען נישט געקומען. זיי האָבן געוואוסט, אַז מיר זיינען דאָ, און זיי האָבן ניט געוואָלט מיט אונדז פאַרפירן קיין קאַמף. זיי זיינען געווען זיכער אַז די יידן וועלן אַליין גיין, און אונדז וועלן זיי מיד מאַכן און מיר וועלן אַליין אויפגעבן אונדזער משוגענעם פּלאַן. מיר האָבן געעפנט אַ שיסעריי אויף דער ערשטער גרופּע דייטשן, וואָס האָט זיך געוויזן אין נאָענטן הויף, אָבער די דייטשן האָבן גלייך פאַרלאָזט די געטאָ. ס'איז נישט געווען מיט וועמען צו קעמפן.

אויפן וועג צום וואַלד

ס'איז פאָרגעקומען אַ הפסקה. ס'זיינען פאַריבער 4 טעג. אין געטאָ זיינען נאָר געבליבן פרויען. אַלע מענער זיינען פון דאָרט געוואָרן אַרויסגעפירט. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצופירן אונדזערע גרופּן אין וואַלד אַריין. די געטאָ איז געווען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן. קיינער האָט ניט געקאָנט אַריין און ניט געקאָנט אַרויס. ביז דאַן האָבן די יידן געאַרבעט אין שטאָט און ס'איז געווען עפּעס אַ מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן. און דאָ איז די געטאָ געוואָרן אָפּגעשלאָסן. און מיר מוזן דאָך זיך אַרויסקריגן פון דאָרט און אַרויסנעמען דאָס געווער. דאָס איז בכלל ניט געווען אַזוי פּשוט. מיר האָבן זיך דורכגעבראָכן דורך פאַרשידענע וועגן. מיר האָבן געגראָבן אונטערערדישע היילן, מיר האָבן אַרויסגעפירט דאָס געווער אין קאָסטנס פון מתים, (מתים האָט מען געמעגט אַרויספירן אויסער דער געטאָ). מיר האָבן אַ געוויסע צייט געלאָזט דאָס געווער אין בית־הקברות, וואָס איז געוואָרן אונדזער קאָנצענטראַציע־פּונקט. אַזוי אַרום, האָבן פאַרלאָזן די געטאָ אַ צאָל גרופּן.

די גרופּן האָבן געדאַרפֿט דורכגיין אַ שטרעקע פֿון 200 קילאָמעטער כּדי צו דערגרייכן זייער ציל. און זיי זיינען יידן און זיי האָבן ניט די דערפֿאַרונג פֿון פּאַרטיזאַנען. און די געפֿאַר לויערט אויף שריט און טריט. אין דער צווישנצייט, ווען ס'האָט געדאַרפֿט אַוועק די לעצטע גרופּע, איז די געטאָ ווידעראַמאָל געוואָרן אַרומגערינגלט. איצט איז אונדז קלאָר געוואָרן אָן יעדן ברעקל פֿון ספֿק, אַז דאָס מיינט: ליקווידאַציע און ניט קיין אַרבעט אין עסטלאַנד און לעטלאַנד, ווי ס'האָבן געזאָגט די דייטשן. און אין געטאָ זיינען דאָ נאָר פֿרויען, און די פֿרויען גייען. מען האָט זיי קאָנצענטרירט אויפֿן שטאָט־מאַרק. דערנאָך זיינען מיר געוואויר געוואָרן, אַז אַ טייל איז, אמת, אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין לעטלאַנד און עסטלאַנד, און אַ טייל קיין — טרעבלינקע. די לעצטע רעשטלעך פֿון דער יוגנט האָבן פֿאַרלאָזן די געטאָ דורך די קאַנאַלן פֿון דער וואַסער־לייטונג.

דאָס איז געווען אַ טראַגישע נאַכט. מען איז געגאַנגען איינער הינטערן אַנדערן. דאָס געוועער אין האַנט. הינטער אונדז די געטאָ. קיינעם איז ניט איינגעפֿאַלן, אַז מיט דעם גאַנג ראַטעוועט ער זיין לעבן. מיר האָבן מער געלעבט מיט דער געטאָ ווי מיטן וואַלד וואוהין מיר זיינען געגאַנגען. מיט דעם פֿעסטן באַשלוס אין האַרץ פֿאַרצוזעצן די שלאַכט אין וואַלד, די שלאַכט, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן אין געטאָ, אָבער ניט פֿאַרענדיקט. אונדזער גאַנצע שנאה, אונדזער גאַנצן כּוח האָבן מיר געוואָלט אַריבערפֿירן אַהין, צו די נייע פּאָזיציעס. און דאָרט וועלן מיר זיך טרעפֿן מיטן שונא.

אויך אויפֿן וועג צום וואַלד זיינען געפֿאַלן אַ צאָל חברים, אָבער זיי זיינען געפֿאַלן פֿאַרן פּרייז פֿון טויט פֿון פֿיינט. דער וועג פֿון אויסגאַנג פֿון קאַנאַל ביז צום טרעפֿונגס־פּלאַץ האָט געדויערט פֿיל טעג. און די דייטשן האָבן אויפֿן וועג פֿאַרהאַלטן אַ צאָל פֿון אונדזערע מענטשן. אונדזערע האָבן געענטפֿערט מיט שאָסן.

דאָן איז געפֿאַלן דער פֿירער פֿון דער געסטאַפּאָ אין קאָוונע. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די דייטשן. די דריי וואָס האָבן אים דערשאָסן האָט מען געפֿירט צום פּלאַץ וואו מען האָט צונויפֿגעזאַמלט אַלע יידן און מען האָט זיי אויפֿגעהאַנגען פֿאַר אַלעמענס אויגן.

נקמה!

קומענדיק אין וואַלד זיינען מיר ניט געווען אַלע צוזאַמען. די ערשטע גרופּן זיינען געווען ווייט פֿון אונדז און זיי האָבן געהערט צו אַנדערע פּאַרטיזאַנען־גרופּן. די לעצטע גרופּע האָט זיך געפֿונען ניט ווייט פֿון ווילנע און אַהין זיינען אויך מיר געקומען. דאָס איז געווען אַ וואַלד אַרומ־

געריינגלט דורך דייטשע און ליטווישע גאַרניזאָן־סאָלדאַטן. מיר זיינען ניט געגאַנגען אויפֿן וועג פֿון די אַלע געמישטע גרופּן נאָר אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ יידישע גרופּע. דאָס איז געווען די ערשטע פּאַרטיזאַנען־גרופּע („אַטריאַד") וועמענס אָנפֿירער זיינען געווען יידן און די קאָמאַנדע־שפּראַך איז געווען יידיש. די באַדינגונגען זיינען געווען שווערע. קודם־כל האָבן מיר געוואָלט אַרויסציען פֿון שטאָט די לעצטע יונגעלייט. מיידלעך זיינען געקומען אין שטאָט אַריין און געבראַכט פֿון דאָרט מענטשן אין וואַלד. אַזוי, איז אונדז געלונגען צו קאָנצענטרירן דאָרט ביי 400 יידן פֿון ווילנע אַליין.

נאָכן אָרגאַניזירן די גרופּן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן וויי־ציק געווער, נאָר דאָס וואָס איז געוואָרן געבראַכט פֿון דער געטאָ. אונדז האָט געפֿעלט די דערפֿאַרונג פֿון פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן ניט געקענט די אומגעגנט. די פּויערים האָבן אונדז פֿאַרפֿאָלגט. ס׳איז בכלל שווער געווען די לאַגע פֿון פּאַרטיזאַנען, אָבער פֿיל מאָל שווערער איז די לאַגע פֿון יידישע פּאַרטיזאַנען. אָבער ס׳איז ניט געווען קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל אונדז קאָנען אָפּהאַלטן. יידן זיינען אַרויס אין געגנטן, וואָס האָבן געווימלט מיט דייטשן, מיט נאָר 3 קוילן אין זייערע ביקסן. און דאָך האָבן זיי באַוויזן דורכצופֿירן וויכטיקע מיליטערישע אַקציעס. דאָס זיינען געווען פּשוטע מענטשן, חלוצים און שומרים, וואָס האָבן קיין מאָל פֿריער קיין געווער ניט געהאַלטן. „ווי קומט צו אים געווער? ער איז דאָך געווען אַ מענטש פֿון בוך, שטענדיק אַריינגעטאָן אין גייסטיקע ענינים!" און דאָך זיינען עס געווען קעמפֿער, וואָס האָבן זיך גוט געשלאָגן אין באַדינגונגען, וואו אַנדערע פּאַרטיזאַנען זיינען ניט געוואָרן געפּרואווט. דאָס איז געווען אַ לעבן פֿון שלאַכט, פֿון כסדרדיקער שפּאַנונג, ווען מיר האָבן קיין מאָל ניט געוואוסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

איך געדענק דעם ערשטן לויערונגס־אָרט, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט פֿאַר די דייטשן. איך געדענק דאָס ווי ס׳וואָלט געשען היינט. דאָס איז געווען פֿאַר מיר די גרעסטע פֿרייד, זינט ס׳איז אויסגעבראכן די מלחמה, ווען איך האָב געזען ליגן פֿאַר מיר אַ פֿאַרניכטעטן אויטאָ מיט אַכט צע־שמעטערטע דייטשן. און מיר האָבן דאָס דורכגעפֿירט. און איך וואָס כ׳האָב געטראַכט, אַז כ׳בין שוין מער ניט פֿעאיק זיך שטאַרק צו פֿרייען, האָב איך זיך געפֿרייט צוזאַמען מיט מיינע חברים. און דאָס איז ניט קיין צופֿאַל. דער נאָמען פֿון אונדזער אָטריאַד איז געווען „נקמה". דער איינציקער ווילן, וואָס האָט געקלאַפּט אין אונדזער אַלעמענס האַרץ איז געווען דער ווילן צו נעמען אונדזער נקמה אין די דייטשן.

רוזשקע

דאָס נקמה־נעמענדיקע געווער

כ׳בין שוין לאַנג ניט געזעסן ביי אַ מדורה (פֿייער־פֿלאַקער), און ווען איך זיץ איצט מיט אייך ביים פֿייער, דערמאָן איך זיך אין די מדורות אין די וועלדער וואָס האָבן אויפֿגעפֿלאַקערט אין די הערצער פֿון אונדזערע ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען געבליבן שטיין אין מיטן וועג, און וועלן שוין קיין מאָל ניט זוכה זיין צו קומען אַהער, און וועלן ניט זוכה זיין צו זען ווי די מדורות ברענען אונטער די הימלען פֿון ארץ־ישראל.

דער אָנדענק פֿון די מדורות דערמאָנט מיך אויך יענע, וועמענס נשמות האָבן געברענט אין איין פֿייער־פֿלאַקער: דער פֿלאַקער פֿון קאַמף קעגן שונא, די פֿאַרטיידיקונג קעגן אַנגרייפֿער, די נקמה אין שונא. הגם דער דאָזיקער פֿיינט איז געווען פֿיל שטאַרקער פֿאַר אונדז, האָבן מיר גע־וואוסט: מיר האָבן נאָר איין וועג — דעם וועג פֿון קאַמף קעגן אים!

פֿאַר יעדן מענטש פֿון דער הגנה איז געווען אַ גרויסע איבערלע־בונג דער מאָמענט ווען ער האָט באַקומען אין האַנט אַריין געווער. און איך געדענק, וואָס ס׳האָט געהייסן פֿאַר אונדז יענע־שעה, ווען מיר האָבן אין דער געטאָ באַקומען דעם ערשטן רעוואָלווער, דעם ערשטן ביקס און דעם ערשטן מאַשין־געווער!

געווער — פֿאַר די אַלע, וואָס האָבן קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן די דאָזיקע כלי־משחית.

געווער — פֿאַר די וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן צו אַ לעבן פֿון אַר־בעט און פֿרידלעכן שאַפֿן אין לאַנד.

געווער — פֿאַר די אַלע, וואָס האָבן געזען אין דער ביקס, קודם־כל אַ פֿיינטלעכע זאַך, אַ מכשיר פֿון מאָרד און פֿאַרניכטונג.

און דווקאָ פֿאַר די דאָזיקע איז געווער געוואָרן אַ זאַך פֿון קדושה, ווייל עס האָט אונדז געדאַרפֿט דינען פֿאַר אַ הייליקן ציל. מיר האָבן באַ־שלאָסן צו קעמפֿן מיטן אויסראָטער, און צוליב דעם האָבן מיר זיך גע־ניטיקט אין רעאַלער קראַפֿט — צוליב דעם האָבן מיר זיך גענויטיקט אין געווער מיט וואָס צו גיין אין שלאַכט, אין הייליקן קאַמף, כדי צו זיין פֿרייע מענטשן.

און די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין דער געטאָ ווי קנעכט, האָבן געקאָנט זיין פֿריי נאָר דאַן, ווען זיי האָבן געהאַט אין זייערע הענט געווער. די וואָס האָבן געהערט דאָס געשריי פֿון בלוט האָבן געוואוסט, אַז נאָר

דורך איין וועג קאָנען זיי אויסגעלייזט ווערן: דורך נקמה, און דאָס האָט האָט מען געקאָנט פאַרווירקלעכן נאָר מיט געווער אין האַנט.

און אַזוי אַרום איז דאָס ווייטע און פרעמדע געווער געוואָרן פאַר אונדז אַ פריינט, אַ הייליקע זאַך; ווייל נאָר דאָס האָט באַרעכטיקט אונדזער לעבן אין דער געטאָ און נאָר מיט דעם כוח פון געווער האָבן מיר געקאָנט בלייבן אין דער קנעכטשאַפט פרייע מענטשן.

* * *

מיר האָבן ניט באַקומען דאָס געווער פון וועמען עס איז, נאָר מיר האָבן עס געדאַרפט באַקומען מיט אונדזערע אייגענע הענט, עס דעראָ־בערן פאַר אונדז דורך פאַרשידענע קאָמפּליצירטע אופנים און וועגן, איינער געפערלעכער פאַרן צווייטן. אָבער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר מוזן קעמפן און אַז דאָס געווער מוז זיין אין אונדזער האַנט — האָבן מיר עס סוף־סוף געקראָגן.

ווי אַזוי? — דורך טויזנטער וועגן! צווישן די אָפּגעשלאָסענע געטאָ־מויערן, וואוהין מ'קאָן ניט אַריינפירן פון דרויסן אַפילו אַביסל שפּייז, זיך ניט אויסשטעלנדיק אויף דער געפאַר צו ווערן פאַרשיקט אין פאַר־ניכטונגס־לאַגער — דאָרט האָבען מיר אַריינגעבראַכט געווער!

אין די ענגע, שמאָלע געטאָ־געסלעך, וואו ס'איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט פאַר פרייער באַוועגונג — האָבן מיר דורכגעשמוגלט רע־וואָלווערן, ביקסן, האַנט־גראַנאַטן, פולעמיאָטן און אַפילו מאַשין־געווער! אין דער געטאָ וואו עס איז פריער ניט געווען קיין שום געווער!

ווי אַזוי? דאָס איז אַ פרשה פון וואונדערבאַרער גבורה, העראָאיזם, יסורים און דרייסטע מעשים, וואָס די רעוואָלוציאָנערע אונטערערדישע באַוועגונג פון קיין פאָלק האָט אירס גלייכן ניט געוואוסט. אין יעדער געטאָ האָט מען באַקומען געווער אויף אַן אַנדער וועג. אין יעדן אָרט האָבן זיך אונדזערע מענטשן, די מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, צוגעפּאַסט צו די באַזונדערע באַדינגונגען פון דאָזיקן אָרט; אויסגענוצט צוליב דעם אַלע וועגן און מיטלען, וואָס זיינען געווען אין אונדזער רשות. מיר האָבן צוליב דעם געטאָן זאַכן, וואָס אַפילו איצט, ווען איך קלער וועגן דעם, פאַרשטיי איך ניט ווי מיר האָבן עס געקאָנט דורכפירן. און איך ווייס ניט ביז היינט פון וואַנען האָבן די דאָזיקע פשוטע מענטשן פון פאָלק געשעפּט אַזוי פיל גבורה, פאַך־קענטעניש, סטראַטעגישע פעאיקייטן און כיטרע קאַמפּס־איינפאַלן, וואָס אַפילו דער כיטרער דייטש זאָל זיי ניט קאָנען בייקומען, — און אַזאַ קאַלטבלוטיקייט ביים אויספירן די פאַרטראַכטע פּלענער!

אין אונדזער גאַנצער אַרבעט האָבן מיר געוואוסט איין זאַך: דאָס וואָס עס דאַרף ווערן אויסגעקעמפט — מוז אויך געלונגען. ווייל יעדער דורכפאַל פון יחיד — באַדייט: דער דורכפאַל פון גאַנצן געטאָ.

דאָס איז געווען אונדזער קעגזייטיקע אחריות. פאַר איינעם קאָנען פאַלן צענער טויזנטער (די אַלטע דייטשע שיטה!) און דערפאַר האָבן מיר נאָר געהאַט פאַר זיך איין וועג: דורכפירן די אַקציעס מיט דערפאָלג. און ווען מיר זיינען געווען געצוואונגען צו האָבן דערפאָלג — האָבן מיר געהאַט דערפאָלג. נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר אָנגעזאַמלט, אין די מויערן פון דער געטאָ, אַ באַדייטנדן קוואַנטום פון געווער.

ווי איז דאָס געווער געוואָרן אַריבערגעבראַכט אין דער געטאָ? — איך געדענק ווי אונדזער חבר ברוך האָט געבראַכט דעם ערשטן רעוואָלווער. ער האָט געאַרבעט אין אַ דייטשן געווער־סקלאַד אין דער שטאָט. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעגנבעט דעם רעוואָלווער און אים אַריבערגעשמוגלט איבער די מויערן פון דער געטאָ. דאָס איז ווייט־ווייט נישט געווען אַזוי פראָסט־פשוט! די מענטשן פון דער געטאָ זיינען אַרויסגעגאַנגען צו זייער אַרבעט אין שטאָט אייניציקווייז. דורך אַן ענגער טיר האָבן די דייטשע און ליטווישע פאָליציאַנטן דורכגעפירט די אַריינקומענדיקע און אַרויסגייענדיקע יידן און זיי בודק געווען זיבן מאָל. זיי האָבן ניט געזוכט קיין געווער אין די פאַלדן פון די יידישע קליידער; זיי האָבן נאָך דאַן ניט געטראַכט אַז די יידן זיינען פעאיק צו טראָגן געווער; זיי האָבן געזוכט שפייז, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן געוואָלט אַריינשמוגלען פאַר זייערע הונגעריקע קינדער. און יעדער מענטש וואָס איז דורכגעגאַנגען די טיר פון דער געטאָ איז גוט געוואָרן דורכקאָנטראָלירט און דורכגענישטערט. אויב מען האָט געפונען עפעס עסנוואַרג אין די קליידער — איז דער מענטש געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט אין טורמע און פון דאָרט געוואָרן איבערגעפירט אין פאַרניכטונגס־לאַגער און געוואָרן דערשאָסן.

אונדזער חבר ברוך האָט באַהאַלטן דעם געגנבעטן רעוואָלווער הינטער אַ גרויסן באַנדאַזש וואָס ער האָט זיך געמאַכט אויף דער האַנט. ווען די דייטשן האָבן געוואָלט קאָנטראָלירן די פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט — האָט ער אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי. האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט און אַדורכגעלאָזט. אַזוי האָט ער געבראַכט צו אונדז אין געטאָ דעם ערשטן רעוואָלווער. דאָס איז געווען אַ קליינע, אַלטע כלי, ווייט־ניט פון בעסטן סאָרט, אָבער פאַר אונדז איז עס געווען אַ גאַנצער אוצר. דער דאָזיקער טאָג איז געוואָרן פאַר אונדז אַ יום־טוב. זייט דאַן האָט זיך געעפנט פאַר אונדז אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון האָפנונגען. מיר האָבן געזען מיט אונ־

דזערע גייסטיקע אויגן ניט דעם איינעם רעוואָלוווער נאָר גאַנצע סקלאַ־דעס פֿון געווער. און געווער פֿאַר אונדז באַדייט — דער קריג פֿאַר פֿרייהייט. און דערצו האָבן מיר זיך געגרייט.

טראָץ אַלע געפֿאַרן איז דער געווער־שמוגל אין געטאָ געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. יונגערע חברים, וואָס האָבן געאַרבעט אין די געווער־סקלאַדעס אין שטאָט האָבן זיך אָרגאַניזירט און זיך איינגעאיבט אין גנבענען געווער און עס אַריבערשיקן אין געטאָ. דאָס איז געוואָרן פֿאַר זיי טאָג־טעגלעך ברויט, אַ פּשוטע, זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַך, און כמעט ווי אַ געוואוינהייט, ווי ס'וואָלט גאָר ניט געקאָנט זיין אַנדערש — און איז דאָך די העכסטע מדרגה: צו טאָן זאַכן מיט פּשטות אַלס אַ זעלבסטפֿאַרשטענדליכקייט.

איך געדענק: ווען ברוך האָט אַמאָל אַריבערגעבראַכט טיילן פֿון אַ מאַשין־געווער און ביים טויער פֿון דער געטאָ האָבן אים רעווידירט די געסטאַפּאָ־לייט און דאָך איז אים געלונגען דורכצושמוגלען די טיילן פֿון מאַשן־געווער — האָבן מיר געפֿרעגט ברוכן, ווען ער איז געקומען אַהיים: „האָסטו כאָטש עפּעס געבראַכט מיט זיך?" און ער האָט געענט־פֿערט פּשוט: „יאָ, כ'האָב געבראַכט, אָבער איצט בין איך הונגעריק. גיט מיר עפּעס עסן".

און אַזוי ווי ער, האָבן זיך אויך געפֿירט די איבעריקע: מיט פּשטות ווי ס'וואָלט געווען אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט. ווען מיר האָבן אַריבערגע־שמוגלט ביקסן אין דער געטאָ אַריין — און די ביקסן האָבן ווי באַקאַנט לאַנגע רערן און מען קאָן זיי נישט באַהאַלטן צווישן די פֿאַלעס פֿון מאַנטל — האָבן די חברים וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָטראַט, מיטגענומען פֿון דאָרט ספּעציעלע צייכנס, די צייכנס, וואָס מען מאַכט אין גאַס אויף אָפּשטעלן די באַוועגונג, ווען מען דאַרף עפּעס פֿאַרריכטן, און זיי האָבן מיט זייער הילף איבערגעריסן די באַוועגונג אין איינער פֿון די זייטיקע געסלעך פֿון ווילנע, וואו ס'איז געווען אַ טיר צו די אָפּפֿלוס־קאַנאַלן פֿון דער שטאָט, און אין אַ ספּעציעלן קאַסטן, וואָס מ'האָט מכלומרשט גע־דאַרפֿט האָבן צו פֿאַריכטן דעם וועג, האָט מען דורכגעפֿירט די ביקסן דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן און אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט די ביקסן אין דער געטאָ.

אַזוי האָבן מיר געזוכט פֿאַרשידענע וועגן ווי צו קריגן געווער, און אַלע וועגן זיינען געווען ביי אונדז כשר.

אָבער מיר האָבן אויך באַצאָלט. מיר האָבן באַצאָלט פֿאַר יעדער זאַך, וואָס מיר האָבן געטאָן. און באַצאָלט מיט די לעבנס פֿון מענטשן. ס'איז געפֿאַלן איינער פֿון אונדזערע חברים, פֿון די יינגסטע און אַקטיווסטע. די

דייטשן האָבן אים געכאַפּט אין מיטן דער אַרבעט. מען האָט אים, ווייזט אויס, געמסרט. זיי האָבן אים געשאָסן און ער איז געפֿאַלן. אָבער די וואָס זיינען געבליבן לעבן האָבן ווייטער פֿאַרגעזעצט שלעפּן געווער פֿון די סקלאַדעס און ווי פֿריער האָט מען עס אַריבערגעשמוגלט איבער די מויערן פֿון דער געטאָ.

...אויך אין וואַלד, וואו ס'האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט יידישע יוגנט, וואָס האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין אָפֿענעם פּאַרטיזאַנען־קאַמף מיטן שונא — אויך דאָ איז איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿראַגן געווען: געווער. אויך דאָ איז אונדז, ווי יידן, און אויך ווי יידישע פּאַרטיזאַנען, שווערער געווען ווי אַלע אַנדערע. מיר האָבן נאָר געהאַט אַביסל געווער לכתחילה — נאָר דאָס וואָס מ'האָט אונדז געבראַכט פֿון געטאָ. אָבער מיר האָבן געמוזט האָבן געווער — און מיר האָבן עס באַקומען.

אין וואַלד האָבן מיר באַקומען דאָס געווער אויף אַן אַנדער וועג ווי אין געטאָ: דאָרט איז עס געווען פֿאַרבונדן מיט אַ געפֿאַר. מען האָט דערצו געדאַרפֿט האָבן מוט, קלוגשאַפֿט און קאַלט בלוט. אין וואַלד, אָבער, איז דאָס געווער ס'רוב געוואָרן באַקומען דורך בלוט, דורך לעבנס פֿון מענטשן. ווייל דאָ האָבן מיר געקראָגן דאָס געווער פֿון די הענט פֿון פֿיינט, ממש. און צוליב דעם האָט מען געמוזט הרגענען דייטשן און ליטווינער, וואָס האָבן געהאַט געווער. פֿון די קערפּער פֿון די געפֿאַלענע האָבן מיר אַראָפּגענומען דאָס געווער. דאָס איז געווען אַ שלאַכט און אין דער שלאַכט זיינען אָפֿט געפֿאַלן אויך אונדזערע מענטשן. אָבער דאָס איז געווען אַ מלחמה מיטן פֿיינט. און דאָס איז געווען אונדזער ציל. צוליב דעם זיינען מיר אַרויס אין וואַלד און די דאָזיקע ווירקלעכקייט האָבן מיר געזוכט.

איך געדענק אין וואַלד איין טאָג פֿון יום־טוב: דעם טאָג, ווען מיר האָבן באַקומען געווער. יעדער פֿון אונדז האָט באַקומען מלחמה־מכשירים. ווייל ביז איצט האָבן מיר ניט געהאַט קיין גענוגנדיקע צאָל געווער. און דער מענטש האָט באַקומען דאָס געווער נאָר ביי זיין אַרויסגיין צו דער אַקציע. אין דעם טאָג, האָבן מיר זיך געקאָנט דערלויבן צו געבן יעדן פֿון אונדזערע מענטשן אַ מאַשין־געווער. דאָס איז געווען אַ גרויסער טאָג!

* * *

ווען איך האָב אייך היינט געזען אין אַ פֿעלד, האָב איך ניט געזען אייך, נאָר די יעניקע, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אין דער ברייטקייט פֿון וואַלד מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ און מיט געווער אין האַנט, זיך איינ־הערנדיק אין די ווערטער פֿון קאָמענדאַנט. דער לעצטער האָט געזאָגט:

„דאָס געווער, וואָס מיר האָבן היינט באַקומען וועלן מיר הייליקן מיטן בלוט פֿון שונא און דורך דעם בלוט וועט אונדזער געוועה ווערן ריין און הייליק. שטענדיק, ווען מיר וועלן גיין אין קאַמף מיטן דאָזיקן געוועה, לאָמיר געדענקען פֿאַרוואָס מיר קעמפֿן און לאָמיר טראָגן אין אונדזערע הערצער דעם אָנדענק פֿון די יעניקע, וואָס זיינען געבליבן אין געטאָ און פֿון די יעניקע, וואָס זיינען אויסגעראָטן געוואָרן און האָבן ניט זוכה געווען צו קעמפֿן מיט געוועה אין האַנט — פֿאַר זיי וועלן מיר קעמפֿן. פֿאַר זיי וועלן מיר נעמען נקמה!" מיר האָבן געקושט אונדזער געוועה וואָס דאַרף זיך נוקם זיין אין שונא.

פֿאַרטיזאַנען־ליד פֿון דער ווילנער געטאָ

זאָג נישט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט:
מיר זיינען דאָ!

פֿון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווייטן לאַנד פֿון שניי,
מיר זיינען דאָ — מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און וואו געפֿאַלן איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגנזון באַגילדן אונדז דעם היינט,
אונדזער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿיינט,
און אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל זיין דאָס ליד פֿון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און מיט בליי,
ס'איז נישט קיין ליד פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿריי,
נאָר ס'האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ קיין מאָל זאָג נישט: „אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג".
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט:
מיר זיינען דאָ!

ג ע ש ט אַ ל ט ן

צוויי שוועסטער: פֿרומקע און חנהטשע פּלאָטניצקי

אין דער באַוועגונג

אין אונדזער אָרגאַניזאַציע „פֿרייהייט", האָט די שטאָט פּינסק פֿאַרנומען אַ באַזונדער פּלאַץ. דאָס האָט אַ היסטאָרישע סיבה: „פֿרייהייט" האָט געשעפּט איר יניקה פֿון דער פּאַרטיי צעירי־ציון (צ.ס.), וואָס פּינסק איז געווען איר וויגל. אויב עס זיינען פֿאַרבליבן גייסטיקע שפּורן פֿון רוסישן יידנטום אין דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דעם פּויליש־יידישן קיבוץ — איז פּינסק געווען איינער פֿון די טויערן דורך וועלכן די דאָזיקע השפּעה איז אַריינגעדרונגען.

די דאָזיקע שטאָט איז געווען אַ צענטער פֿון מתנגדים: עס זיינען דאָרטן געווען פֿיל יידן תּלמידי חכמים און מענטשן מיט פּראַקטישע פֿע־איקייטן. אָבער אין פּינסק, אין פֿאָרשטעטל קאַרלין, איז אויך געווען דער זיץ־פּלאַץ פֿון דעם סטאָלינער רבין. דערפֿאַר האָט מען אים טאַקע גערופֿן „דער קאַרלינער רבי".

פֿאָלקסטימלעכקייט און דבקות, — דאָס שטענדיקע גאָרן נאָך פֿער־זענלעכער שלמות, וואָס צייכנט אויס דעם קאַרלינער דרך אין חסידות — האָט אַרויפֿגעלייגט אַ שטעמפּל אויף חנהטשעס און פֿרומקעס היים.

די צוויי שוועסטער האָבן געזונגען דעם זעלביקן ניגון, אָבער מיט פֿאַרשידענע ניואַנסן. חנהטשע איז געווען אין גאַנצן פּעאיקייטן, אויסער־געוויינלעכע פּעאיקייטן, — אַלץ איז איר געגעבן געוואָרן לייכט און בשפֿע. זי האָט לייכט דעראָבערט די שפּראַך, דאָס בוך, די בילדונג, זי האָט גע־האַט אַ זיסע שטים און דעם טאַלאַנט פֿאַר באַציאונגען מיט מענטשן. אַז מען האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ מקור, האָט מען געקענט זיכער זיין, אַז זי וועט אים שוין געפֿינען און וועט פֿון אים שעפּן אַלץ וואָס זי דאַרף און עס שפּעטער איבעראַרבעטן אויף איר אָריגינעלן אופֿן. גלייך ביי דער ער־שטער באַגעגעניש פֿלעגט זי אַרויסרופֿן דרך־ארץ. אַזוי איז געווען אין איר עלטערן־היים, צווישן די קינדער אין הויף און נאָך דעם אין דער באַוועגונג — ביז אירע לעצטע טעג. אין פּערזענלעכע געשפּרעכן פֿלעגט זי ניט איין מאָל זאָגן, אַז עס פֿאַרדריסט איר וואָס אַלץ ווערט איר געגעבן אַזוי לייכט. זי האָט אָפּטמאָל געבענקט נאָך די יסורים פֿון דעראָבערונג, זי האָט אין דעם געזען אַ העכערע מדרגה פֿון פֿאַרווירקלעכונג, וואָס איז איר ניט געווען באַשערט.

גאָר אַן אַנדער מענטש איז געווען פֿרומקע. יעדע דערגרייכונג אין לעבן איז איר אָנגעקומען מיט זעלישע און פֿיזישע אָנשטרענגונגען. זי איז אין גאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין זיך. ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט מען על פּי רוב ניט באַמערקט די נשמה־כּוחות וואָס זיינען אין איר געווען פֿאַרבאָרגן. די חברשאַפֿט האָט זי זיך אויך שטענדיק דעראָבערט ערשט נאָך גרויסע ראַנגלענישן.

דערפֿאַר האָט פֿון חנהטשען שטענדיק געשטראָמט מיט פֿריילעכ־קייט, בעת אַ כּמעט כמורנער ערנסט האָט שטענדיק געשוועבט אי־בער פֿרומקען.

און דערפֿאַר וואָס אַלץ איז איר אָנגעקומען מיט יסורים, האָט פֿרומקע פֿאַר אירע שטימונגען געפֿונען אַן אויסדרוק און אויסוועג אין מעשים. אַזוי איז געווען אין עלטערן־היים: אויף אירע פּלייצעס איז געלעגן די גאַנצע ווירטשאַפֿט. זי האָט זיך צוגעהערט צו די וויכּוחים וואָס האָבן גע־ברויזט אין איר הויז, אָבער זי האָט זיך אין זיי ניט געמישט. עס האָט זיך געדוכט, אַז זי שטייט מן הצד; אָבער אינערלעך האָט זי געלעבט אַ ברויזנ־דיק לעבן. און אין דער פּאַסיקער שעה האָבן די געצוימטע און רייפֿע כּוחות אָנגעהויבן שטראָמען ווי אַ קוואַל.

פון דעם ערשטן טאָג וואָס חנטשע איז אַריינגעטראָטן אין דער באַוועגונג, האָט זי אין איר פאַרנומען אַ בולטן פּלאַץ. פרומקע האָט אַנטדעקט די באַוועגונג נאָך דעם ווי זי האָט יאָרן געלעבט צווישן אירע מיטגלידער. זי האָט זיך דער באַוועגונג אין גאַנצן אָפּגעגעבן. אין געוויינלעכע, גרויע צייטן האָט זי זיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל, אָבער אין מאָמענטן פון אַנטשיידונג האָט זי זיך געשטעלט בראש. פּלוצלינג האָט זי זיך פאַר די חברים אַנטפּלעקט משכמה ומעלה, העכער פון זיי אַלעמען: מיט איר מאָראַלישער קראַפט, מיט דער אכזריות פון איר אַנאַליז, וואָס האָט שטענדיק געפירט צו דער טאַט, וואָס עס פאָדערט זיך גראָד אין יענעם מאָמענט.

אין דער באַוועגונג, וואָס חנהטשע און פרומקע האָבן איר אַוועקגעגעבן זייערע כּוחות, זייער יוגנט־פּראַכט, האָט די חברטע געשפּילט אַ גרויסע ראָל. דאָס זיינען געווען מיידלעך וואָס האָבן געשטאַמט פון פאָלקס־שיכטן, וואָס דער איבעררייס מיט דער היים פון די אָרעמע טאַטע־מאַמע, וואָס האָט זיך שטאַרק געניטיקט אין זייער הילף, און דער איבערגאַנג צו חלוצישער פאַרווירקלעכונג, זיינען זיי אָנגעקומען מיט גרויסע יסורים. אָבער די דאָזיקע יסורים האָבן דעם דאָזיקן טיפּ מיידל אויך פאַרהאַרטעוועט, פאַרשאַרפט אירע סאָציאַלע חושים, אויפגעוועקט אין איר דרימלענדיקע כּוחות; געשטעלט איר טרייקייט און איר עקשנות פאַר אויסערגעוויינלעכע פּראָבעס. אין חנהטשען און אין פרומקען האָבן געפונען זייער פאַרקערפּערונג די דאָזיקע גרונט־אייגנשאַפטן פון דער חברטע אין דער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג.

אָבער אין פרומקען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן צוויי אייגנשאַפטן: אין קעגנזאַץ צו אַנדערע חברטעס פון דעם חלוצישן אַקטיוו, האָט זי באַוויזן צו פאַראייניקן די פעאיקייט צום דורכדרינגענדיקן, אומרחמנותדיקן אַנאַליז פון לעבנס־דערשיינונגען מיט צאַרטער ליבע און מוטערלעכער זאָרג. אָט דער דאָזיקער זעלטענער סינטעז האָט איר געגעבן אַ בולטן פּלאַץ אין איר הכשרה־קיבוץ, אין איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע — און נאָך דעם אין די די טעג פון די גרויסע נסיונות.

* * *

אין איר קיבוץ אין ביאַליסטאָק. ווינטער. ניט געהייצטע צימערן. הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט. אַ קראַנקע חברטע פאָדערט פון סעקרעטאַריאַט, אַז מען זאָל איר געבן די דערלויבעניש צו פאָרן אַהיים זיך צו היילן. די חברים גלויבן, אַז די חברטע איז זייער קראַנק. די חברים פון סעקרעטאַריאַט זיינען גענויגט נאָכצוגעבן איר בקשה. פרומקע איז

די איינציקע וואָס פֿאָדערט פֿון דער קראַנקער חברטע, אַז זי זאָל פֿאַר־בלייבן אין קיבוץ. „דער קיבוץ איז מחויב צו טאָן אַלץ כּדי דו זאָלסט געזונט ווערן. דאָס איז דיין היים״. די קאָנסעקווענץ פֿון די דאָזיקע ווערטער איז געווען: האַרטקייט לגבי אַ חברטע, אַרויפֿלייגן אַ שווערן יאָך אויפֿן קיבוץ: היילן די חברטע אויפֿן חשבון פֿון לעצטן שטיקל ברויט. אָבער קיין אַנדער מיינונג קאָן ניט זיין. און ניט געקוקט אויף דער אַלגעמיינער ביטערקייט, האָט מען אָנגענומען פֿרומקעס מיינונג.

* * *

ניט גרינג איז אָנגעקומען די צווייט שוועסטער דער וועג צו דער העברעאישער שפּראַך. זיי האָבן זיך געראַנגלט צווישן יידיש, דער שפּראַך פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, און זייער אייגענער מוטער־שפּראַך, מיט איר זאַפֿטיקייט, פּשטות, פֿאָלקסטימלעכקייט, מיט איר חכמה און איר ניגון און צווישן העברעאיש, דער שפּראַך פֿון עבר, דער שפּראַך פֿון דער היימלאַנד און דעם ארץ ישראלדיקן אַרבעטער, דער שפּראַך פֿון ברענערשן אף על פּי כן... גרויס איז געווען זייער בענקשאַפֿט און ליבע פֿאַר דער שפּראַך וואָס דער יידישער גורל האָט זיי באַפֿוילן צו פֿאַרלאָזן. בלויז דאָס באַוואוסטזיין פֿון דער נויטווענדיקייט פֿון באַלדיקער חלוצישער פֿאַרווירקלעכונג, ווי אַ וועג פֿאַר פֿילע, האָט חנהטשען און פֿרומקען און די באַוועגונג צו וועלכער זיי האָבן געהערט, געפֿירט זיך צו באַהעפֿטן מיט העברעאיש — ניט געקוקט אויף דער שאַרפֿער זאָרג, וואָס האָט געריבט זייער רו, אַז פֿאַר גאָר אַ סך איז יידיש די פֿעסטונג קעגן דער פּוילישער אַסימילאַציע וואָס האָט כּסדר געהאַלטן אין איין פֿאַרפֿלייצן די יידישע יוגנט אין דער פֿאַר־מלחמהדיקער פּוילן.

אַזוי איז רייף געוואָרן דער סינטעז צווישן די צוויי יסודות — דער טרייער יידישער פֿאָלקסטימלעכקייט און אכזריותדיקער און קאָנסעקווענטער חלוצישער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער ציוניסטישער שליחות, די צוויי יסודות אויף וועלכע עס איז געבויט געוואָרן די חלוצישע יוגנט־באַוועגונג.

* * *

פֿרומקע און חנהטשע זיינען געווען פֿאַרבונדן דורך טיפֿער שוועסטערלעכער ליבע און דורך אַ אידעאישער פֿריינטשאַפֿט, וואָס איז געווען אין דער גלייכער צייט שטייף און פֿריי. ניט איין מאָל האָבן זיי זיך געראַנגלט איינע מיט דער צווייטער בנוגע פֿראַגן פֿון דער באַוועגונג און פֿון לעבן בכלל.ביידע האָבן געהאַט פֿעסטע כאַראַקטערן און זיינען באַשטאַנען אויף זייערע איבערצייגונגען, אָבער זיי האָבן שטענדיק משתּף געווען איינע דער צווייטער אין זייערע געדאַנקען, איבערלעבונגען און קאָנסעקווענצן.

פֿרומקע האָט חנהטשען געגעבן איר שפּעדיקע אומבאַגרענעצטע ליבע: „דאָס קליינע שוועסטערל". זי האָט באַוואונדערט אירע אינטעלעקטועלע פֿעאיקייטן; זי איז אָפּטמאָל בטל געוואָרן פֿאַר איר. חנהטשע האָט ליב געהאַט פֿרומקען, אָבער אַמאָל, אַמאָל, פֿלעגט זי מיד ווערן פֿון דער שפּע זאָרג פֿון דער „גרויסער שוועסטער", און האָט פֿרומקען געוואָלט געבן דאָס וואָס עס קומט איר לויט איר ווערט און וואָג. פֿרומקע האָט זיך שטענדיק אַנטזאָגט דאָס צו נעמען. ביידע האָבן געבענקט איינע נאָך דער צווייטער. לעבן צוזאַמען איז זיי ניט שטענדיק גרינג געווען. פֿרומקע האָט ליב געהאַט די איינזאַמקייט; חנהטשע האָט ליב געהאַט באַוועגונג, מענטשן, לעבן. די באַגעגעניש פֿון איין שוועסטער מיט דער צווייטער, האָט ביידן באַרייכערט, אָבער זי איז געווען באַגלייט פֿון דעם שאָטן פֿון אינטימען קאָנטאַקט צווישן צוויי פֿאַרשידענע מענטשן־טיפּן.

אין עלטערן־הויז האָט פֿרומקע געטראָגן דעם עול פֿון דער שטוב און פֿון אויפֿפּאַסן אויף דער קליינער חנטשען. דאָס האָט פֿרומקע געוואָלט טאָן אויך שפּעטער. ווען זיי זיינען ביידע אויסגעוואַקסן אין דער באַוועגונג, איז דאָס געוואָרן אוממעגלעך. מיט דער צייט האָט די באַוועגונג יעדע איינע פֿון זיי געשטעלט אויף איר פּלאַץ.

אַן אַלטער ארץ ישראלדיקער אַרבעטער, וואָס איז ערב דער מלחמה פֿאַרוואָגלט געוואָרן קיין וואַרשע און איז דאָרטן געצוואונגען געוואָרן צו בלייבן אַ לענגערע צייט אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָט, קומענדיק צוריק קיין ארץ־ישראל, אין 1941, געזאָגט וועגן פֿרומקען: איך בין צוואַנציק יאָר עלטער פֿון איר, אָבער, אין פֿאַרגלייך מיט איר, בין איך געווען ווי אַ קינד וואָס נויטיקט זיך אין איר מיטלייד, זאָרג און עצה. אין געטאָ האָט מען זי גערופֿן „די מאַמע" און דאָס איז זי געווען אויך פֿאַר מיר...

דאָס איז זי געווען פֿאַר אונדזער באַוועגונג אין פּוילן.

אליעזר (גבעת־ברנר)

באַגעגעניש און אָפּשייד

סוף 1937, עטלעכטע טעג נאָך דעם ווי איך בין אָנגעקומען קיין פּוילן פֿון ארץ־ישראל, האָב איך זיך באַגעגנט מיט פֿרומקען, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דעם חלוצישן אַקטיוו, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וואַרשע. ס'איז געווען אַ שווערער, אומעטיקער צוזאַמענקום. איינער נאָכן צווייטן האָבן זיך אויפֿגעשטעלט די שליחים פֿון די קיבוצים און איבערגעגעבן וועגן דער לאַגע. אַ שטימונג פֿון אָפּהענטיקייט באַהערשט די

„הכשרה"־קיבוצים. די טויערן פֿון ארץ ישראל זיינען פֿארשלאָסן. עס איז געבליבן אָפֿן בלויז איין וועג — דער וועג פֿון די „מעפּילים", פֿון אומלעגאַלער עליה. בלויז דורך דעם דאָזיקן וועג קאָן מען נאָך ראַטעווען די טריי־געבליבענע. דער געשריי נאָך עליה האָט אָנגעפּילט דעם צימער.

פֿרומקע איז געזעסן אין אַ ווינקל פֿון צימער מיט די טונקעלע ווענט איינגעהילט אין איר מאַנטל און אַ געשפּאַנטע זיך צוגעהערט צו די ווער־טער פֿון די חברים. איר בליק האָט באַגלייט יעדן רעדנער. עס האָט זיך געדוכט, אַז זי וויל אויסשעפּן די גאַנצע פּיין, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין די הערצער פֿון די חברים.

צוויי וואָכן שפּעטער, ווען איך האָב זיך אַרויסגעלאָזן באַזוכן די „סניפֿים", האָב איך זיך באַגעגנט מיט פֿרומקען אין ביאַליסטאָקער קיבוץ. זי האָט געאַרבעט אין קיך. ווען איך בין אַריינגעקומען אין גרויסן קיבוץ־הויז און האָב, אַביסל אַ פֿאַרווירטער, אָנגעהויבן זוכן אין גרויסן עס־צימער אַ באַקאַנטן פּנים, האָט זיך דורכן פֿענצטערל פֿון דער קיך באַוויזן פֿרומקעס קאָפּ. זי איז גלייך אַרויס אין עס־צימער, מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַן אַלטער פֿריינט, און אירע אויגן האָבן וואַרעם געשמייכלט.

פֿרומקע האָט מיך געפֿירט איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן. זי האָט גוט געקענט אַלע געסלעך און דורכגאַנגען, די רייכע און אָרעמע קוואַר־טאַלן. אומעטום האָט זי געהאַט חברים און באַקאַנטע, באַוועגונגס־מענטשן און בני־עיר, וואָס האָבן זי פֿריינטלעך באַגריסט. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַ לענגערע צייט געדרייט איבער די גאַסן, האָט זי צו מיר געזאָגט: און איצט לאָמיר גיין אין שטאָט־גאַרטן. דאָס איז מיין באַליבטסטער פּלאַץ.

ווען מיר זיינען אַריין אין דער שניי־באַלאַדענער בוימער־אַלייע און ס'האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט די שטראַלנדיקע ווייסקייט פֿון דעם גאַרטן, האָט פֿרומקע אויפֿגעברויזט מיט פֿרייד. זי האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן לויפֿן, געכאַפּט פֿולע הויפֿנס שניי און געקייקלט שניי־פּילקעס. זי איז געשפּרונגען ווי אַ קינד.

מיר האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק און זיך צוגעקוקט אויף די שפּערלינגען וואָס האָבן געשפּרונגען איבערן שניי. פֿרומקע האָט געזאָגט: אַזוי איז שטענדיק, ווען מיין נאָז דערשפּירט דעם ריח פֿון ערד און גאַרטן... איך קאָן זיך פּשוט ניט באַהערשן און די פֿרייד פֿאַרוואַנדלט מיך אין אַ נאַרישער ציג. און איצט שטעל זיך שוין פֿאָר, וואָס עס געשעט ווען עס קומט דער זומער. ווען איך וועל קומען קיין ארץ־ישראל, און דערזען אונדזערע פֿעלדער, וועל איך מסתמא אין גאַנצן אַרויס פֿון די כלים.

* * *

צום לעצטן מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין טעלעכאַני, אין פּאַלעסיע. אין אַ קליין פּויערים־שטיבל, ביים עק פון אַ וואַלד, ניט ווייט פון שטעטל, האָט פרומקע געפירט אַ ראַיאָן־סעמינאַר פון „פרייהייט־החלוץ־הצעיר". דאָרט האָט זי זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט מיט איר גאַנצן צויבער, מיט איר רירעוודיקייט, אירע גאָלדענע הענט, איר צניעות. זי האָט צורעכט געמאַכט דאָס הויז, אָרגאַניזירט די אַרבעט, די טאָג־אָרדנונג פון לאַגער און די לימודים, האָט פאַרהאַנדלט מיטן קרעמער און בעקער אין שטעטל און איינגעקויפט לעבנס־מיטלען פון די פּויערטעס וואָס פלעגן פאַרטאָג קומען צו דער טיר מיט זייערע פּראָדוקטן. און אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט ישוב־הדעת, יעדע פּרוטה איז אויסגערעכנט געוואָרן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ טאָכטער פון דער אָרעמער פּאַלעסיע. זי האָט אָנגעפירט מיט די שטודיר־קרייזן און די העברעאישע קורסן, אָבער זי האָט יעדן טאָג אויך געפונען אַ פרייע שעה פאַר פּערזענלעכע שמועסן מיט חברים. וואָס פאַר אַ קוואַל פון ליבע ס'האָט אין איר געשטראָמט פאַר אירע האַדעוואַניקעס, די צוקונפטיקע חלוצים פון פּאַלעסיע! און זיי, די יינגלעך און מיידלעך, האָבן זיך צו איר געטוליעט מיט ליבע. אָבער זי האָט אויך געקאָנט זיין שטרענג, ווען די „זאַך" האָט דאָס געפאָדערט. איינער פון די בחורים, דערמאָן איך זיך, האָט גענומען פאַר זיך רייזע־הוצאות, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין „סניף". דאָ האָט פרומקע ניט געוואָלט הערן פון קיין „רחמים"! זי האָט קעגן דעם בחור געהאַנדלט מיטן גאַנצן חומר הדין. עס האָבן ניט געהאָלפן קיין שום אַנטשולדיקונגען.

אָט אַזאַ האָב איך זי געזען ביי אַן אַנדער געלעגנהייט: דער בעקער פונם שטעטל, וואָס האָט צוגעזאָגט צוצושטעלן יעדן טאָג ברויט פאַרן סעמינאַר און האָט אויך באַקומען באַצאָלט פאַרויס — האָט ניט געהאַלטן וואָרט. צוויי טעג איז דאָס יונגוואַרג געבליבן אָן ברויט. פרומקע האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך. אָט דער באַטרוג האָט זי אַרויסגעבראַכט פון די כלים. זי איז געלאָפן אין שטעטל און שטרענג געפאָדערט, אַז ער זאָל דערפילן זיין פאַרשפּרעכן. זי האָט געזאָגט: איך וועל אייך ניט מוחל זיין די אָפּנאַרעריי. און דער פיל עלטערער בעקער איז פאַר איר גע־שטאַנען ווי אַ תלמיד פאַרן רבין און געבעטן אַנטשולדיקונג. און זי האָט געענטפערט: בעט ניט מיין אַנטשולדיקונג. איר האָט זיך קעגן מיר ניט פאַרזינדיקט. איר האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן זיך אַליין...

* * *

ס'איז געווען פרילינג 1939. פון נאָענטן און ווייטן האָבן זיך געטראָגן דומפּע דונערן פון דעם זיך דערנעענטערדיקן שטורעם. בייטאָג און ביינאַכט

האָבן די באַן־וואַגאָנען געפירט סאָלדאַטן און געווער צו די גרענעצן פון לאַנד. איבער אייזנבאַן־סטאַנציעס, וואָס זיינען געווען פול מיט רעזער־וויסטן, וואָס זיינע גערופן געוואָרן צו זייערע פּאָזיציעס, האָט זיך גע־טראָגן דער פאַרשטיקטער געוויין פון מאַמעס און כלות.

אָבער אין וואַלד, אין טעלעכאַני, איז געשטאַנען אַ לוסטיקער פרי־לינג: די בעריאָזעס האָבן זיך אויסגעפּוצט מיט צאַרטע גרינע גירלאַנ־דעס, די סאָסנעס האָבן געשמעקט, דער ריח פון בוימער־סאָק האָט פאַר־שיכורט, קליינע באַשעפעניש האָבן די לופט אָנגעפילט מיט געזאַנג.

אויך די קליינע חלוצים האָבן אויפגעלעבט ווי די וואַלד־ברואימלעך. בלויז פרומקע איז אפשר געווען די איינציקע, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די אָנונג פון דעם זיך דערנעענטערדיקן שוידער. זי האָט אירע האָדוואָ־ניקעס ניט דערציילט וועגן דער מורא וואָס זי האָט געטראָגן אין האַרצן. אין דערפרי, ביי טאָג און אין אָוונט האָט זי זיי באַגעגנט מיט אַ ליבעפולן שמייכל.

בלויז איין מאָל האָט זי אַנטפּלעקט איר צעפייניקט האַרץ — בעת עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן „ווייסבוך". אַ בלאַסע איז זי געשטאַנען לעבן דעם „רעדנער־טיש", מיט אַ האַרטער שטים און ברענענדיקע אויגן.

* * *

פון טעלעכאַני האָב איך זיך געקליבן צו פאָרן קיין וואַרשע און פון דאָרטן, עטלעכע טעג שפּעטער — קיין ארץ ישראל. פרומקע האָט מיך באַ־גלייט צו דער קליינער באַן־סטאַנציע ביים עק וואַלד, ביים אַריינגאַנג צום שטעטל. דער וועג האָט זיך געצויגן צווישן בוימער און איידער מיר זיינען אַוועק פון לאַגער, האָט אונדז אָנגעיאָגט אַ ווילדער פרילינג־שטורעם. מיר האָבן געפונען אַן אָפּדאַך אין דעם שפּאַלט פון אַ בוים. ציטערנדיק פון קעלט האָבן מיר זיך אַריינגעגאָרעט אין שויס פון דעם בוים. אַז עס האָט אויפגעהערט רעגענען, און מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג, האָט פרומע געזאָגט: איך האָב ניט מורא פאַרן שטורעם — איך שרעק זיך אָבער פאַר דער שטילקייט וואָס קומט פאַר אים און נאָך אים. איך האָב געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג: אויך נאָך אים? זי האָט געענטפערט: יאָ. ווייל אין צווישן ווייס מען קיין מאָל ניט ווען ער האָט אומגעבראַכט און ווען ער האָט געלאָזט ביים לעבן. איך האָב געלאַכט: נו פרומקע, אונדז האָט דער שטורעם על כל פנים דאָס מאָל געלאָזט ביים לעבן. און איך האָב צוגעגעבן: גיב מיר דיין האַנט, פרומקע, מיר זעגענען זיך דאָך. אמת, זעגענען זיך ניט אויף קיין לאַנגער צייט. מיר וועלן זיך דאָך אין גיכן זען אין ארץ־ישראל — אָבער פונדעסטוועגן איז עס דאָך אַ זיי־געזונט...

זי האָט געענטפערט מיט אַן אומעטיקער שטים: לאָמיר זיך זעגענען, נאָ דיר מיין האַנט, אָבער איך האָב דאָס געפיל, אַז מיר וועלן זיך שוין מער ניט זען; איך וועל ניט דערגרייכן קיין ארץ ישראל...

איך האָב זי געמוסרט: רעד ניט קיין נאַרישקייטן! און האָב גלייך צוגעגעבן אין אַ שפּאַסיקן טאָן: לאָמיר זיך וועטן פרומקע, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען. אויב דו וועסט קומען קיין ארץ־ישראל — וועסטו מיר דאַרפן געבן אַ גוטע שאַכטל שאָקאָלאַד, און אויב דו וועסט ניט קו־מען — — —

מיר זיינען צוגעקומען צו דער סטאַנציע. דער פייפנדיקער לאָקאָמאָ־טיוו איז שוין געשטאַנען אויף די רעלסן, און ווען דער קאָנדוקטאָר, וואָס האָט מיך מיט עטלעכע טעג פריער אַהין געבראַכט, האָט מיר דערזען, האָט ער אויסגעשריען אויפן קול:

— פאַן! פאַן! שנעלער. זעגנט זיך מיט אייער שוועסטער און שפרינגט אַרויף!

און איידער די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט, איז פרומקע געקו־מען צו פליען און מיר דורך דעם פענצטער אַריינגעשטעקט... אַ שאַכטל שאָקאָלאַד. דו האָסט מיך באַזיגט, האָט זי געזאָגט אומעטיק. איך הויב אָן צו גלויבן, אַז איך וועל קומען... זי האָט אומעטיק געשמייכלט, אַ פאַך געטאָן מיט דער האַנט און פאַרשוואונדן.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אויפגעבלאָזן אַ וואָלקן פון רויך, און דורך דעם נעפל, וואָס האָט איינגעהילט מיינע אויגן האָב איך געזען ווי פרומקע דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער אויפן וואַלד־שטעג, מיט אַ שנעלן ענערגישן טראָט.

זרובבל (עין־חרוד)

קאַטאַסטראָפע

...מיינע באַגעגענישן מיט פרומקען זיינען געווען צופעליקע און קורצע. ווען איך בין געקומען קיין פוילן האָט זי זיך געפונען אין דער חלוצישער סאַנאַטאָריע אין יאַזעפאָוו. מען האָט מיר דערציילט אַז זי שטייט אויפן שוועל פון עליה קיין ארץ ישראל. די באַשלוסן פון דער לאָדזשער באַראַטונג האָבן אָפּגעהאַלטן איר עליה. די צענטראַלע חברים אין דער באַוועגונג איז שווער געווען צו גלויבן, אַז די גרויסע מעשים, וואָס מען האָט דעמאָלט געפלאַנט, וועלן קאָנען דורכגעפירט ווערן אָן פרומקען.

די אַקטיווע מיטגלידער פון דעם צענטער פון פוילישן „החלוץ" זיינען צווישן זיך געווען פאַרבונדן דורך אַ טיפער פריינטשאַפט און חברשאַפט. דער שליח, וואָס איז געקומען פון ארץ־ישראל, האָט זיך

באַלד געפּילט ווי איינער פֿון דער דאָזיקער גרופּע; עס האָט דאָרטן געהערשט אַ וואַרעמע משפּחה־אַטמאָספֿערע. פֿרומקע האָט פֿיל בייגע־טראָגן צו שאַפֿן די דאָזיקע אַטמאָספֿערע. איך האָב געוואוסט, אַז זי האָט זיך שטאַרק מצער געווען וועגן דעם באַשלוס, אַז זי דאַרף אָפּלייגן איר עליה — אָבער דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז אין אַזאַ צייט טאָר פֿרומקע ניט פֿאַרלאָזן פּוילן.

סוף אויגוסט זיינען די שליחים און דער אַקטיוו אין איילעניש געררופֿן געוואָרן קיין וואַרשע. עס איז קלאָר געווען, אַז עס האַלט ביי אַ מלחמה. דאָס זיינען פֿאַר דער באַוועגונג געווען שווערע טעג. אָבער גלייך איז געקומען די אויפֿמונטערונג. די חברים פֿון צענטער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו באַזוכן די קיבוצים, כּדי זיי צוצוגרייטן פֿאַר די שווערע טעג. דעם ערשטן סעפּטעמבער האָט די אימה אַרומגעכאַפּט די גאַנצע פּוילישע ערד. מיט איין מאָל האָבן געפּלאַצט אַלע אילוזיעס. דעם זעקסטן סעפּטעמבער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די לעצטע זיצונג פֿון דעם „החלוץ״, וואָס האָט באַשלאָסן אַז די ארץ־ישראל שליחים מוזן גלייך פֿאַרלאָזן פּוילן.

חנהטשע איז דעם זעלבן טאָג געשיקט געוואָרן קיין לאָדזש. זי האָט זיך גלייך אַרויסגעלאָזט אין וועג, כאָטש די אייזנבאַן־פֿאַרבינדונגען זיינען שוין אָפּגעשטעלט געוואָרן. עס איז געווען אַ שטילער און צאַרטער אָפּ־שייד. מען האָט ווייניק גערעדט, אַ האַנט־דרוק, אַ בליק, אַ האַרץ־קלאַפּ, אַזוי האָבן מיר זיך אין יענעם שוידערלעכן פֿרימאָרגן געזעגנט מיט חנהטשען. עמיצער איז, דוכט זיך, געגאַנגען זי באַגלייטן צו דער אויטאָ־בוס־סטאַנציע.

פֿרומקע האָט געוואָלט איבערפֿאָרן אין קיבוץ גראָכאָוו, וואָס זיין סביבה איז מוראדיק באָמבאַרדירט געוואָרן. איך האָב זיך מיט איר באַ־געגענט אויף די טרעפֿ פֿון דער דירה פֿון דער קבוצה, דזשעלנאַ 34, וואו עס האָבן געוואוינט די שליחים פֿון ארץ־ישראל און די מיטגלידער פֿון פּוילישן „החלוץ״־צענטער. מיר האָבן זיך געזעגנט אין אַ געדריקטער שטימונג. זי האָט געזאָגט: איר האָט געמאַכט אַ טעות וואָס איר זייט פֿאַרבליבן אין פּוילן; ארץ־ישראל וועט אייך דאַרפֿן האָבן. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפֿן דעם פֿאָלגענדיקן טאָג. אָבער דער דאָזיקער מאָרגן האָט אונדז שוין אַלעמען געפֿונען וואַנדערנדיק איבער די באָמ־באַרדירטע פּוילישע וועגן.

נאָך דעם זיינען געקומען גורלדיקע טעג. פּוילן איז אין גאַנצן אָקו־פּירט געוואָרן, צעטראָטן געוואָרן, צעטיילט געוואָרן. עס איז אָרגאַניזירט

געוואָרן די חלוצישע אונטערערד; די באַוועגונג האָט ביסלעכווייז אָנגע־הויבן קומען צו זיך און זיך גרייטן פאַר מעשים.

האָב איך זיך ווידער באַגעגנט מיט פרומקען, איידער זי האָט זיך אַרויסגעלאָזן, אין דער שליחות פון דער באַוועגונג, אין דעם נאַצי־אָקו־פירטן געגנט. דאָס איז געווען אין פינסק, וואָס האָט זיך געפונען אין סאָוויעטישן טייל פון דער אָקופירטער פוילן. איך בין אַהין געשיקט גע־וואָרן ווידער אויפצושטעלן דעם פּאַלעסיער קיבוץ און צונויפזאַמלען די צעזייטע און צעשפּרייטע חלוצים אין דער דאָזיקער געגנט. פרומקע איז געקומען אַהיים זיך געזעגענען מיט די עלטערן. זי איז געווען אַ דער־שיטערטע פון דעם פאַלשן קלאַנג, וואָס האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט, אַז חנהטשע איז דערהרגעט געוואָרן דורך אַ באָמבע אין לאָדזש. איך האָב געוואוסט אַז בעת דער וואַנדערענדיקער צענטער פון „החלוץ" האָט אין קאָוועל (וואָס האָט זיך געפונען אין סאָוויעטישן געביט) פאַרהאַנדלט די פראַגע, צי ער זאָל שיקן שליחים אין די נאַצי־אָקופּירטע געביטן, האָט זיך פרומקע אויפגעשטעלט און זיך אָנגעבאָטן פאַר דער דאָזיקער שליחות. אין אַ שמועס האָט זי געזאָגט: חנהטשעס טויט איז פאַר מיר אַ פייער־צייכן, אַז איך זאָל אויף זיך נעמען די דאָזיקע אויפגאַבע; דאָס וועט זיין מיין ביישטייער פאַר ארץ־ישראל און פאַר די אַלע וואָס לעבן בלויז מיטן כוח פון דער בענקשאַפט אַהין.

עס איז אונדז פאַרבליבן ווינציק צייט צו שמועסן. מיר זיינען געווען פאַרטאָן אין די זאָרג פון דעם מאָמענט און פון קיבוץ. בעת אונדזער בשותפותדיקער אַרבעט האָב איך זיך איבערצייגט ווי גרויס עס איז געווען פרומקעס איינפלוס אויף די חברים. די מענטשן, געפּלעפּטע און פאַנישע פון די געשעענישן, האָבן אין אירע ווערטער געפונען דעם צויבער פון בטחון. זיי האָבן זיך איר ניט געקאָנט קעגנשטעלן. מיט אָט דעם כוח אירן איז אונדז געלונגען צו באַנייען אונדזער קיבוץ אין פינסק אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים. פרומקע האָט די חברים ניט פאַר־שפּראָכן קיין „נחת", זי האָט ניט געפּלעגט קיין פאַלשע האָפענונגען, אָבער אירע ווערטער האָבן שטענדיק געוועקט דאָס „פינטעלע חלוץ" אין האַרצן פון יעדן חבר.

איך האָב אין פינסק פאַרבראַכט בלויז עטלעכע טעג. בעת איך האָב זי באַגלייט צו דער באַן־סטאַנציע אויפן וועג צו דער דייטשער גרענעץ, זיינען איבער אונדזערע קעפּ פאַרבייגעפלויגן דייטשע באָמבערס. פרומקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך פאַרקוקט אויף די באָמבערס, און גע־זאָגט: ווען דער דאָזיקער משחית וואָלט מיך אַריבערגעטראָגן איבער די

ימים און געלאָזט וואַרפן כאַטש איין בליק אויף ארץ־ישראל — וואָלט איך, דוכט זיך, אים מוחל געווען אַלע שוידערלעכקייטן...

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט פרומקען.

אין ז׳ער נאַכט־פינצטערניש האָט זיך די באַן אַרויסגעלאָזט אין דער ריכטונג פון ביאַליסטאָק. זינט דעמאָלט האָב איך בלויז פון דער ווייטנס געהערט וועגן פרומקעס מעשים. איך האָב זי שוין מער ניט געזען. בעת מיר האָבן זיך געזעגנט אויפן פינסקער וואָקזאַל האָבן מיר נאָך געהאָפט, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען.

ביסלעכוויז האָט זיך אין די סאָוויעטיש־אָקופּירטע געגנטן איינגע־שטעלט אַ ברויזנדיקע אונטערערדישע באַוועגונג: שליחים אַהין און צו־ריק, גרענעץ־פאַרבינדונגען, דרוק־ענינים, אָפּקלאַנגען און קלאַנגען, טעג פון מורא, אַרעסטן און געפאַר פון גירוש. אַ קליינע גרופּע מענטשן פירן אַ שיף אָן אַ זעגל, וואָס איז הפקר פאַרן ווינט און דעם שטורעם. איינצלנע האָבן פון דאָס ניי אָנגעהויבן וועבן אַ גאָלדענעם געוועב פון חלומות און האָפנונגען — — —

פּלוצלונג איז קיין לעמבערג געקומען, אין שליחות פון דער באַ־וועגונג, — חנהטשע. דאָס זיינען געווען משוגענע טעג פון נאָוועמבער, 1939. פיל חברים זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טורמע. אַפילו די אַקטיוויסטן פון דער אונטערערד זיינען געוואָרן מוראדיק אַפּהענטיק. אויס מורא פאַר אַרעסטן האָבן מיר פונאַנדערגעלאָזן אונדזערע גרופּעס.

הערנדיק וועגן חנהטשעס קומען, האָבן חברים פון דער סביבה, אָנ־געהויבן זיך „דורכזיפן" קיין לעמבערג. מיר האָבן זיך געררוגזט און פּראָ־טעסטירט — אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. חברים אין סאָוויעטישן געביט פון פוילן זיינען געווען זייער נייגעריק צו וויסן וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט גרענעץ, אין דער נאַצי־אָקופּירטער פוילן. און אויסער דעם האָט געצויגן די געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט אַ מענטשן מיט אַ ברויזנדיקער נשמה. אַלע האָבן געקענט חנהטשען — און געוואוסט אַז פאַר יעדן איינעם האָט זי אַ באַזונדער וואָרט.

מיר האָבן אַלע געלעבט אונטערן דרוק פון אונטערערד־לעבן. אין אונדזער תמימות האָבן מיר געמיינט, אַז קיין שווערער לעבן קאָן גאָר ניט זיין. אָבער חנהטשע, וועלכע איז געקומען פון נאַצישן געביט, האָט גע־זאָגט: ווי אַזוי קאָן מען פאַרגלייכן אייער לעבן דאָ מיט דער אימה אויף יענער זייט גרענעץ? און ניט נאָר איז גרויס די אימה — נאָר ערגער איז די דערנידערונג און די באַליידיקונג: די געלע לאַטע, דער פאַרבאָט צו פאָרן אין טראַמוואַי, צו גיין אויפן טראָטואַר. דאָ — לעבן אידן ווי עס

איז, מען ווערט דאָ ניט דערנידעריקט. און כאָטש דאָ ליידט מען אויך פיל, ליידן דאָך אָבער אַלע, און ניט בלויז יידן, ווי יידן.

איך דערמאָן זיך, אַז אין יענער צייט זיינען מיר אָפט געגאַנגען אין דער סינעמאַ, צו קאָנצערטן — לוקסוסן פון וועלכע מיר האָבן זיך, איידער חנהטשע איז געקומען, אָפּגעזאָגט — אויס פאַרזיכטיקייט אָדער צוליב אונדזערע פאַרצווייפלטע שטימונגען. חנהטשעס באַזוך אין לעמבערג האָט אונדז אַלעמען אָפּגעפרישט און אויפגעמונטערט. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען צו קלאָגן וועגן אונדזערע ליידן. מיר האָבן אויפגעהערט צו קרעכצן. מיר האָבן זיך אויך אָנגעהויבן באַפרייען פון אונדזער אַפּאַטיע. מיר האָבן זיך ענערגיש גענומען צוגרייטן צו אונדזער ערשטן צוזאַמענפאָר אונטערן סאָוויעטישן רעזשים, וואָס האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין חודש דעצעמבער. אַ דאַנק חנהטשען האָבן מיר פיל שפּאַצירט אין דער אומגעגנט פון לעמבערג און זיך אָנגעזאָפּט מיט דער פּראַכט פון דער אַרומיקער נאַטור. חנהטשע איז דעמאָלט אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַן אויסערגעוויינלעכן דאָרשט נאָך לאַנדשאַפט, נאָך שפּאַצירן, נאָך וועלדלעך.

חנהטשע האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין ווילנע, צו דער ליטווישער גרענעץ, און פון דאָרטן צו באַנייען די פאַרבינדונגען מיט דער באַוועגונג אין דעם דייטשן געביט — און אַהין איבערפירן די לעצטע ידיעות וועגן ארץ־ישראל. מיר האָבן באַשלאָסן אַז מיר טאָרן ניט דערלאָזן אַז זי זאָל זיך ווייטער וואַלגערן אַרום די גרענעצן, און פאַרגעשלאָגן אַז אַן אַנדערער זאָל אויף איר פּלאַץ פאָרן קיין ווילנע. חנהטשע איז געפאָרן קיין פינסק, באַזוכן אירע עלטערן. איך בין אין יענער צייט אויך געפאָרן אין דער שליחות פון דער באַוועגונג, קיין פינסק. איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט צוויי טעג אין חנהטשעס געזעלשאַפט. מיר האָבן פיל שפּאַצירט איבער די גאַסן און פאַזע דעם ברעג טייך. די פאַנטאַזיע האָט אונדז געטראָגן העט־ווייט: אונדזערע שמועסן האָבן זיך געדרייט דער עיקר אַרום ארץ־ישראל. מיר האָבן ביידע געבענקט אַהין און ביידע האָבן מיר געהאַט שוואַכע האָפענונגען דאָרטן ווען עס איז צו דערגרייכן. איך בין געווען זיכער, אַז עס איז מיר באַשערט צו בלייבן אין דער פרעמד — און חנהטשען האָט געדראָאַט דער פאַרלוסט פון איר איינציקער לעבנס־האָפנונג. מיר זיינען געגאַנגען איבער די פינסקער געסלעך, און געהאָפט, אַז די דאָזיקע בייזע טעג זיינען בלויז אַ חלום, אַז אָט באַלד וועט נעמען אַ סוף צו מיין גלות און איך וועל זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל, אַהיים... חנהטשע האָט מיך, מיט אירע שמועסן, באַהעפט מיט ארץ־ישראל, ווי מיט אַ נאָענטער קאָנקרעטערווירקלעכקייט. האָט זי דערמיט געוואָלט לייכטער מאַכן מיין בענקשאַפט

נאָך דעם געגאַרטן ברעג? אָדער איז דאָס געווען בלויז דאָס טוליען זיך צו אַ האַפּנוגסלאָזן חלום? — — —

חנהטשע האָט מיך געבראַכט אין הויז פֿון אירע עלטערן. איר טאַטע: אַ הויכגעוויקסיקער ייד, אַן אויסגעוויקטער אין יידישקייט און חסידות, אַ לויטערע נשמה, איינער פֿון יענע יידן פֿון אַלטן דור וואָס זיינען פֿול מיט אמונה און ליבע, מיט דאַרשט נאָך אמת, מיט רחמים. שטענדיק וועט שטיין פֿאַר מיינע אויגן די רגע ווען חנהטשע האָט אירע עלטערן געלאָזט וויסן, אַז זי קלייבט זיך צוריק צו גיין אין נאַצישן טייל פֿון פוילן. פּלוצלונג איז שטיל געוואָרן אין שטוב. אַ וועלט איז צוזאַמענגעבראָכן און פֿאַרשטיינערט געוואָרן. מען האָט ניט געקענט באַמערקן די מינדסטע תּנועה אויף די פּנימער פֿון איר טאַטע־מאַמע, בעת זי האָט זיי אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה. און נאָך דער דאָזיקער רגע, מיט איר אימהדיקער שטומקייט, האָט דער פֿאָטער זיך אויסגעטשוכעט און צו איר געזאָגט: נו, טעכטערל, אויב דו פֿילסט, אַז דו דאַרפֿסט גיין, טאָ גיי, בעזרת השם.

אין אָט דער דאָזיקער רגע האָב איך פֿאַרשטאַנען דעם סוד פֿון דעם חלוצישן „גילוי" וואָס האָט געלעבט אין די נשמות פֿון די צוויי טעכ־טער פֿון דעם דאָזיקן חסיד.

...מיר זיינען צוריקגעפֿאָרן קיין לעמבערג, צו דער זיצונג פֿון „מרכז". פֿרומקע האָט די גאַנצע צייט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל שיקן מענטשן אין דעם דייטשן געביט. מיר זיינען דעמאָלט געווען באַלאָדן מיט אַרבעט און האָבן ניט געקאָנט באַפֿרייען די שליחים, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געפֿילט, אַז מיר האָבן אַ פֿליכט לגבי דער באַוועגונג אין דעם נאַצישען געביט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז חנהטשע זאָל זיך אַרויסלאָזן קיין וואַרשע. לעבאַן, וועלכער האָט אָרגאַני־זירט די פֿאַרבינדונגען מיט די גרענעץ־שמוגלער, האָט זיך אַרויסגע־לאָזן קיין פּשעמישל, דער גרענעץ־שטאָט, כּדי אויסצופֿאָרשן די מעגלעכ־קייטן אַריבערצופֿירן חנהטשען. דעם לעצטן אָוונט פֿאַר איר אָפּפֿאָרן האָבן מיר פֿאַרבראַכט צוזאַמען, מיר האָבן פֿיל געלאַכט און געשטיפֿט. מיר האָבן אין אונדזער תּמימות, געמיינט, אַז עס דערוואַרטן אונדז פֿיל באַגעגענישן... מיר האָבן זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז די פֿליגלען פֿון טויט פֿאָכען שוין איבער אונדזערע שליחים. מיר האָבן זיך לייכט געמאַכט די פֿאַרשידענע שליחותן, דאָס שמוגלען די גרענעצן, דאָס שטעלן אין געפֿאַר די לעבנס פֿון חברים. מיר האָבן חנהטשען באַגלייט צו דער סטאַנציע, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען די געוויינלעכסטע רייזע, זיך געזעגנט אויפֿן חשבון פֿון די פּירונגען פֿון דער מלוכה. עס זיינען אַוועק צוויי טעג נאָך איר אָפּפֿאָרן און מיר זיינען געווען זיכער, אַז חנהטשע איז אויף יענער זייט גרענעץ.

אין דער דריטער נאַכט, אַ ווינטיקע שטורעמדיקע נאַכט, האָבן מיר דערהערט אַ שטיל קלאַפּן אויפֿן פֿענצטער פֿון אונדזער דירה. מיר זיינען געוועזן איבערראַשט צו זען פֿאַר זיך חנהטשען. זי האָט אויסגעזען מיד און צובראָכן. מיר האָבן גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט דורכגעלעבט עפּעס מוראדיקס און פּיינלעכס. מיר האָבן ניט געהאַט די העזה זי אויסצופֿרעגן. אויף צומאָרגנס האָט זי אונדז דערציילט וואָס עס איז מיט איר געשען: אַלץ איז געגאַנגען ווי עס באַדאַרף זיין. דער שמוגלער, אַן אָרענטלעכער, תמימותדיקער גוי, האָט אַלץ צוגעגרייט מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכטיקייט, און צו דער באַשטימטער צייט, ביינאַכט, האָט זי געזאָלט אַריבערשווימען דאָס טייכל, כּדי צו דערגרייכן אויף יענער זייט גרענעץ. אָבער ווען אירע פֿיס זיינען שוין געשטאַנען אין דעם קאַלטן וואַסער, האָט איר גאַנצער קערפּער אַרומגענומען אַ שטעכיקע פּיינלעכע קעלט. זי האָט זיך דערשראָקן און געלאָזט גיין צוריק. פֿאַרטאָג האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין באַן, וואָס איז געגאַנגען קיין לעמבערג. זי האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זיין איר שוואַכקייט. נאָך דעם איז זי צווישן אונדז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַראומערטע, אַ פֿאַרזונקענע אין מחשבות. מיר האָבן ניט געוואוסט ווי אַזוי זי צו טרייסטן און אויפֿמונטערן. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז מיר שעמען זיך מיט איר שוואַכקייט, אַז זי רופֿט ביי אונדז אַרויס מיטלייד — און דאָס האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט באַשלאָסן אַז זי דאַרף מכפּר זיין פֿאַר איר שוואַכקייט. זי האָט געוואָלט מאַכן אַ צווייטן פּרווו. מיר האָבן ניט מסכּים געווען און באַשלאָסן, אַז חנהטשע זאָל פֿאַרבלייבן אין דעם סאָוויעטישן געביט. איך גלויב ניט, אַז אונדזער באַשלוס איז באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון דעם דערמאָנטן אינצידענט. אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָט חנהטשע זיך אַרויסגעלאָזט קיין ביאַליסטאָק כּדי איבערצוגעבן אַ חבר, וואָס האָט זיך געקליבן איבערצוגיין די גרענעץ, געוויסע מאַטעריאַלן און ידיעות פֿאַר פֿרומקען אין וואַרשע. זי האָט געזאָלט זיך צוריקקערן קיין לעמבערג. נאָך דעם ווי זי האָט דורכגעפֿירט די דאָזיקע שליחות. אָבער זי איז שוין פֿון ביאַליסטאָק ניט צוריקגעקומען. נאָך דעם האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז חנהטשע איז אַריבער די גרענעץ און האָט זיך געלאָזן קיין וואַרשע.

חנהטשעס פּלוצלונגדיק פֿאַרשווינדן, אָן אַ זיי־געזונט און זיך ניט באַראָטנדיק מיט אונדז, האָט פֿאַרשאַרפֿט די געשפּאַנטקייט און נערוועזיטעט. עס איז אויפֿגעטרייסלט געוואָרן די זעלישע סטאַביליטעט פֿון די חברים. עטלעכע טעג שפּעטער איז אויסגעבראָכן די באַרימטע קריגעריי צווישן אונדזערע חברים אַדעק און יצחק צוקערמאַן וועגן דעם, ווער עס האָט דאָס רעכט זיך צו לאָזן קיין וואַרשע. יצחק האָט געטענהט, אַז דאָס

„רעכט" געהערט אים, און אַדעק האָט עס „געפֿאָדערט" פֿאַר זיך. באַלד נאָך דעם איז געקומען צביה מיט דער פֿאָדערונג, אַז מען זאָל זי שיקן אין דער נאַצי־אָקופּירטער פּוילן.

זינט יענער צייט זיינען פֿרומקע און דער גורל פֿון דער באַוועגונג אויף יענער זייט גרענעץ געשטעלט געוואָרן אין דעם צענטער פֿון די אויפֿמערקזאַמקייט און זאָרג. עס האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען ביז צביה, יצחק צוקערמאַן און לעבאַן האָבן זיך געפֿונען אויף יענער זייט פֿון דער באַריקאַדע.

י ו ד ק ע (גבת)

די לעצטע טעג

עס איז געווען אין יוני 1942, בעת מען האָט אָנגעהויבן דעפּאָרטירן יידן פֿון וואַרשע אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג". דער צענטער פֿון דעם „החלוץ" וואָס האָט פֿאַראויסגעזען אין זיין גאַנצער אימה דעם זיך דער־נעענטערדיקן אומגליק, האָט באַשלאָסן צו ליקווידירן זיין לעצטן הכשרה־פּונקט, די פֿערמע אין גראָכאָוו, און קאָנצענטרירן זיינע מענטשן אין אַ קבוצה אין וואַרשע. חנהטשע, וועלכע האָט זיך אויך געפֿונען אין גראָכאָוו, איז דורך דעם צענטער געשיקט געוואָרן קיין בענדין. נאָך פֿיל געפֿערלעכע דערפֿאַרונגען איז חנהטשע אָנגעקומען צו אונדז, אין בענדין.

מיט איר קומען האָט זיך פֿאַר אונדזער גרופּע אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. חנהטשע האָט דערציילט וועגן די שרעקלעכע איבערלעבונגען אין די לעצטע טעג פֿון דער הכשרה פֿערמע גראָכאָוו. זי האָט דערציילט וועגן הונגער און נגישות; וועגן מאָלצייטן פֿון געקאָכטן גראָז, צעפּוילטע קרויט־בלעטער און שאָלעכץ פֿון קאַרטאָפֿל. אין אַ הומאָריסטישן טאָן האָט זי דערציילט ווי אַזוי זי פֿלעגט אָפּנאַרן די דייטשן און צופֿוס דורכגיין דעם לאַנגן וועג פֿון גראָכאָוו קיין וואַרשע, פֿאַרשטעלט ווי אַ גויע. בעת מיר די בענדינער, פֿלעגן זיך אָנהויבן באַקלאָגן וועגן אונדזער שווערער לאַגע, פֿלעגט זי לייכט שפּאָטן איבער אונדזערע קרעכצן און אונדז טרייסטן, מיט אַ צאַרטן שמייכל אויף איר שיינעם פּנים: אין גראָכאָוו זיינען געווען פֿיל ערגערע באַדינגונגען, און דאָך זיינען מיר געבליבן לעבן...

די לאַגע איז געוואָרן ערנסטער פֿון טאָג צו טאָג. דער הונגער איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט אין שטוב. עס האָבן זיך פֿאַרמערט די קראַנקהייטן, קיין מעדיקאַמענטן זיינען ניט געווען און דער טויט האָט געשניטן זיינע קרבנות.

אָבער חנהטשע האָט אַפֿילו אין די דאָזיקע ביטערע טעג ניט פֿאַר־לאָרן איר גוטע שטימונג. זי האָט אונדז כסדר אויפֿגעמונטערט: נאָר ניט

פֿאַרלירן דעם שׂכל, חברה — פֿלעגט זי האַלטן אין איין איבערחזרן. זי האָט געקענט אַלע חברים פֿון קיבוץ, האָט אין יעדן איינעם געפֿונען עפּעס אייגנאַרטיקעס, האָט אַנגעוויזן אויף דאָס גוטע אין אונדזער לעבן און מוטיק באַקעמפֿט דאָס נעגאַטיווע. זי האָט ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן אָפּשטעלן די קולטור־אַרבעט אין דעם בענדינער „סניף". נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פֿלעגט זי צונויפֿזאַמלען די חברים פֿון דער באַוועגונג אויף אַ „שיחה" (שמועס), און ווען זי האָט גערעדט וועגן ווייטן לאַנד, וועגן דעם קיבוץ און זיינע ישובֿים, האָט איר פּנים געשטראַלט.

די ליידן אַרום איר, די הריגה פֿון צענדליקער טויזנטער, האָבן גע־לאָזט שפּורן אויך אויף חנהטשען. אָבער זי האָט זיך פֿעסט געהאַלטן. זי האָט כּסדר אויפֿגעפֿאָדערט די חברים זיך צו גרייטן צום קאַמף, צו דער „הגנה". זי איז געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן לער־נען צו באַנוצן מיט וואָפֿן. זי איז געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט די חברים אין דער סבֿיבֿה און אין וואַרשע — מיט איר שוועסטער פֿרומקע.

דעצעמבער 1942 איז פֿרומקע אויך געקומען צו אונדז, אין בענדין. דער צענטער פֿון וואַרשע האָט זי אינסטרואירט זיך אַרויסצולאָזן קיין אויבער־שלעזיע כּדי פֿון דאָרטן צו זוכן אַ וועג קיין סלאָוואַקיע און אויסלאַנד. פֿרומקע איז דורכגעגאַנגען אַלע מדורי־גיהנום אין ביאַליסטאָק, ווילנע, לעמבערג, וואַרשע. פֿאַרשטעלט ווי אַ קריסטין, איז זי געגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט און קהילה צו קהילה, אין אירע אויערן האָבן געקלונ־גען די ווײ־געשרייען פֿון דעם געקוילעטן פּוילישן יידנטום. עס איז איר געגעבן געוואָרן די אויפֿגאַבע צו זוכן אַן אַנטרינונגס־פּלאַץ און זיין דער שליח פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיך געבאָדן אין זיין בלוט. אָבער דער גורל האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש.

פֿרומקע איז געקומען קיין בענדין אַן אויסגעמאַטערטע און צעבראָ־כענע. אָבער דער טאָג וואָס זי איז געקומען קיין בענדין איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין לעבן פֿון די צוויי שוועסטער. איך געדענק ווי זיי ביידע זיינען געזעסן און שעה'ן־לאַנג דערציילט וועגן זייערע איבערלע־בונגען, וועגן אַלץ וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט.

דער צענטער אין וואַרשע האָט פֿרומקען געשיקט קיין בענדין צו געפֿינען אַ וועג קיין ארץ־ישׂראל. חנהטשע האָט זי דערמוטיקט וואָס שנעלער דורכצופֿירן איר שליחות. אָבער פֿרומקע האָט ניט געוואָלט הערן אירע בקשות: זי האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין פּוילן. פֿון וואַרשע זיינען אויך כּסדר געגאַנגען בריוו, וואָס האָט געפֿאָדערט, אַז זי זאָל זיך גלייך אַרויסלאָזן אין וועג. אָבער פֿרומקע האָט אַנטזאָגט זיך צו ראַטעווען,

בעת אירע ברידער זיינען געפֿאַלן פֿאַר אירע אויגן. מען האָט איר אָנ־געבאָטן דאָקומענטן פֿון אַ נייטראַל לאַנד. אָבער זי איז געבליבן פֿעסט ביי איר באַשלוס...

איך דערמאָן זיך די אָפּטע פֿאַרזאַמלונגען וואָס פֿרומקע האָט פֿאַר־רופֿן אין קיבוץ. זי האָט פֿון יעדן פֿון אירע חברים געפֿאָדערט אין זאַך: זעלבסטשוץ, ניט שטאַרבן ווי פּי וואָס ווערן געפֿירט צו דער הריגה.

פֿרומקע הויבט ביסלעכווייז אָן צו קומען צו זיך. זי טראָגט די זאָרג פֿון קיבוץ. זי נעמט אויף זיך פֿאַרשידענע וויכטיקע און פֿאַראַנטוואָרט־לעכע אויפֿגאַבן אין שטאָט. דער טאָג איז פֿאַר איר צו קורץ — און די נאַכט איז איר אויך ניט גענוג. פֿאַרטאָג פֿאַרשווינדט זי און קומט צוריק שפּעט נאָך מיטן נאַכט. זי דערציילט ווינציק וועגן דעם וואָס זי האָט געטאָן. אָבער אַלע ווייסן: זי העלפֿט די פֿאַרשפּאַרטע אין געטאָ, זי זוכט וועגן ווי זיך צו פֿאַרבינדן מיט אויסלאַנד, זי פֿרייט זיך ווי אַ קינד מיט יע־דער בשורה און איז מיט איר פֿרייד און גלויבן אויך משפּיע אויף אונדז.

יעדער איינער אין שטאָט קען זי. אַלע האָבן זי ליב און זיינען איר אומענדלעך דאַנקבאַר. "די מאַמע" — אַזוי האָבן די מאַסן איר אַ נאָמען געגעבן. זי מאַכט לייכטער די יסורים מיט אַ טרייסט־וואָרט, מיט איר האַרציקייט, מיט אַ גוטער עצה; זי לאָזט ניט רוען דעם "יודען־ראַט", וואָס געפֿינט זיך אין די הענט פֿון דעם אָקופּאַנט, און אַמאָל געלינגט איר בטל צו מאַכן אַ גזירה.

יעדע רגע איז געהייליקט דעם מיטמענטשן. ניט איין מענטש האָט זי געראַטעוועט פֿון די נעגל פֿון טויט.

אָבער די לאַגע ווערט ערגער פֿון טאָג צו טאָג. חנהטשע, וואָס האָט די יסורים איבערגעטראָגן מיט אַזאַ גבורה, ווערט קראַנק. קאַשמאַרן פּייניקן זי טאָג און נאַכט. זיך וואַרפֿנדיק אין היץ, גייען דורך פֿאַר אירע אויגן אַלע אימה־בילדער, וואָס זי האָט געזען אין גראַכאָוו און אויפֿן וועג פֿון וואַרשע קיין בענדין.

אין קיבוץ הערשט דער הונגער. און נאָך איידער חנהטשע ווערט אין גאַנצן געזונט, מוז זי זיך שטעלן מיט וואַקלדיקע פֿיס ביים קעסל וועש. קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען.

אין מערץ 1943 שרייבט צביה צו פֿרומקען, אַז חנהטשע מוז קומען קיין וואַרשע: עס איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט זי איינשליסן אין אַ גרופּע אויסלענדישע בירגער, וואָס וועלן געשיקט ווערן אין אַ לאַגער פֿאַר געפֿאַנגענע.

חנטשע וויל ניט הערן וועגן ראַטעווען איר לעבן. אָבער מיר אַלע האָבן זיך ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל פֿאָרן. דער עיקר איז אויף דעם באַשטאַנען פֿרומקע. קעגן איר שוועסטערס פֿאָדערונג האָט זיך חנהטשע ניט געקאָנט שטעלן; זי האָט ניט געוואָלט זי מצער זיין. אין אַ טרויעריקער שטימונג האָט זי אָנגעהויבן צוגרייטן איר רענצל, נאָך דעם ווי זי האָט זיך צוגעפּאַסט קליידער, וואָס זאָלן איר געבן דעם אויסזען פֿון אַן „אַריערין". זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט קיין וואַרשע — און ס'איז איר געלונגען דאָרטן צו דערגרייכן. ווען מיר האָבן באַקומען פֿון איר דעם ערשטן בריוו, איז פֿרומקע געווען אַ גליקלעכע — אין עטלעכע טעג אַרום וועט די גרופּע אָפּפֿאָרן אין לאַגער פֿון די געפֿאַנגענע. חנהטשע וועט גע־ראַטעוועט ווערן!

אָבער עס איז אַזוי ניט געשען. עס איז געקומען דער אויפֿשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. חנהטשע האָט באַשלאָסן זיך אומצוקערן אין בענדין און העלפֿן אָרגאַניזירן די דאָרטיקע זעלבסטשוץ. אויב עס איז באַשערט צו פֿאַלן אין קאַמף — וויל זי שטאַרבן צוזאַמען מיט איר שוועסטער און די חברים פֿון איר קבוצה.

פֿאַרטאָג שלייכט זיך חנהטשע דורך די געסלעך פֿון געטאָ, אין דער ריכטונג פֿון דער שטאָט, פֿון דער באַן־סטאַנציע. צוויי חברים באַגלייטן זי. יעדע רגע איז טייער. יעדער טראָט — פֿירט נענטער צום ציל. אָט ליגט שוין הינטער זיי די גרענעץ פֿון דער רעבעלירנדיקער געטאָ. דער שווערסטער טייל פֿון וועג איז שוין הינטער זיי... אָבער פּלוצלונג דערהערן זיי אַן אכזריותדיקע שטים: „האַלט!" — די צוויי בחורים ציען אַרויס די רעוואָלווערן און שיסן. די צוויי דייטשן וואָס שטייען אויף דער וואַך פֿאַלן אויף דער ערד. חנהטשע און די חברים לויפֿן מיט די לעצטע כּוחות. איינער פֿון זיי פֿאַלט. דער צווייטער חבר — אַנטלויפֿט.

די רוצחים לויפֿן אַריין אין אַ הויף און כאַפּן דאָס מיידל. זיי שלעפּן זי צו אַ וואַנט און שטעלן אויף איר אַן די מאַשין־ביקסן. זי שטייט און קוקט אַן אומבאַוועגלעכע דעם טויט אין פּנים. די מערדער־קויל רייסט דורך איר האַרץ.

מערץ 1943 באַקומט פֿרומקע ידיעות וועגן דער פֿאַרניכטונג פֿון דעם וואַרשעווער יידנטום. עס דערגרייכן אונדז די ערשטע אָפּקלאַנגען פֿון די געטאָ־קאַמפֿן און דעם טויט פֿון אונדזערע מערסטע חברים. וועגן חנהטשען האָבן די ידעות גאָרניט דערמאָנט. מיר אַלע האָבן שוין אָבער געוואוסט דעם אמת, אָבער מיר האָבן וועגן דעם פֿרומקען ניט דערציילט.

מיר זיינען געווען דערדריקטע. פֿרומקעס פּנים איז שוואַרץ געוועז. זי האָט פֿון מויל ניט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט. פּלוצלונג פּלעגט זי אויסברעכן אין אַ האַרצרייסנדיקן געוויין.

אַז עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז צביה, איז געבליבן לעבן, האָט עס זי אַביסל אויפֿגעמונטערט. אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט. זי האָט זיך דערוואוסט וועגן חנהטשעס טויט. מיר האָבן זי פּרובירט טרייסטן. זי האָט זיך געשלאָגן מיט דער פֿויסט איבער דער ברוסט און געשריגן, אַז זי טראָגט די שולד פֿאַרן טויט פֿון איר קליינער שוועסטער. זי האָט דאָך זי געשיקט קיין וואַרשע.

אָבער דער מענטש איז געמאַכט פֿון אייזן — די יסורים פֿאַרהאַר־טעוועז אים. זי איז ווידער געקומען צו זיך פֿון די שווערע קלעפּ. איין געדאַנק האָט זי דורכגעדרונגען: נקמה! מען דאַרף זיך גרייטן צו זעלבסטשוץ. דער וואָס איז פּעאיק צו קעמפֿן זאָל ניט וואָגן צו זוכן זיך ראַטעווען!

זי האָט געוואָלט אונדז אַלעמען זען גרייטע צו שטאַרבן אין קאַמף פֿאַר אונדזער כּבוד. זי האָט געליטן פֿון יעדן סימן פֿון שוואַכקייט אָדער פּחדנות. זי האָט געצאַרנט אויף דער יידישער פּאָליציי און עטלעכע פֿירער פֿון דער קהילה, וואָס האָבן געטאָן אַלץ כּדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לייב. און איין טאָג האָט זי אונדז געזאָגט: די מענטשן זיינען ניט קיין מענטשן און דאָס לעבן איז ניט קיין לעבן. ס׳איז ניט כּדאַי צו לעבן. די זעלבסטשוץ איז דער איינציקער, דערלייזנדיקער אויסוועג.

ס׳הויבן זיך אָן פֿיבערדיקע הכנות צום קאַמף. אין יענע טעג איז פֿאַר אונדז געווען איין גוטע בשורה: יידן שטאַרבן אַ העלדישן טויט. פֿרומקע דערמוטיקט די חברים צום קאַמף, דורך אויסטערלישע וועגן באַקומט זי געלט אויף איינצוקויפֿן געווער פֿאַר דער „הגנה״.

די ידיעות פֿון שטאָט ווערן ערגער פֿון טאָג צו טאָג. די צאָל חברים אין אונדזער קיבוץ ווערט אַלץ קלענער און קלענער: אַ טייל זיינען געכאַפּט געוואָרן און זיי ווערן פֿאַרשיקט קיין אָשוויענטשים, אַ טייל פֿאַלן אַריין דורך דעם פֿאַרראַט פֿון אַ גוי, אין די הענט פֿון די מערדער, בעת זיי געפֿינען זיך אויפֿן וועג צו די פּאַרטיזאַנען. דער גורל איז פֿאַר־זיגלט געוואָרן. פֿרומקע ווייס, אַז מיר שטייען פֿאַר אונדזערע לעצטע טעג. זי רופֿט די חברים צו קעמפֿן ביזן סוף...

ר ע נ י א ק.

פֿון די בריוו פֿון פֿרומקע פּלאָטניצקי

וואַרשע, 27־טן פֿעברואַר, 1940.

טייערער אַ—ר!

איך וואוין איצט צוזאַמען מיט דער משפּחה פֿון לאה.[1] זיי האָבן נאָך ניט פֿאַרלאָזן די דירה אויף דער זשעליקאָווסקי גאַס.[2] אָבער די גאַנצע משפּחה געפֿינט זיך שוין ביי מיר.[3] ס׳איז מיר ניט טרויעריק דאָ צוזאַמען מיט יוסף־לאה.[4] אונדזער ליבע צביה האָט מיר ניט פֿאַרלאָזן. זי פֿאַרטרעט דעם פּלאַץ פֿון פּ.[5] מיט גרויס דערפֿאָלג.

איך באַמי זיך אויפֿצושטעלן פֿון דאָס ניי דאָס הויז אין גראָכאָוו, אָבער איך ווייס ניט, צי עס וועט מיר געלינגען.

וועגן זיך האָב איך ווינציק וואָס צו שרייבן. איך אַרבעט מיט „נוער"[6] צוזאַמען מיט מאַנעק ריינגעווירץ און בערל ברוידע[7]. אַ סך אַרבעט האָב איך ניט, אָבער דאָס איז בעסער פֿון זיין אין גאַנצן אַרבעטסלאָז.

איך דערוואַרט דעם נאָענטן באַזוך פֿון אָנגענעמע געסט: עס דאַרפֿן אָהער קומען „מחנות" און „עבודה".[8] וואַרשיינלעך וועלן זיי קומען אין פֿרילינג.

חנהטשע געפֿינט זיך נעבן מיר. זי בענקט שטאַרק צום עמק. אונדזער פֿעטער שפּרינגער[9] געפֿינט זיך מיט זיין משפּחה אין בענדין. פֿאַרלויפֿיק האָט ער אַרבעט.

האַרציקע גרוסן פֿון „מאיום ונורא".[10] ער פֿילט זיך גוט.

גריסן פֿאַר אַלע. זיי געזונט,

דיין פֿרומקע.

פּ.ס. ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף צביהן. זי פּייניקט זיך צוזאַמען מיט דער גרויסער משפּחה. אויף וויפֿיל דו קענסט איר העלפֿן — טו עס פֿאַר איר.

* * *

וואַרשע, 6־טן אָקטאָבער, 1941.

צו די חברים אין אַמעריקע!

איך קום איצט צוריק פֿון אויבער־שלעזיע, וואו כ׳האָב פֿאַרבראַכט

---

1 לאה פּערלשטיין, סעקרעטאַרין פֿון קיבוץ לאָדזש, וואָס איז געפֿאַלן אין וואַרשע.

2 אין לאָדזש.

3 אין וואַרשע.

4 מענטשן פֿון קיבוץ לאָדזש.

5 מזכּירות פֿון מרכּז „החלוץ".

6 אָרגאַניזירט די יוגנט.

7 חברים פֿון קיבוץ לאָדזש, געפֿאַלן ביי די קאַמפֿן אין וואַרשע.

8 אַרבעטס־לאַגערן פֿון די נאַציס.

9 הערשל שפּרינגער, סעקרעטאַר פֿון קיבוץ בענדין, געפֿאַלן אין בענדין.

10 מוראדיק און שרעקלעך.

עטלעכע חדשים. כ׳מוז אייך זאָגן, אַז איך האָב געשעפּט נחת פון אונדזער קיבוץ. ער איז דער איינציקער, וואו ס׳זיינען געבליבן אין אים איבער הונדערט חברים. זייער מאַטעריעלע לאַגע איז בעסער ווי אין וואַרשע. אַלע אַרבעטן און פאַרדינען אויף ברויט. די קינדער פון דער יוגנט [1] זיינען אויסגעוואַקסן און געוואָרן שטאַרק און שיין. צום אָפּשלוס פון דער פּגישה איז פאָרגעקומען אַ ראַיאָן־סעמינאַר. אַ דאַנק אונדז זיינען אויך טעטיק אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אין זומער האָבן אונדזערע חברים געאַרבעט ביי לאַנדווירטשאַפט, איצט איז זייער לאַגע געוואָרן פאַרערגערט. אָבער דאָס איז ניט גלייך צו דער לאַגע אין גענעראַל גאָווערנמענט. דאָ פיניקן זיך די חברים מוראדיק און איר רעדט נאָך וועגן אייער גרייטקייט צו העלפן. איך וואָלט אייך געראָטן שרייבן אַביסל ווינציקער און שיקן כאָטש איין מאָל הילף. ענטשולדיקט פאַרן דאַזיקן טאָן אין מיינע רייד, אָבער איך קאָן ניט צוקוקן ווי צביה אַרבעט איבער אירע כוחות.

פרומקע.

* * *

טשענסטאָכאָוו, דעם 5־טן יוני, 1942.

צו אַ חבר אין ארץ־ישראל!

כ׳האָב דיר שוין לאַנג ניט געשריבן; כ׳בין געווען ווייט פון דער היים, און איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט דיר צו שרייבן: אין משך פון עטלעכע חדשים האָב איך באַזוכט מיין משפחה אין ווילנע. איר לאַגע איז אַ גוטע.[2] אַ באַזונדער גרוס פון פאָלקשטענדיקער פאַרניכטונג; זי פילט זיך זייער גוט. איך באַדויער, וואָס איך קאָן דיר ניט שרייבן וואָס עס דאַרף „הכשרה״, און „עבודה״. כ׳בין געווען ביי די מענטשן פון ביאַליסטאָק און געהאַט דאָרט אַביסל נחת. די קינדער אַנטוויקלען זיך. אַ שאָד, וואָס זיי האָבן נישט קיין איינגעאָרדנטע הויז־באַדינגונגען. איך וואָלט דאָרט געקאָנט בלייבן נאָך אַ שטיקל צייט. אַרבעט איז דאָ אַ סך, אָבער כ׳האָב געבענקט צו צביהן און איר משפחה — כ׳האָב געוואוסט, אַז די לעבנס־תּנאים פון איר מיט אירע קינדער זיינען זייער שווערע און זי דאַרף האָבן הילף. שטעל זיך פאָר, אַז כ׳האָב איר נישט דערקענט, אַזוי האָט זיך געענדערט איר לאַגע... איצט געפין איך זיך ביי רבקה ג. ביי וועלכער איך וועל בלייבן עטלעכע טעג. אויך זי וועט דיר שרייבן. זי וויל באַקומען

[1] די קינדער פון „עלית הנוער״, וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

[2] מען מיינט פאַרקערט: אַ שלעכטע.

שפּיז־פּעקלעך... גריס געוועלבער, בנדורי און זיין משפּחה און זאָג זיי אַז איך בין געזונט און וויל וויסן וואָס עס הערט זיך ביי זיי. איך באַדויער וואָס זיי האָבן ניט קיין אַנונג פון אונדזער לעבן דאָ.

פרומקע.

* * *

דרום־מערב פּוילן, דעם 25־טן יאַנואַר, 1943.

צו יוסף:

אַ גרויסן דאַנק דיר פאַר די ליבע גרוסן. איך וואונדער זיך, וואָס כ'האָב שוין פון דיר אַ לאַנגע צייט ניט באַקומען קיין ידיעות. בעת שרייבן זיצט ביי מיר ג.[1] און מיר פּלאַפּלען וועגן אונדזערע בשותּפותדיקע פריינט. ער האָט פאַרלאָזן צביהן און ער באַזוכט מיר זייער אָפט. מיר האָבן דרינגענדע ידיעות פון איר — צוליב פּרינציפּיעלע מאָטיוון טראַכט זי ניט וועגן פאַרבינדן זיך מיט אברהמלען,[2] זיכער וועט זי איבערגיין וואוינען אין ברייטן הויז פון רופין.[3] דאָס הויז איז גרויס און די גאַנצע משפּחה וועט קאָנען דאָרט וואוינען. צ. צווינגט מיר חתונה האָבן צו האָבן מיט אידעלסאָנען,[4] אָבער דו ווייסט פאַרשטיין, אַז דאָס איז אָפּהענגיק פון דיין הסכּמה, און כ'בעט דיר מיר מיטצוטיילן, ווי אַמשנעלסטן, ווי האַלסטו אין דער פראַגע. אויך טאָשע דאַרף חתונה האָבן מיט איר אַלטן פריינט „עליה", אָבער עס שטערן איר געוויסע שוועריקייטן.

פרומקע.

* * *

דרום־מערב פּוילן, 13־טן פעברואַר, 1943.

צו יוסף,

דיין קאַרטל פון 4־טן פעברואַר, האָב איך דערהאַלטן מיט דאַנק. איך האָב זיך זייער געפרייט צו באַקומען פון דיר בריוו נאָך אַזאַ לאַנגן איבעררייס. מיט צביהן האָב איך זיך שוין ניט באַגעגענט אַ לאַנגע צייט; זי שרייבט מיר פון צייט צו צייט. זי וואוינט נעבן מותצקי,[5] און איר לאַגע איז אַ גוטע. זי וויל שטאַרק אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט „עליה". איך האָב ניט דאַגעגן, אָבער דו ווייסט דאָך אַז איך בין ניט רייך און נאָר די משפּחה ס.[6] קאָן מיר העלפן; איך מיין אַז זי וועט עס טאָן.

פרומקע.

---

[1] אַ חבר פון וואַרשע.
[2] אַ חבר אין א"י: דאָס הייסט זיך ראַטעווען.
[3] אין הויז פון טויט.
[4] פאַרלאָזן פּוילן און פאָרן קיין ארץ־ישראל.
[5] מות — טויט.
[6] סערטיפיקאַט.

דרום־מערב פוילן, דעם 16־טן אַפּריל, 1943.

צו יוסף,

כ׳האָב געלייענט דיין בריוו צו ש. און האָב גלייך געשריבן צו צביהן און טאָסיען. איך בין ניט זיכער, אַז זיי וועלן דערפֿילן דיין ביטע,[1] ווייל זיי זיינען צו באַלאַסטעט מיט אַרבעט, זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע זאַכן. אין מאָמענט ווען איך וועל באַקומען אַן ענטפֿער — וועל איך דיר מודיע זיין.

פֿרומקע.

* * *

דרום־מערב פוילן, 25־טן אַפּריל, 1943.

צו יוסף,

ביי דער געלעגנהייט האָב איך דיר געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער. אין מיין ספּעציעלן בריוו האָב איך דיר שוין געשריבן גענוי, אָבער כּדי צו מאַכן נאָך זיכערער וועל איך נאָך אַמאָל איבערחזרן מיינע רייד: נאָך אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס זיינען י. און טאָסיע אַריבער וואוינען צו ברענערן.[2] דו קאָנסט זיך משער זיין אונדזער ווייטיק.

פֿרומקע.

* * *

דרום־מערב פוילן, דעם 18־טן מאַי, 1943.

צו יוסף,

קרביץ[3] האָט זיך שוין צושיידט מיט צביהן און ווען איך וועל וויסן גענויערע פּרטים וועל איך דיר מודיע זיין — זייט ניט פֿאַרזאָרגט אויב איך וועל ניט שרייבן קיין סך אין די נאָענסטע טעג — —שרייבט ניט וואַרטנדיק אויף בריוו פֿון מיר.

פֿרומקע

* * *

דרום־מערב פוילן, דעם 17־טן יולי, 1943.

צו... און צו אַלע חברים איבעראַל:

טייערע חברים!

נאָך אַ לאַנגער דערוואַרטונג האָבן מיר קוים היינט באַקומען מיט אַ ציטערניש פֿון שטאַרקער פֿרייד, אייער בריוו דורך דער פֿאַרמיטלונג

---

[1] אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּרואוו זיי צו ראַטעווען.

[2] געהרגעט געוואָרן.

[3] קרב — שלאַכט.

פון ח... צום באַדויערן איז ער געקומען צו שפּעט... טעג און יאָרן האָבן מיר געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט צו דערציילן אייך וועגן אונדזער לעבן און קאַמף. אַנדערטהאַלבן יאָר נאָכן אויסברוך פון קריג האָבן מיר געעפנט אַ גרויסע נעץ פון הכשרה. מיר האָבן געהאַט שטאַרקע יוגנט־באַוועגונגען, שענער און פעסטער ווי אין די פרידנס־צייטן. אָבער מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, איז צו אונדזער באַדויערן איבערגעריסן געוואָרן יעדע רעגולערע טעטיקייט. נאָך דער תקופה פון אָרגאַניזירן די געטאָס האָט זיך אָנגעהויבן די סיסטעמאַטישע אויסראָטונגס־טעטיקייט. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין וואַרטעגאַו (אין די ראַיאָנען פון לאָדזש און פויזן). בערך 80,000 יידן זיינען דאָרט פאַרסמט געוואָרן מיט גאַז. (אויפן אָפיציעלן לשון האָט מען עס גערופן „אויס־זידלונג"). אין לאָדזש גופא איז געבליבן אַ קליינער אָפּגעשלאָסענער יידישער קיבוץ פון 40,000 מאַן, וואָס גייט אויס פון הונגער. מיר האָבן איצט ניט קיין ידיעות פון דאָרט. דער פּלאַץ פון פאַרניכטונג הייסט כעלמנאָ. דערנאָך איז געקומען די תקופה פון דער אויסראָטונג פון די יידן פון ליטע. זיי זיינען פאַרניכטעט געוואָרן דורך שיסן אין פּאָנאַרי. אין ווילנע, קאָוונע און שאַוול זיינען געבליבן 20,000 יידן. לעצטנס האָבן מיר ניט קיין ידיעות פון דאָרט. עס זעט אויס, אַז ליטע איז יידנריין"...

מיר האָבן געמאַכט הכנות צו פאַרטיידיקונג, צו אונדזער באַדויערן אָן דערפאָלג. אויפן שטח פון „גאָווערנאַמענט" (וואַרשע, לובלין, טשענסטאָכאָווע, קראָקע און אומגעגענט) זיינען נישטאָ מער קיין יידן. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער פאַרניכטונג מיט דאַמף אין טרעבלינקע, ביי מאַלקין. דאָס איז דער באַרימטער פאַרניכטונגס־פּלאַץ ניט נאָר פאַר די יידן פון פּוילן, נאָר אויך פאַר די יידן פון האָלאַנד, בעלגיע א. אַ. וו.

אַ שיין קאַפּיטל אין אונדזער קאַמף איז געווען — וואַרשע. מיר האָבן אָרגאַניזירט די הגנה. מוראדיקע שלאַכטן זיינען פאָרגעקומען אין געטאָ. צו אונדזער באַדויערן זיינען נאָר געפאַלן עטלעכע הונדערט פון שונא (800 בערך). דער רעזולטאַט איז געווען: אַלע יידן זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און די געטאָ איז צעשטערט געוואָרן, ס'זאָל נישט בלייבן פון איר קיין זכר. אין „גאָווערנאַמענט" איז שוין נישטאָ מער קיין יידישער ישוב אויסער די צוואַנגס־לאַגערן (אין טראַווניק, פּאָניאַטאָוו ביי וואַרשע און פּראָקאָטשין ביי קראָקע). אין זיי זיינען דאָ 30,000 מאַן. אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט אויך פון זיי ניט בלייבן קיין זכר.

אין... זיינען איבערגעבליבן — — — עטלעכע טויזנט יידן — — — — פון די משפּחות פון יערי[1] איז קיינער ניט געבליבן. טאָשע, חנהטשע, לאה

[1] „השומר הצעיר" און „החלוץ".

פערלשטיין, יוסף קאַפּלאַן, מרדכי אַנילאָוויטש און הונדערטער אַנדערע פֿון די סאַמע נאָענטסטע, לעבן ניט מער. פֿון דער משפחה רייס [1] זיינען נאָר געבליבן... פֿון דער משפחה הנוער הציוני... פֿון דער משפחה בונד...

אוקראַינע און פּאָלעסיע זיינען „יידנריין". אין ביאַליסטאָק לעבן נאָך 20,000 יידן אין פֿאַרהעלטניסמעסיק גוטע באַדינגונגען. דער ראַיאָן לובלין איז אין גאַנצן פֿאַרניכטעט געוואָרן דורך גאַז אין בעלזשעץ און אין סאָביבאָר.

דער איינציקער יידישער ישוב וואָס האָט ביז היינט עקזיסטירט אין פֿאַרהעלטניסמעסיק גוטע באַדינגונגען איז פֿון מזרח אויבער־שלעזיע.[2] און אָט זיינען מיט דריי וואָכן צוריק פֿון דאָרט געוואָרן אַרויסגעטריבן 7000 יידן. מען פֿאַרניכטעט זיי דורך שיסן און פֿאַרברענען אין אָשוויענטשים. אין משך פֿון די נאָענסטע וואָכן וועט אויך דער ראַיאָן פֿאַרבלייבן אָן יידן. אין דער שעה וואָס איר וועט דערהאַלטן אונדזער בריוו וועט שוין קיינער פֿון אונדז ניט לעבן מער. פֿון לעצטן טראַנספּאָרט האָבן מיר ביז היינט ניט באַקומען קיין ידיעה. פֿאַרקערט, מיר זיינען געוואויר געוואָרן באַשטימט, אַז זיי זיינען אַוועקגעפֿירט געוואָרן קיין אָשוויענטשים. אין אַלע ראַיאָנען וועגן וועלכע כ'האָב אייך געשריבן, בין איך אַליין געווען און געווען אַן עד־ראיה פֿון די פֿאַרניכטונגס־סצענעס.

טוט וואָס איר קאָנט. איך צווייפֿל אויב איר וועט נאָך קאָנען העלפֿן עפּעס אין צייט, ווייל מיר זעען אונדזערע לעצטע טעג.

אַלע יוגנט־באַוועגונגען צוזאַמען ציילן איצט נישט מער ווי עטלעכע הונדערט. אין דעם זיינען אַריינגערעכנט אונדזער קיבוץ און דער קינדער־קיבוץ. אונדזער האָפֿענונג זיך צו טרעפֿן מיט „מולדת" [3] וועט שוין צו אונדזער באַדויערן, ניט ווערן פֿאַרווירקלעכט. האַרציקע גריסן פֿון טאַבענקין, אליעזור, בנדורסקי, יערי, קולדני, גאָלדשטיין, פּנחס און אַלע קרובים. מיר שרייבן אין איילעניש — — מיר האָבן ניט מער קיין כּוח און קיין געדולד צו שרייבן אייך אויספֿירלעך ווי ס'וואָלט געווען נויטיק.

מיט האַרציקע גרוסן,

פֿרומקע.[4]

---

[1] פּועלי ציון־צ.ס.

[2] די געגנט אַרום בענדין, סאָסנאָוויץ.

[3] פֿאָטערלאַנד — ארץ־ישראל.

[4] דער בריוו, דער לעצטער וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פֿון פֿרומקען, איז אויך געווען אונטערגעשריבן דורך די פֿאָרשטייער פֿון אַלע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

רוזשקע

פרויען אין דער ווילנער געטאָ

אין די שווערע באַדינגונגען פון דער געטאָ האָבן מיר, מיידלעך, אָנגעפירט די טאָג־טעגלעכע אַרבעט. די באַדינגונגען זיינען געווען אַזעלכע, אַז אַ מיידל איז געווען לייכטער זיך צו באַוועגן. ס'איז איר געווען לייכטער אַרויסצוגיין פון דער געטאָ, האָבנדיק אַן אַרישן פנים און אַרישע פאַפּירן. פאַר אַ בחור איז דאָס געווען פיל שווערער.

ווען איך טראַכט איצט וועגן אונדזער גאַנצער אַרבעט, פונם אָנפאַנג ביזן סוף, זע איך פאַר זיך מיידלעך — חברות — אַ טייל מיט וועלכע איך בין צוזאַמען אויסגעוואַקסן, און אַ טייל מיט וועלכע איך בין שפּעטער געווען אין טעג פון סכנה. איך זע זיי אומעטום, אין אַלע באַדינגונגען. זיי זיינען די, וועלכע האָבן געהאַט דעם איינציקן קאָנטאַקט מיט דער געטאָ אויסערן שטאָט; זיי זיינען די, וועלכע פאָרן פון איין שטאָט צו דער צווייטער אויף פאַלשע פאַספּאָרטן; זיי זיינען די, וועלכע פירן אָן מיט דער גאַנצער טעכנישער אַרבעט אין דער געטאָ; זיי זיינען די, וועלכע נעמען שפּעטער אָנטייל אינם קאַמף אַלס פּאַרטיזאַנקעס.

דאָס זיינען נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכע מיידלעך. דאָס זיינען ניט געווען קיין מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך אַ סטאַזש פון אַרבעט. דאָס זיינען געווען יונגע מיידלעך, וועלכע זיינען געוואַקסן אין דער אַרבעט, האָבן געקאַנט שטיין אויף דער געהעריקער הויך.

און איך דערמאַן זיך איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וועלכע זיינען געווען אין דער געטאָ — די פאַרבינדונגס־אַרבעט צווישן דעם אונטערערדישן סטעף וואָס איז געווען שטאַרק קאָנספּיראַטיוו. צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ קאָפּ, צו דעם האָט מען געדאַרפט זיין זייער רואיק, ווייל מען האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט מענטשן אַלע טאָג, און איבערגעבן באַפעלן און אַרויסוויזן איניציאַטיוו. יעדער אומפאָרזיכטיקער שריט האָט געשטעלט אין געפאַר די גאַנצע אָרגאַניזאַציע.

וויטקע

אין שווערע, נישט־מענטשלעכע באַדינגונגען אַרבעט די חלוצישע קאָאָרדינאַציע (השומר־הצעיר, החלוץ, הנוער הציוני). וויטקע איז אין מזכירות פון „השומר הצעיר". אין יענער צייט ווערט זי באַשטימט אַלס פאַרבינדערין צווישן געטאָ און דער שטאָט. זי גייט אַרויס פון געטאָ,

ווערט אַן אַריערין, פֿון אירע טונקעלע, געלאָקטע „יידישע האָר" — מאַכט זי בלאָנדע אַרישע... אָבער אַפֿילו די „כּשרע" קאָליר פֿון אירע האָר, קאָן נישט פֿאַרשטעלן די אַביסל לענגלעכע יידישע נאָז, די אויגן מיט אַ ספּעציפֿישן יידישן אויסדרוק...

וויטקע פֿאַרמאָגט אָבער אַ נישט־געוויינלעכן זיכערקייט־געפֿיל. זי אַרבעט אין שטאָט ביי אַ דייטשער פֿאַמיליע אַלס דינסט. זי וואוינט ביי זיי, און אַרבעט דאָרטן עטלעכע מאָנאַטן, און די דייטשן זיינען איבער־צייגט אַז זייער „דינסט־מיידל" איז אַן אמתע, ריינע אַריערין...

וויטקע שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט אַנדערע מענטשן פֿון אַקטיוו, וועלכע געפֿינען זיך אין שטאָט. זי אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט נאָך אַ חברה דאָס איבערפֿירן חברים פֿון ווילנע קיין ביאַליסטאָק און קיין וואַרשע. זי פֿירט אויס אין שטאָט וויכטיקע אַקציעס. וויטקע וויל אָבער ניט בלייבן אויף דער אַרישער זייט. זי וויל קומען צוריק אין דער געטאָ. זייענדיק אין שטאָט קומט זי אָפֿט מאָל אומגעריכט אין געטאָ, זי מוז זען מענטשן, זיין אַ קורצע צייט צווישן יידן, אַטעמען מיט דער פֿאַרשטיקטער אָבער נאָענטער געטאָ־לופֿט. יעדער אַריינגאַנג אין געטאָ איז פֿאַרבונדן מיט אַ געוויסן קאָמפּליצירטער פּראָצעדור, יעדער נישט פֿאַרזיכטיקער שריט קען ברענגען אַן אומגליק. וויטקע טראַכט אָבער נישט וועגן דעם. דאָס וואָס פֿאַר אַ צווייטן איז ניט מעגלעך, נישט דורכפֿירבאַר — איז פֿאַר איר פּשוט, שטאַרק איינפֿאַך.

*

„לאָזט זיך נישט פֿירן ווי שאָף צו דער שחיטה! שטעלט אַ ווידער־שטאַנד!" — שרייט בלוטיק דער אויפֿרוף צו דער ווילנער יוגנט...

וויטקע איז פֿון די ערשטע, וועלכע ווערן דורכגענומען מיט פֿלאַם פֿון דער אידעע, פֿון די ערשטע, פֿאַר וועלכע דער געדאַנק ווערט אַ הייליקער, גרויסער לעבנס־אמת. זי פֿאַרלאָזט די שטאָט... קומט צוריק אין געטאָ, זי איז פֿול מיט ענטוזיאַזם, ענערגיע און ווילן.

ס'אַנשטייט די פֿ. פּ. א. (פֿאַראייניקטע פּאַרטיזאַנען אָרגאַניזאַציע) די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דער ווילנער געטאָ.

וויטקע איז צווישן די בעסטע, אַקטיווסטע קעמפֿער פֿון פֿ. פּ. א.

די אָרגאַניזאַציע אַנטוויקלט זיך. איר צענטראַלער ציל: צוגרייטן אַ באַוואָפֿנטן מאַסן־ווידערשטאַנד! די פֿ. פּ. אַ. איז אָבער אויך אַ פּאַר־טיזאַנען אָרגאַניזאַציע, און איר צווייטער ציל איז פּאַרטיזאַנישע טע־טיקייט אין הינטערלאַנד פֿון פֿיינט.

דער שטאַב באַשליסט דורכצופירן אַ דיווערסיע־אַקט אויף דער דייטשער אייזנבאַן־ליניע. דער שטאַב גיט איבער וויטקען די אויספירונג פון דער אויפגאַבע. קודם־כל מוז זי געפינען אַ פּאַסנדן אָרט, וואו מען וועט קאָנען דורכפירן דעם אויפרייס. געפינען אַזאַ אָרט איז נישט לייכט — דאָס מוז זיין ווייט פון די ערטער וואו עס אַרבעטן יידן (דער חשד זאָל ניט פאַלן אויף זיי), נאָענט פון וואַלד וואו מען וועט זיך דאַרפן אויסבאַהאַלטן — און נישט שטאַרק ווייט פון געטאָ — מען זאָל נאָך באַוויזן קומען צוריק אויף דער באַשטימטער צייט...

אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ליגט אויף וויטקען. זי ווייסט, אַז פון איר האַנדלונג זיינען אָפּהענגיק טויזנטער יידישע לעבנס (ווען מען כאַפּט איר, דראָט אומברענגען די געטאָ) און די דורכפירונג פון דער אויפגאַבע.

גאַנץ פרי גייט וויטקע אַרויס פון געטאָ. זי נעמט גיך פון זיך אַראָפּ די לאַטעס, גייט אַרויף אויפן טראָטואַר, מישט זיך אויס מיט דער מאַסע אַריער אויף דער גאַס... זי גייט אונטער דער שטאָט, דאָרט וואו עס ציט זיך די באַן־ליניע. זי גייט נאָענט ביי דער ליניע. זי דאַרף גוט באַמערקן אַלע איינצלהייטן ווייל די אויפגאַבע דאַרף מען דורכפירן ביינאַכט. די ליניע איז באַוואַכט דורך דייטשן. ציווילע באַפעלקערונג איז דאָ נישט דערלויבט צו גיין. וויטקע ווערט עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן דורך דער באַן־פּאָליציי. זי פאַרענטפערט זיך נאַאיוו, אַז זי פאַרקירצט זיך דעם וועג צו דעם נאָענטן דאָרף, וואו זי וואוינט, אַז זי ווייסט נישט אַז דאָ איז ניט דערלויבט צו גיין... זיי גלויבן איר... וויטקע גייט אוועק, כדי אין אַ צייט אַרום דערנעענטערן זיך נאָך אַמאָל צו דער ליניע, אויף אַ צווייטן אָרט.

דריי טעג דויערן די אויספאָרשונגען. דורך דריי טעג גייט וויטקע אַרויס פון געטאָ אין דערפרי און קומט צוריק אין אָוונט. זי איז מאָדנע ערנסט אין די טעג, פאַרקוקט אין די טיפעניש פון דער אייגענער נשמה, פון וואַנען זי שעפּט מוט און כוח. זי טראַכט נישט וועגן דער סכנה וועלכע לויערט אויף איר לעבן. זי איז פאַרנומען מיט דער גרויסקייט פון דער טאַט, וואָס זי דאַרף אויספירן...

אין דעם באַשטימטן טאָג גייט וויטקע מיט נאָך אַ חבר אַרויס פון געטאָ. זי טראָגט מיט זיך די מינע, וועלכע די חברים פון דער פ. פּ. אָ. האָבן אַליין פאַבריצירט. די נאַכט דאַרף פאַרקומען דער אויפרייס... דער ציל — אויפרייסן אַ דורכגייענדיקן דייטשן צוג.

וויטקע מיט איר חבר פירן אויס די אויפגאַבע. פון דער אונטערגעלייגטער מינע איז צעשמעטערט געוואָרן אַ דייטשער מיליטערישער צוג — פאַרניכטעט געוואָרן וואַגאָנען מיט אַמוניציע...

די צוויי העלדישע קעמפּער קערן זיך צוריק אין דער געטאָ.

וויטקע, אַן איבערגענומענע, אַ גליקלעכע פון דער דורכגעפירטער אַרבעט — שטראַלט מיט פרייד און גבורה.

די דייטשן זיינען געווען זיכער אַז דעם דיווערסיע אַקט האָבן דורכגעפירט פּאַרטיזאַנען. זיי האָבן פאַרשטאַרקט די וואַכן אויף די ליניעס, אַרעסטירט פויערים פון די אַרומיקע דערפער...

די פּאַליאַקן האָבן מיט שטאָלץ גערעדט וועגן דעם העלדנטום פון זייערע ברידער. פּוילישע פּאַרטיזאַנען, וועלכע קעמפן מיטן פיינט אויף אַלע סכנותדיקע ערטער... (אַ פאַקט איז אַז דאַן אין אָנהויב פון יאָר 1942 איז נאָך אויף יענע געביטן ניט געווען טעטיק קיין שום פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג).

עס האָט זיך דאַן קיינער ניט פאַרגעשטעלט, אַז דעם העלדישן אַקט, האָבן דורכגעפירט אַ ייִדישער בחור און א יונגע מיידל פון געטאָ...

פון דער געטאָ, וועלכע די דייטשן האָבן שוין פון לאַנג געהאַלטן פאַר באַזיגט, אין וועלכער זיי האָבן די גאַנצע צייט געשטיקט יעדן פרייען, מוטיקן געדאַנק.

און וויטקע אַרבעט ווייטער. זי ווערט באַשטימט אַלס קאָמאַנדירין פון אַ קאַמפּס־גרופּע, וועלכע איז צוגעטיילט צו אַ ספּעציעלער פונקציע. זי מאַכט ווייטגייענדיקע פּלענער, טרוימט וועגן גרויסע אַקציעס, העלדישע טאַטן... ווייל מיט דעם לעבט זי...

*

סעפּטעמבער 1943. די ערשטע גרופּן פון דער פ. פּ. אָ. גייען אין וואַלד, קעמפן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען. די געטאָ איז פאַרמאַכט. עס איז צווישן איין פאַרניכטונגס־אַקציע און דער צווייטער.

וויטקעס האָר, וועלכע זיינען דורך דער צייט טונקל געוואָרן, ווערן ווידער בלאָנד. איר אויפגאַבע איז איצט דאָס אָרגאַניזירן דאָס אַרויסגייען פון גרופּן. פּראַקטיש הייסט דאָס: אויספאָרשן דעם וועג וועלכן זיי דאַרפן גיין, באַשטימען די ערטער פון טרעפן זיך אין שטאָט, איינאָרדענען דאָס אַרויספיר פון געווער אין געטאָ אויסער דער שטאָט, און צעטיילן עס צווישן די מענטשן.

קיינער, וואָס איז ניט געווען אין געטאָ, וואָס האָט דאָרט ניט געלעבט וועט זיך קיין מאָל ניט פאָרשטעלן, מיט וויפיל שוועריקייטן, מיט וויפיל סכנה עס איז פאַרבונדן געווען יעדע זאַך. דאָס אַרויסגיין פון אַ פולשטענדיק פאַרמאַכטער געטאָ—הייסט פויזען דורך אונטערערדישע „מעלינעס״, וועלכע גרענעצן זיך מיט דער שטאָט; אין

בעסטן פֿאַל קריכן דורך דעכער, אָדער קוימענס פֿון הייזער וועלכע זיינען פֿון איין זייט אין געטאָ, און פֿון דער צווייטער, אויף דער פֿרייער וועלט... אַזעלכע אַרויסגאַנגען זיינען אויך זייער אָפֿט געווען באַוואַכט...

אַרויספֿירן געווער פֿון געטאָ... ווי אַזוי? די דייטשן לאָזן אין יענע טעג נישט אַרויס קיין איין לעבעדיקן מענטש דורכן „טויער"... אָבער טויטע דערלויבן זיי אַרויספֿירן... אין דעם טויטן־קאַסטן, אונטער דעם מת, ליגט באַהאַלטן דאָס געווער פֿון דער פֿ. פּ. אָ. דאָס געווער פֿירט מען צוזאַמען מיט די מתים אויפֿן בית־הקברות... און דאָרט, ביינאַכט, נעמט וויטקע צוזאַמען די גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פֿון געטאָ, און אָרגאַניזירט זיי צום אַרויסגיין אין וואַלד. זי איז יענע שווערע טראַגישע צייט, כּמעט גאַנצע טעג אין שטאָט. זי פֿאָרשט וועגן וואו עס איז מעגלעך דורכגיין אַ גרופּע יידן אומבאַמערקטערהייט. זי גייט צענדליקער קילאָמעטער אַ טאָג... זי קומט צוריק אויף דער נאַכט אין געטאָ, אַ פֿאַרמאַטערטע, אַן אויסגעשעפּטע, אַ שווייגנדיקע. צומאָרגנס אין דער פֿרי, קריכט זי ווייטער דורך לעכער, דורך בוידעמער אַרויס אין שטאָט.

זי ווערט דער וועגווייזער פֿון די גרופּן, זי פֿירט זיי אַרויס פֿון שטאָט, אָרגאַניזירט זיי. אַ דאַנק איר מערווירדיקער אָריענטאַציע אין דער סביבה, שטאַרקער איניציאַטיוו און גיכער האַנדלונג — גייען די גרופּן דורך די סכּנותדיקע זאָנעס אין אָרדנונג און אָן פֿאַרלוסטן.

וואַלד. יידישע פּאַרטיזאַנען־אָטראַדן, זעלבסטשטענדיקע יידישע אָנפֿירערשאַפֿט. לעצטע רעשטלעך פֿון ווילנער געטאָ. יעדער ייד, יעדער פּאַרטיזאַנער, דורכגענומען נאָר מיט איין געדאַנק, מיט איין פֿאַרלאַנג: נעמען נקמה!

איינע פֿון די ערשטע אויפֿגאַבן, וועלכע עס שטעלן פֿאַר זיך די יידישע קאָמאַנדירן, איז ברענגען אין וואַלד וואָס מער יידן, וועלכע זיינען פֿאַרבליבן נאָך דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ. דער שטאַב גיט איבער וויטקען אויסצופֿירן די אויפֿגאַבע...

וויטקע גייט צוריק אין שטאָט. צוריק קיין ווילנע, וואָס איז איצט איין גרויסער בלוטיקער קבר, און וואו יעדן יידן וועלכער פֿאַלט אַריין די דייטשן אין די הענט, דערוואַרט טויט אויפֿן אָרט... וויטקע אָבער גייט קיין ווילנע, און וויטקע פֿרייט זיך און איז שטאָלץ אַז מען האָט איר פֿאַרטרויט אַזאַ אויפֿגאַבע. דאָס איז דאָך איצט די וויכטיקסטע זאַך — זאָגט זי — און אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן ברענגען אַ גרופּע יידן, וועט דאָס זיין פֿאַר מיר דער גרעסטער גליק!

און וויטקע פֿירט אויס די אויפֿגאַבע. אין אוממענטשלעך־שווערע באַדינגונגען אָרגאַניזירט זי אַ גרופּע פֿון 50 יידן, און ברענגט זיי אין וואַלד. זי גייט דורך שווערע פּאַרטיזאַנישע וועגן, דורך דערפֿער וואו עס געפֿינען זיך ליטווישע גאַרניזאָנען. די מענטשן האָבן נישט קיין געווער, זיינען נאָך קיין מאָל נישט געשטאַנען אין קאַמף מיטן שונא... פֿון וויטקעס קאַלטבלוטיקער אָריענטאַציע, סטראַטעגישע אויסרעכענונג, איז אָפּהענגיק דאָס איינגעבן זיך פֿון דער זאַך...

מען ווייסט שוין צווישן די פּאַרטיזאַנען, יידישע און ניט־יידישע, אַז וויטקע פֿירט אויס ספּעציעלע אויפֿגאַבן, פֿון אַ באַזונדער וויכטיקייט און באַדייט.

אַלטע פּאַרטיזאַנען קוקן מיט אַנערקענונג און באַוואונדערונג אויף דער שלאַנקער, יידישער מיידל... אָבער ניט נאָר אויסערגעוויינלעכע אויפֿגאַבן פֿירט אויס וויטקע. זי נעמט אויך אָנטייל אין אַלע קאַמפּס־אָפּעראַציעס פֿון „אַטריאַד". איר גיט אויך דער שטאַב איבער די פֿונקציע פֿון אָרגאַניזירן די קאַמפּס־„ראַזוויעדקע" (אויסשפּיר־גרופּע). אין פּאַר־טיזאַנישן קאַמף פֿאַרנעמט די „ראַזוויעדקע" איינע פֿון די וויכטיקסטע ערטער. אָפּהענגיק פֿון אירע ידיעות, פֿאַרבינדונגען, גיכער אָריענטאַ־ציע, קענטשאַפֿט פֿון דער סביבה — אָרגאַניזירט דער שטאַב די קאַמפּס־אָפּעראַציעס, און וויכטיגע אויפֿגאַבן פֿון דעם „אַטריאַד".

וויטקע ווערט באַקאַנט אין וואַלד פֿאַר איינער פֿון די פּעאיגסטע, אויסערגעוויינלעך בראַווע „ראַזוויעדטשיצעס".

דער פּאַרטיזאַנישער שטאַב באַשטימט דורכצופֿירן אַ דיווערסיע אין ווילנע גופֿא. דער ציל — אויפֿרייסן די וואַסער און עלעקטרישע ליטונג אין שטאָט וואָס איז אַ וויכטיקע מיליטערישע באַזע פֿאַרן שונא. עס ווערט באַשטימט אַ גרופּע מענטשן, וועלכע דאַרפֿן אויספֿירן די אויפֿגאַבע. אַלס קאָמאַנדיר פֿון דער גרופּע, ווערט באַשטימט וויטקע. זי גייט מיט איר גרופּע אין שטאָט, פֿאָרשט אויס אַלע באַדינגונגען, מעגלעכקייטן... זי איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער אויפֿגאַבע, און פֿאַר די מענטשן, מיט וועלכע פֿירט זי אָן. וויטקע פֿאָרשט אַלץ גענוי אויס — און באַשליסט. פֿאַרנאַכט, אין דער צייט ווען אויף די צענטראַלע גאַסן פֿון ווילנע קאָנ־צענטרירט זיך די גרעסטע באַוועגונג — לייגט זי אונטער עלעקטרישע מינעס (אויסגערעכנט אויף צייט) אונטער די עלעקטרישע טראַנספֿאָר־מאַטאָרן אויף די גאַסן מיצקעוויטשאַ, אַזשעשקאָוואַ און זיגמונטאָווסקאַ. די אַנדערע חברים פֿון דער גרופּע, שעדיקן די קאַנאַליזאַציע־רערן... די מינעס רייסן אויף, — די אויפֿגאַבע אויסגעפֿירט...

די דייטשן זוכן די דיווערסאַנטן. פֿאַרגרעסערן די וואַכן אין יענע ערטער... אָבער די גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנען, אונטער וויטקעס קאָמאַנדע, איז שוין אויף די וועגן אין וואַלד.

וויטקע גייט נאָך אַ סך מאָל אין שטאָט. אָרגאַניזירט גרופּן, ברענגט געווער, האַלט אָן פֿאַרבינדונגען מיט דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט.

אויף איינעם פֿון די וועגן — דערקענט אַ פּויערטע די שלאַנקע בלאָנדע מיידל, אַז זי איז אַ פּאַרטיזאַנקע, און אַ יידישע... וויטקע, וועלכע גייט ווי שטענדיק זיכער און מוטיק — ווערט פּלוצלונג פֿאַרהאַלטן דורך ליטווישע פּאָליציי.

זי איז אַרעסטירט, געפֿינט זיך אין די הענט פֿון די מערדערלעכע ליטווינער פֿאַר וועלכע זי שטעלט פֿאָר אַ גרויסן ווערט — אַ פּאַרטיזאַנקע, און אַ יידישקע, זיי וועלן באַקומען אַ גרויסע באַלוינונג. זיי פֿירן וויטקען אין געסטאַפּאָ.

וויטקע נאַרט זיך נישט, זי ווייס וועלכער גורל עס דערוואַרט איר אין געסטאַפּאָ. טויט איז נאָך נישט דאָס ערגסטע. אָבער אומקומען פֿון זייערע הענט אין מאַטערניש און פּיין — נײן. מיך וועלן זיי נישט האָבן אין געסטאַפּאָ, בעסער אומקומען דאָ פֿון זייערע הענט — באַשליסט וויטקע. זי וועט פּרובירן אַנטלויפֿן — און אויב ס'וועט נישט געלינגען — פֿאַרשפּילט זי סיי ווי גאָרנישט... זי איז איצט פֿול מיט שפּאַנונג. די געדאַנקען אַרבעטן גיך, גיך... די אויגן זעען דעם קלענסטן ריר פֿון די מערדער. די פֿיס שפּירן יעדע קלענסטע ענדערונג אין וועג, יעדן פֿאַלד פֿון דער ערד...

נאָר נישט פֿאַרגאַפֿן קיין מינוט — וואַך זיין! — שרייט עפּעס אין וויטקען.

אַ סעקונדע, מען גייט לעבן אַ וואַלד, די ליטווינער שמועסן צווישן זיך, די יידישקע איז גאַנץ רואיק... אין דער סעקונדע אָבער אַנטלויפֿט וויטקע... געלונגען אָדער נישט, ניטאָ גאָרניט וואָס צו פֿאַרלירן...

וויטקע איז שוין אין וואַלד. אין וואַלד וועלכן זי קען אַזוי אויסגעצייכנט גוט. איצט וועלן זיי זי שוין נישט געפֿינען... זי זעט פֿון דערווייטנס ווי זיי זוכן, זיי האָבן מורא צו שיסן עס זאָלן נישט קומען קיין פּאַרטיזאַנען...

עס איז געלונגען — זי איז געראַטעוועט.

אָבער וויטקע גייט נישט צוריק אויף דער באַזע, וויטקע גייט מיט דעם זעלבן וועג, ווייטער אין ווילנע — ווייל זי מוז אויספֿירן איר שליחות...

*

אויפֿרייסן באַנען, ברענען בריקן, רייסן באַן־ליניעס, „זאַסאַדזקעס״ אויף דייטשן, שעדיקן פֿאַרבינדונגען, נאַרמאַלע אַרבעטן, קאַמפּס־אויפֿגאַבן פֿון די יידישע פּאַרטיזאַנען־אַטריאַדן — אין די אַלע אויפֿגאַבן זעסטו שטענדיק וויטקען. זי איז אומעטום — שטענדיק אויף די ערשטע פּאָזיציעס, אויף די סכּנותדיקסטע ערטער. זי וויס נישט וואָס איז שרעק, איר האַרץ קען נישט קיין מורא — זי איז שטענדיק מוטיק, פֿול מיט ענערגיע און איניציאַטיוו. די קאָמאַנדירן נעמען איר אַלס ביישפּיל. די חברים האָבן איר ליב און שעצן איר שטאַרק. אַלטע פּאַרטיזאַנען פֿון אַנדערע אַטריאַדן זאָגן: די פּאַרטיזאַנקע פֿון יידישן אַטריאַד, וויטקע, איז אַ גרויסע העלדין...

ליזאַ מאַגין

...אויף זעקס קליינע, שמאָלע געסלעך, וואָס זיינען געבליבן פֿון דער ווילנער געטאָ, שפּאַצירט אַרום דער טויט — און שלעפּט אַרויס טויזנטער יונגע און אַלטע, מענער און פֿרויען... אַ לעבן אָן אַ מאָרגן, אַ זינלאָזער היינט.

אין די באַדינגונגען פֿירט די חלוצישע יוגנט־קאָאָרדינאַציע (החלוץ, הנוער־הציוני, השומר הצעיר) איר אַרבעט.

ראַטעווען דעם אַקטיוו, די בעסטע פֿון דער באַוועגונג — דאָס איז דער לאָזונג פֿון דער תּקופֿה.

אויף דער אַרישער זייט, אין שטאָט, ווערן אַרויסגעשיקט די בעסטע; אפֿשר וועלן זיי קאָנען דורכהאַלטן. צווישן אַנדערע — גייט אַרויס אין שטאָט: ליזאַ מאַגין.

זי באַקומט אַרישע פּאַפּירן, זי דאַרף אַנגיין פֿאַר אַ קריסטין. אירע לעבעדיקע עכט־יידישע אויגן — אירע טונקעלע האָר, זיינען נישט אַ צו שטאַרקער באַווייז פֿון איר אַרישקייט... — זי איז אָבער שטענדיק אַזוי פֿריש, האָט אַזאַ געזונטן „פּויערשן״ אויסזען, אַז קיינעם וועט ניט איינפֿאַלן אַז דאָס איז אַ מיידל פֿון געטאָ.

ליזע פֿאַרלאָזט פֿרייוויליק די שטאָט. ליזע קומט צוריק אין געטאָ. זי פֿאַרלאָזט דאָס נאָרמאַלע, זיכערע לעבן אין שטאָט און קומט אין געטאָ וואו יעדער טאָג לויערט מיט נייער סכּנה... אָבער דאָס לעבן אין געטאָ האָט איצט אָן אַנדערן ווערט. אַ נייעם זין...

דאָס איז אַ לעבן פֿון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און קאַמף, און דאָרט וואו מען קעמפּט, און דאָרט וואו עס לויכט נאָר אַ פֿונק פֿון מוט און ווירדע — מוז אויך זיין זי — ליזע — ווייל אַנדערש קאָן זי נישט, ווייל אַזוי איז זי...

אירע באַקאַנטע, פשוטע יידן, וועלכע טרעפן איר אין געטאָ, פאַר־שטייען נישט: — דו אין געטאָ!? — מיט אַזעלכע מעגלעכקייטן, מיט פאַפירן, מיט אַזאַ פנים? — יעדער מענטש אויף דיין אָרט וואָלט דאָך גליקלעך געווען... דאָס איז דאָך משוגעת!

ליזע ענטפערט לאַכנדיק: — ווער ווייסט, אפשר טאַקע משוגע... אַמאָל אָבער מוז מען זיין משוגע — און היינט איז אפשר די צייט פון משוגעים — ענדיקט זי שוין ערנסטער.

דער ייד שאָקלט מיט די פּלייצעס פאַרוואונדערט — דוכט זיך אַ פאַרשטענדלעכע מיידל — טראַכט ער — און רעדט אַזעלכע נאַרישקייטן.

ליזע איז אַ פאַרבינדונגס־מענטש אין אַן אָפּטייל פון דער פ. פּ. אָ. אין אירע הענט ליגן די פאַרבינדונגען צווישן קאָמאַנדיר פון אָפּטייל און די קעמפער. זי אָרגאַניזירט דאָס טעכנישע דורכפירן די אויפגאַבן פון אָפּטייל. זי איז אין קאָנטאַקט מיט אַלע אָפּטייל־חברים. זי איז פאַר־אַנטוואָרטלעך. האָט אַ גוטע קאָנספּיראַטיווע שול, לייגט אַריין אין דער אַרבעט איר גאַנצן לעבן.

ליזע האָט פאַרבינדונגען מיט דער שטאָט. גייט אָפט אַמאָל אַרויס פון געטאָ, נעמט אַראָפּ פון זיך די געלע לאַטעס, און ווערט אַזוי אַרום אַן אַריערין. זי גייט אין פאַרוואָרפענע ערטער, פּלעצער, טרעפט זיך מיט מענטשן פון דער שטאָט, דערליידיקט וויכטיגע אויפגאַבן — און קומט צוריק אין געטאָ רואיק, נאָרמאַל, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. זי ווייסט גענוי, אַז דער קלענסטער צופאַל, יעדער נישט פאָרזיכטיקער שריט, קאָן ברענגען אַ סכנה. און זי ווייסט, אַז די סכנה האָט שטענדיק איין פנים, איין אויסזען — אומבאַדינגטער טויט. זי ווייסט און דאָס שטערט איר נישט אויספירן אירע אויפגאַבן רואיק, פּינקטלעך, מיט קאַלטבלוטיקייט, וואָס פאַרוואונדערט.

אין ווילנער געטאָ רייסן זיך דורך קלאַנגען, אַז אין אָשמיאַנע, (אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון ווילנע) גרייטן צו די דייטשן אַ פאַרניכטונגס אַקציע אויף יידן. די געטאָ אין אָשמיאַנע איז קליין, נישט אָרגאַניזירט. די דייטשן פירן שטענדיק דורך די פאַרניכטונגס־אַקציעס אַזוי ראַפינירט און פּלוצלונג, אַז קיינער ווייסט קיינמאָל נישט, אויף וואָס זיך צו ריכטן, און יעדע אַזאַ אַקציע איז — אומקום.

ס'איז נישטאָ קיין מעגלעכקייטן פאַר אַ יידן דורכרייסן זיך פון איין פאַרמאַכ־טער געטאָ אין אַ צווייטער, פון איין שטאָט אין אַן אַנדערער.

געטאָ, — דאָס הייסט, — אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט.

און דאָך באַשליסט דער שטאַב פון דער פ. פּ. אָ. אַרויסשיקן אַ מענטשן אין אָשמיאַנע. זיין אויפגאַבע: אַריינבאַקומען זיך אין דער פאַרמאַכטער

געטאָ, דערציילן די יידן וועגן דער נאָענטער פאַרניכטונגס־אַקציע. אײַ־בערצייגן זיי מיטן כוח פון פאַקטן און בלוטיקע אמת׳ן, אַז יעדע אַקציע באַטייט — טויט... רופן צו אַנטלויפן אין די נאָענטע וועלדער, צו אָרגאַניזירן זיך אין די פאַרטיזאַנען־גרופן, נישט לאָזן זיך אַרויספירן פון דער געטאָ.

דער שטאַב גיט איבער די אויספירונג פון דער אויפגאַבע ליזען.

ליזע פאָרט אין אַשמיאַנע, פאָרט אַלס קריסטין אויף פאַלשע פאַפירן, באַקומט זיך אַריין אין דער געטאָ אין וועלכער עס דאַרף שוין פאָרקומען די אַקציע. אין שטעטל זיינען שוין געקומען ליטווינער און דייטשן — און יעדע מינוט קאָנען זיי אַריינגיין אין געטאָ. ליזע האָט נישט קיין שום זיכערקייט, אַז זי וועט נישט אַריינפאַלן אין זייערע הענט, זי איז דאָך נישט אַנדערש און נישט בעסער, ווי אַלע אַשמיאַנער יידן... זי טראַכט אפשר נישט וועגן דעם (איר דוכט זיך שטענדיק, אַז יעדע סכנה מוז איר אויסמיידן, אַז איר קאָן גאָרנישט שאַדן). זי טראַכט וועגן די אויפ־גאַבע וועלכע עס האָט איר פאַרטרויט דער שטאַב, און וועלכן זי מוז אויספירן. אין דער געטאָ — פאַניק, אין דער אַטמאָספערע פון הילפלאָזיקייט, זוכט ליזע און געפינט — יוגנט. זי ווענדט זיך צו איר מיט אַ פלאַמיקן רוף, דערקלערט די ווירקלעכקייט וועלכע וואַרט אויף זיי. זי אָרגאַניזירט עטלעכע גרופן צום אַנטלויפן אין די וועלדער, גיט זיי אַנווייזונגען, דער־מונטערט מיט איר גלויבן און ענערגיע.

אין יענער שרעקלעכער געטאָ־נאַכט, וואָס דערנענטערט דעם אָנקו־מענדיקן בלוטיקן שחיטה־טאָג — פאַרלאָזן איינצעלנע גרופן יידישע יוגנט־לעכע — אַשמיאַנע. זיי גייען מיט אַ טיפן ווייטאָג אין האַרצן — אָבער גלייכצייטיק מיט אַ ליכטיקן ציל וועלכער לייכט פון דערווייטנס: קאַמף און נקמה!

(פון די גרופן זיינען שפעטער געוווען ידיעות, אַז זיי קעמפן העלדיש אין פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן).

די פ. פּ. אָ. ענטוויקלט זיך. די פאַרבינדונגען מיט די פראָגרעסיווע כוחות אויסערן געטאָ פאַרשטאַרקן זיך. דער שטאַב גיט איבער ליזען די פונקציע פון אַ שטענדיקע פאַרבינדערין צווישן געטאָ און שטאָט.

כדי אויספירן די פונקציע, מוז ליזע האָבן גוטע אַרישע פאַפירן, וועלכע וועלן איר דערמעגלעכן אַ פרייע באַוועגונג. ליזע באַשליסט צו באַ־קומען אַזעלכע פאַפירן אויף זייער אַ געוויינלעכן אופן... אין דעם ליט־ווישן פאָליציי־קאָמיסאַריאַט וויל זי אויפן סמך פון אירע אַלטע (געפעלשטע) פאַפירן, באַקומען נייע. קיין אַנדערער אויסוועג איז ניטאָ. ליזע גייט אין קאָמיסאַריאַט, באַלייגט אַ ביטע, פילט אויס די נויטיקע פאָרמאַליטעטן...

אַלץ אין אָרדנונג.... אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרף ליזע באַקומען אַ גוטן, אָריגינעלן פּוילישן פּאַספּאָרט. ליזע פרייט זיך. „אַ גוטער פּאַס־פּאָרט — דאָס זיינען מעגלעכקייטן פון אַ פרייער באַוועגונג אומעטום". „אַ גוטער פּאַספּאָרט און אַ ביסל חוצפה און מען קאָן קריכן דעם טייוול אין די אויגן" — לאַכט מוטיק ליזע.

יענעם טאָג גייט זי פרי אַרויס פון געטאָ. זי גייט אַרויס דורכן טויער מיט אַ פּאַרטיע יידן. די יידן קוקן אויף איר און וואונדערן זיך, אַז אַ מיידל מיט אַזאַ פּנים, זיצט אין געטאָ — אַזוי פיל פרישקייט און מונטערקייט איז צוגאָסן אויף אירע שטענדיק ראָזע באַקן, און איר שטראַלנדיקן שמייכל. אויף דער גאַס נעמט ליזע פלינק אַראָפּ פון זיך די לאַטעס, גייט אַרויס פון דער פּאַרטיע און פאַרשווינדט. אין אַ פּאָר מינוט זעסטו ווי זי גייט רואיק, געלאַסן אויפן טראָטואַר — אַן אמתע גויע. די יידן באַגלייטן איר מיט אויגן פול מיט זאָרג און אַנערקע־נונג — ווייל יעדער גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון דער גאַנצער גבורה און גאַנצער סכנה.

ליזע האָט געזאָגט גיך: „אויף ווידערזען, כ'וועל היינט קומען פרי אין שטוב". ליזע האָט זיך יענעם טאָג אין געטאָ נישט צוריקגעקערט! ליזע וועט זיך שוין קיין מאָל אין געטאָ נישט צוריקקערן!

אין דעם קאָמיסאַריאַט פון דער ליטווישער פּאָליציי וואו זי איז געגאַנגען אָפּנעמען אירע פּאַפּירן — איז זי אַרעסטירט געוואָרן. (עס איז נאָך ביז היינט נישט באַוואוסט ווער'ס נישטיקע האַנט האָט איר אַרויסגעגעבן).

מען האָט איר אַוועקגעפירט אין געסטאַפּאָ, לאַנג איר געפּאָרשט און בלוטיק געשלאָגן. זיי האָבן געוואָלט אַרויסבאַקומען פון ליזען ידיעות. ליזע אַ פאַרפּייניקטע, אַ פאַרבלוטיקטע, האָט געשוויגן... די מערדער האָבן קיין איין וואָרט נישט אַרויסבאַקומען פון אירע צושלאָגענע, צו־ריסענע ליפּן.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען ליזען געפּייניקט אין געסטאַפּאָ. אויף דער צווייטער וואָך, האָט מען איר איבערגעפירט אויף לוקישקעס (באַוואוס־טע ווילנער תּפיסה, אין וועלכער די דייטשן האָבן געהאַלטן זייערע קרבנות פאַרן טויט).

מיר האָבן אין געטאָ געטאָן אַלץ איר צו באַפרייען. מען האָט אַריינגעפירט ליטווישע געסטאַפּאָ־לייט אין געטאָ — געמאַכט פאַר זיי סעודות אויף וועלכע ס'האָט זיך געגאָסן טייערער וויין... געגעבן ווערטפולע מתנות. געוואָלט באַקומען פון זיי אַ צוזאָג, אַז זיי וועלן אינטערווענירן פאַר ליזעס באַפרייאונג. זיי האָבן געטרונקען, געשיכורט,

גענומען די מתּנות — און צוגעזאָגט — נאָר נישט דערפֿילט...
מען האָט אויסגענוצט אַלע וועגן, אַלע מעגלעכקייטן. דאָס זיינען געווען טעג פֿול מיט אָנשטרענגונג און שפּאַנונג. און יעדער טאָג האָט דערנעענטערט דעם בלוטיקן טערמין.

אין יענער צייט האָבן מיר, דורך אַ מיידל, וועלכע איז געזעסן צוזאַמען מיט ליזען, און איז געוואָרן באַפֿרייט, באַקומען אויף אַ צוריבענעם, פֿאַרפֿלעקטן שטיקל פּאַפּיר די פּאָר ווערטער, געשריבן מיט איר האַנט:

"אַבע טייערער!

די איראָניע פֿון גורל, אַז דווקא איך וועל אומקומען אויף פּאַנאַרי. איך האַלט זיך אָבער פֿעסט, בין רואיק. איך ווייס פֿאַרוואָס איך קום אום. איך ווייס אַז דו טוסט אַלץ מיר צו באַפֿרייען — ס'איז אָבער שוין פֿאַרפֿאַלן. וואָס איז אין ביאַליסטאָק? אפֿשר זיינען דאָ ידיעות פֿון עדעקן? זייט געזונט און שטאַרק. גריס אַלע חברה.

חזק ואמץ,

אייער ליזע".

*

מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרקריצן די ציין און פֿאַרשטאַרקן די אָנשטרענגונג. מען האָט באַטראַכט, אַז ווען מען וועט איר פֿירן צום טויט, וועלן מיר איר אויפֿן וועג, אָפּשלאָגן מיט כּוח... דאָס איז אָבער געווען נישט רעאַל. מיר האָבן באַשלאָסן איבערקויפֿן דעם ליטווינער וועלכער האָט איר געדאַרפֿט דערשיסן... דער ליטווינער האָט מסכּים געווען... עס האָט זיך באַוויזן אַ פֿונק פֿון האָפֿנונג... אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט דער געסטאַפּאָ־פֿאַרשטייער ווייס, באַשלאָסן אָנוועזנד צו זיין ביי דער עקזעקוציע... אַלץ איז געווען פֿאַרלוירן!

דעם 17־טן פֿעברואַר 1943 איז ליזע מאַגין דערשאָסן געוואָרן אויפֿן פּאָנאַר.

זי איז אַלט געווען 22 יאָר.

ראַשקע

פֿאַר מיינע אויגן שטייט ראַשקע, אַ יונגע מיידל פֿון צוואַנציק יאָר. זי איז געווען די, וועלכע האָט פֿונעם ערשטן טאָג אָן, ווען ס'איז אויפֿגעשטאַנען די קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דער געטאָ, געשריבן בולעטינען פֿון אונדזער געהיימער ראַדיאָ און אויסגעטיילט די בולעטינען; זי איז געווען די, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אַ באַוואָפֿענטע אָפּטיילונג, און

וועלכע האָט אַליין געלערנט, ווי צו באַגיין זיך מיט געווער. זי האָט אָפּגענומען געווער ווען מען האָט דאָס געבראַכט... זי איז באַוואוסט געוואָרן אין דער גאַנצער געטאָ, איז געוואָרן אַ סימבאָל פֿון דער געטאָ. פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען ביי איר אַזעלכע גרויסע כּוחות? די וועלכע האָבן איר געזען, די וועלכע האָבן איר שפּעטער געקענט, האָבן דער־פֿילט מיט יעדער באַגעגעניש מיט איר נייע כּוחות, נייע אמתן.

חייקע

חייקע איז געווען אין שטאַב פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פֿאַרנומען דאָרט זייער אַ וויכטיקן אָרט. זי איז געווען די, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק, וועלכע האָט געהאַט דעם קאָנטאַקט מיט דער שטאָט און מיט דער געטאָ; די, וועלכע האָט אַריבער־געפֿירט געווער פֿון גראָדנע קיין ביאַליסטאָק. חייקע איז געווען אין אָנהויב אין ווילנע. פֿון ווילנע איז זי געפֿאָרן קיין ביאַליסטאָק. אין ביאַליסטאָק האָט זי אָרגאַניזירט די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. געווען אין וואַרשע, געקומען צוריק, געווען ווייטער אויסערן שטאָט, דערנאָך געקומען אין דער געטאָ, אָרגאַניזירט די אָרגאַניזאַציע אויפֿסניי און געשטאַנען אין איר שפּיץ ביזן סוף, ביז דער ליקווידאַציע פֿון דער געטאָ. זי איז געווען אויפֿן קאַמף־פּלאַץ. אין לעצטן מאָמענט באַשליסן די חברים, אַז חייקע זאָל אַרויס פֿון שטאָט און זען אָנבינדן אַ קאָנטאַקט אויב עס וועט איר געלינגען. חייקע איז אַרויס פֿון דער געטאָ. אָבער די דייטשן האָבן געפֿונען דעם באַנקער, וואו עס האָבן זיך געפֿונען אַלע אונדזערע חברים איידער זי האָט געקאָנט דערליידיקן דעם אַרויספֿיר זייערן אין וואַלד. עס זיינען דאַן אומגעקומען זיבעציק פֿון אונדזערע חברים, דער גאַנצערווידערשטאַנדס־כּוח פֿון געטאָ. נאָר חייקע אַליין איז פֿאַרבליבן אויסער דער געטאָ.

מען מוז באמת זיין אַ העלד, כּדי אונטער אַזעלכע באַדינגונגען אויפֿסניי אָנצוהויבן אַן אַרבעט, ווען מען איז געבליבן פֿולשטענדיק אַליין, ווען מען האָט ניט די איבערצייגונג, אַז עס געפֿינען זיך נאָך יידן אין וועלכער עס איז ניט געטאָ (דאָס איז געווען די צייט ווען מען האָט ליקווידירט אַלע געטאָס). אַפֿילו איך האָב געהאַט פֿאַר איר פֿיל אָנערקענונג. אַפֿילו די, וועלכע האָבן איבערגעלעבט אַזוי פֿיל, אַפֿילו זיי איז געווען שווער צו פֿאַרשטיין פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען ביי איר אַזעלכע כּוחות, ווען אַרום איר זיינען געווען נאָר קברים. זי און נאָך פֿיר יידישע מיידלעך האָבן ווייטער געפֿירט געווער פֿון שטאָט און פֿון דערפֿער פֿאַר די פּאַרטיזאַנען, געפֿירט אַ גוואַלדיקע שפּיאָנאַזש־אַקציע אין שטאָט און

געשיקט אינפֿאָרמאַציעס קיין מאָסקווע. זיי זיינען געגאַנגען פֿון אָרט צו אָרט און געזוכט יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די לעכער און געשיקט זיי אין וואַלד אַריין.

נאָכן פֿאַרנעמען פֿון ווילנע, ווען זי איז געקומען צו אונדז, זיינען די ערשטע ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט, געווען: איך האָב זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז איר לעבט, אַז איך וועל נאָך אַמאָל זען מענטשן, וועלכע זיינען מיר געווען אַזוי נאָענט.

שרה

עס שטייט מיר נאָך פֿאַר די אויגן שרה. זי איז געווען די גאַנצע צייט אין שטאָט, און מיר האָבן באַשלאָסן זי זאָל פֿאָרן קיין וואַרשע מיט איר שוועסטער. אין לעצטן מאָמענט פֿאַרן אַוועקפֿאָרן, ביים געזע־גענען זיך, האָט זי געזאָגט צו מיר: דו ווייסט ,אויב איך זאָל איצט דאַרפֿן אומקומען, בין איך אין גאַנצן רואיק. איך ווייס, אַז איך האָב פֿאַרוואָס צו שטאַרבן. איך האָב איר געזאָגט: דו האָסט נאָך אַ סך וואָס צו טאָן, דו דאַרפֿסט נאָך ניט אומקומען. זיי זיינען דערפֿאָרן ביז מאַלקין. די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט און זיי זיינען ביידע דערשאָסן געוואָרן.

אַ געשיכטע פֿון בלוט און גבורה

און אַזוי איז די גאַנצע געשיכטע פֿאַרבונדן מיט בלוט און מיט גבורה; מיט אַ העלדישקייט פֿון טאָג־טעגלעכער אַרבעט. דאָס זיינען ווערטן, וועלכע מיר האָבן געשאַפֿן.

וויפֿיל מאָל האָבן די מיידלעך געטראַכט וועגן ארץ־ישראל, ווייל דאָס זיינען אַלץ געווען חברות, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך אַ חלוצישע דערציאונג, וועלכע האָבן געהערט צו דער יוגנטלעכער באַ־וועגונג. זיי זיינען געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדן מיטן פֿאָלק און זיינען אויסגעוואַקסן אַלס די שענסטע טיפֿן אין פֿאָלק.

דאָס וואָס איז דאָרט געשען, טאָר ניט גיין פֿאַרלאָרן, ווייל דאָס וואָס איז דאָרט געשען — דאָס זיינען גרויסע אוצרות, וואָס אַ פֿאָלק פֿאַרמאָגט און פֿון וועלכע דאָס פֿאָלק דאַרף שעפּן. אויב עס איז פֿאַראַן אַ געשיכטע אין אַ פֿאָלק, אויב עס איז פֿאַראַן אַ לעגענדע אין אַ פֿאָלק, וועלן די יעניקע אַריינגיין אין דער לעגענדע, און זיי וועלן דאָרט בלייבן לעבן. זיי קענען ניט אומקומען. זיי זיינען צו טייער. זיי זיינען צופֿיל געווען פֿאַרבונדן מיט זייער פֿאָלק. דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן — דאָס איז געווען אַזוי יידיש, מיט אַזאַ טיפֿן פֿאָדעם פֿאַרבונדן מיט דעם וואָס איז פֿאָלק, מיט דעם, וואָס איז יידנטום. זיי זיינען די גרעסטע געשטאַלטן, וועלכע וועלן מוזן בלייבן אין דער לעגענדע, וואָס דאָס פֿאָלק וועט שאַפֿן.

א. סוצקעווער

די לערערין מירע

מיט לאַטעס אויף לייבער, צעשניטן אין פּאַסן,
מען טרייבט אונדז אין געטאָ. עס גייען די גאַסן.
די הייזער באַגלייטן, אויף אייביק צעזעגנט,
און שטיינערדיק ווערט יעדע גזירה באַגעגנט.

אין תּפילין, ווי קרוינען, מאַרשירן די זקנים.
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאָרפס־ייִד אין איינעם.
אַ פֿרוי שלעפּט אַ גוסס, פֿאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צווייטער — אַ בינטעלע האָלץ אויף אַ וועגל.

און צווישן זיי אַלע — די לערערין מירע,
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ צווייטס ביי דער האַנט, און פֿאַרפֿאַנצערט אַרום איר —
די טרייע תּלמידים אין גרויליקן זומער.

וואָס בלענדן באַגנעטן, וואָס יאָגן זיי, מאָנען?
צי שפּרייזט מען ניט איצטער אין וואַלד אונטער פּאָנען?
די לערערין זינגט אַזוי שטיל, קוים צו הערן,
און קלאַנגען זיך שפּיגלען אין קינדערשע טרערן.

און קומט מען צו ייִדישער גאַס — איז אַ טויער,
נאָך ווארעם דאָס האָלץ, ווי אַ קערפּער אַ רויער.
און גלייך ווי אַ שליוז פֿאַר געטריבענע שטראָמען,
ער טוט זיך אַן עפֿן, פֿאַרשלינגט אין די תּהומען.

געיאָג איבער חורבות — אָן ברויט און אָן פֿייער:
דאָס ברויט איז אַ בוך, און דאָס ליכט איז אַ בלייער.
פֿאַרזאַמלט די קינדער אין חרובער דירה,
עס לערנט זיי ווייטער די לערערין מירע.

זי לייענט זיי שלום עליכמס אַ מעשה.
עס פֿינקלען די קינדער און לאַכן בשעת־מעשה.
זי פֿלעכט זיי מיט בלויאינקע סטענגעס די צעפּלעך
און ציילט איר פֿאַרמעג: הונדערט דרייסיק די קעפּלעך...

צוגלייך מיט דער זון איז די לערערין מירע
שוין וואַכיק און וואַרט אויף די קינדערלעך אירע.
זיי קומען. זי ציילט. אַ, ניט אויסציילן בעסער! —
דורך נאַכט האָט דאָ צוואַנציק פֿאַרשניטן אַ מעסער...

איר הויט ווערט אַ שויב אין פֿאַרנאַכטיקע פֿלעקן.
זי שוידערט און שמייכלט. וויל ס'האַרץ ניט אַנטפֿלעקן,
פֿאַרשלינגט זי איר טרער, און, אין ליבשאַפֿט באַפֿרייטער,
דערציילט זי פֿון לעקערטן, מונטערט זי ווייטער.

דורך נאַכט האָט אַ גרויקייט באַצויגן די הויפֿן,
און גרוי געמאַכט דער לערערינס האָר אויף די שלייפֿן:
— איר מאַמע, אין קברשער גרוב אַ פֿאַרהיטע,
מיט זיבעצן שילער אַוועק צו דער שחיטה.

ווען טאָג האָט די בלוטן געטריקנט, האָט מירע
באַהאַנגען מיט גרינס די פֿאַריתומטע דירה;
געקומען דער לערער גערשטיין, מען וועט זינגען,
דער כאָר זאָל אַריבער די טויערן קלינגען...

שוין קלינגט עס: „ניט ווייט איז דער פֿרילינג..."
נאָר אונטן —
די העק און באַגנעטן צעטרייסלען די גרונטן,
מען שלעפּט פֿאַר די האָר פֿון די קעלערס און לעכער.
„ניט ווייט איז דער פֿרילינג" פֿאַרקלינגט אָבער העכער.

שוין זעכציק פֿאַרבליבן; אָן שוועסטער, אָן מאַמען —
די לערערין מירע איז אַלע צוזאַמען.
ס'איז נאָענט אַ יום־טוב, איז טייבעלעך, קינדער,
אַ פֿאַרשטעלונג דאַרף מען באַווייזן, געשווינדער!

צום יום־טוב — ניטאָ מער ווי פֿערציק... נאָר איטלעך
מיט ווייניקן העמדל, מיט ליכטיקע טריטלעך.
אין דאַרשטיקן אויג — אַ צעשטערנטער הימל
אויף קלאַפּיקער ברוסט — אַזאַ בלוטנדיק בלימל!

ביים לייענען פּרצעס „דריטע מתנה"
האָט אונטערגעזאָגט דאָס געביי די סכּנה.
זיי האָבן געכאַפּט! און פֿאַרטאָג איז געבליבן
פֿון הונדערט מיט דרייסיק בלויז מירע און זיבן.

אַזוי, ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען,
איז מירע אַ בלום און די קינדערלעך בינען.
שוין גרוי איז דאָס בלוט און פֿאַרוועלקט אירע גלידער;
נאָר מאָרגן אין טוי וועט זי אויפֿבליען ווידער.

מאַי 1943, אין ווילנער געטאָ.

איטקע

לאה פּערלשטיין

לאה פּערלשטיין איז געבוירן געוואָרן אין 1913 אין סאָקאָלקע (פּאָלעסיע). אַ טאָכטער פֿון אַ משפּחה פֿון סוחרים און בעלי־תּורה האָט זי געלערנט אין דער „תּרבות"־שול און פֿאַרגעזעצט איר בילדונג אין לערער־סעמינאַר אין גראָדנע. זי איז געווען אַ העברעאישע לערערין אין עטלעכע שטעטלעך און שפּעטער איז זי אַריבער קיין וואַרשע. זי איז געקומען אין דער חלוצישער באַוועגונג דורכן „אירגון המורים", וואָס האָט עקזיסטירט ביים „מרכּז „החלוץ" אין פּוילן.

אין 1935 איז זי געווען אויף הכשרה אין ווילנע און דערנאָך איז זי געשיקט געוואָרן דורכן מרכּז „החלוץ" צום קיבוץ באָראָכאָוו אין לאָדזש. דאָס איז געווען אַ פֿאַרצווייגטער קיבוץ מיט פֿיל גרויסע ווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס — אַ נייעריי, שלאָסעריי, וועשעריי, אין וועלכע ס'האָבן געאַרבעט ביז 400 חברים. מיט איר קומען אין קיבוץ באָראָכאָוו האָט לאה געאַרבעט ביי פֿאַרשידענע אַרבעטן. אָבער נאָך אַ שטיקל צייט, האָט זי זיך קאָנצענטרירט אַרום דער קולטור־אַרבעט אין קיבוץ — זי האָט אָנגעפֿירט מיט העברעאישע קורסן און מיט פֿאַרשידענע קרייזן. אין יענער צייט האָט זי אויך אָנגעפֿירט אַ קורס אויף צוגרייטן לערער פֿאַר העברעאיש אין די קיבוצי הכשרה, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן „החלוץ". אַ קורצע צייט נאָך איר אַריינגיין אין קיבוץ איז לאה געוואָרן איינער פֿון די הויפּט־זיילן פֿון קיבוץ. זי איז געווען אַקטיוו אויף אַלע געביטן און איר נאָמען איז אַלעמען באַקאַנט.

ווען ס'איז אין 1938 געשאַפֿן געוואָרן די חברות־קאָמיסיע ביים מרכּז „החלוץ", איז לאה אַריין אין דער דאָזיקער קאָמיסיע צוזאַמען מיט צביהן, פֿרומקען, טאָשיען און אַנדערע חברות.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך לאה געפֿונען אין לאָדזשער קיבוץ. שוין אין די ערשטע טעג פֿון סעפּטעמבער האָבן זיך שוין די דייטשן געפֿונען אין די טויערן פֿון דער שטאָט. אַ שרעקלעכע בהלה האָט אַרומגעכאַפּט די יידן. עס האָט זיי באַהערשט אַ מורא פֿון אַ באַלדיקער פֿאַרניכטונג און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־געלויף פֿון דער שטאָט.

אַ גרופּע פֿון די חברים אין קיבוץ האָט באַשלאָסן, אַז זיי בלייבן — זיי פֿאַרלאָזן ניט דעם פּלאַץ פֿון זייער לעבן און שאַפֿן. לאה האָט זיך געפֿונען צווישן די דאָזיקע צען חברים.

נאָך לאַנגע וואַגלענישן און וואַנדערונגען, קערן זיך אום אין עטלעכע וואָכן אַרום, אַ טייל פֿון די חברים צוריק אין לאָדזש. דאָ טרעפֿן זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ ביסן ברויט, אַ דאַנק די יעניקע חברים, וואָס האָבן אָפּגעהיט דעם קיבוץ. די דאָזיקע תּקופֿה — פֿון סוף 1939 און אָנהויב 1940 — איז אין לעבן פֿון לאָדזשער קיבוץ אַ תּקופֿה פֿון אייַנבייסן זיך מיט די נעגל אין דאָזיקן ווינקל. טאָג־טעגלעך פֿלעגן זיי ווערן באַזוכט דורך פֿאַרשטייער פֿון דער געסטאַפּאָ, וואָס פֿלעגט צורויבן דאָס פֿאַרמעגן פֿון קיבוץ און אַרעסטירן די חברים. לאה האָט זיך געהאַלטן פֿעסט: זי האָט געפֿירט פֿאַרהאַנדלונגען מיט די דייטשן. זי האָט געטענהט, אַז דאָ געפֿינען זיך פּליטים, וואָס שפּייזן זיך פֿון זייער אַרבעט. זי פֿלעגט זיי איינעמען מיט רייד און מיט געלט. אָפֿטמאָל איז איר אויך געלונגען אָפּצושרייען אַ גזירה.

לאה האָט רעפּרעזענטירט דעם קיבוץ אין לאָקאַלן „יודען־ראַט" און אין אַנדערע אינסטיטוציעס. אין דער צייט, ווען דער אַרויספֿאָר פֿון שטאָט איז געווען פֿאַרבונדן מיט גרויסע געפֿאַרן, האָט לאה אָנגעהויבן מאַכן נסיעות פֿון לאָדזש קיין וואַרשע און צוריק, כּדי אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיטן מרכּז. איר „אַרישער" אויסזען און געשליפֿענער פּויליש, האָבן איר אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן.

לאה איז געבליבן אין קיבוץ צווישן די לעצטע. עס זיינען שוין צוגערויבט געוואָרן די נײַ־מאַשינען, די כּלים און מכשירים און ס'איז שוין ניט געווען מער קיין מעגלעכקייט ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. ס'איז געווען קלאָר, אַז ס'איז געקומען דער סוף, אַז ס'איז נישטאָ קיין האָפֿנונג ווייטער אויפֿצוהאַלטן דעם קיבוץ.

די לאָדזשער יידן זיינען שוין געווען דאַן אין געטאָ און דער מרכּז האָט ניט מסכּים געווען, אַז לאה זאָל פֿאַרבלייבן אין לאָדזש. די חברים האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז זי זאָל קומען קיין וואַרשע. זי האָט פֿאַרלאָזן לאָדזש נאָכן אָרגאַניזירן אין געטאָ דעם קערן פֿון דער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ גרופּע פֿון 6 חברות, וואָס האָבן גענומען אויף זיך פֿאַר־צוזעצן ווייטער די אַרבעט און אויפֿהאַלטן די פֿאַרבינדונגען.

אין וואַרשע איז לאה אַריין אין עול פֿון דער אַרבעט פֿון מרכּז. אײַ־בעראַל האָט מען געפֿילט איר האַנט. איר אויסזען, איר שפּראַך, האָבן איר פֿיל דערמעגלעכט צו פֿאַרלאָזן אָפֿט די געטאָ, צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט פּאָליאַקן און דייטשן, און כּסדר אַרומצופֿאָרן איבערן לאַנד. זי האָט

זיך אויך באַטייליקט אין דער קולטור־אַרבעט פֿון „החלוץ" און אָנגעפֿירט קורסן און סעמינאַרן פֿון העברעאיש.

אין זומער 1940 האָט דער מרכז „החלוץ" געזוכט מעגלעכקייטן ווי פֿאַרצוזעצן די הכשרה. מען האָט געמוזט אַרויסנעמען חברים פֿון דער געטאָ, וואו זיי האָבן געהונגערט און אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. לאה איז געוואָרן באַאויפֿטראָגט צו שטיין אין שפּיץ פֿון אַ גרופּע פֿון 70 מענטשן, וואָס איז אַרויס צו לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט ביי אַ גוט־אייגנטימער אין טשערניאַקאָוו (ביי וואַרשע). די חברים זיינען געוואָרן אויפֿגעלעבט: אַרבעט, בעסערע דערנערונג, רעלאַטיווע פֿרייהייט פֿון באַוועגונג; ווידער האָט זיך געהערט דאָס חלוצישע ליד, דער חלוצישער טאַנץ. אויך די קריסטן האָבן געוואוסט — דאָ אַרבעטן חלוצים. לאה אַרבעט אָן אויפֿהער. איר ערנסט און אחריות־געפֿיל געווינען די סימפּאַטיע פֿון גוט־באַזיצער, און ער העלפֿט פֿאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פֿון דער פלוגה. לאה פֿירט אָן, ווי שטענדיק, די קולטור־אַרבעט, אָרדנט איין שמועסן, און די חברים זיינען צוגעבונדן צו איר ווי צו אַן אייגענער מאַמען.

עטלעכע מאָל אין וואָך פֿלעגט זי פֿאָרן קיין וואַרשע דערליידיקן די ענינים פֿון דער פלוגה און אָנטיילנעמען אין די באַראַטונגען פֿון מרכז. יעדעס אַריינגיין און אַרויסגיין פֿון געטאָ איז פֿאַרבונדן געווען מיט געפֿאַרן, אָבער זי שרעקט זיך ניט אָפּ.

ס'האָט זיך געענדיקט דער זומער און די פלוגה איז געוואָרן צוריק־געשיקט אין געטאָ. די חברים וואַרטן מיט אומגעדולד אויפֿן פֿרילינג, אויפֿן אַרויסגיין צוריק אין דאָרף. יעדער פֿון זיי פֿלעגט זיך ווענדן צו לאה, איר דערמאָנענדיק זי זאָל אים ניט פֿאַרגעסן ווען די קבוצה וועט אויפֿסניי ווערן אָרגאַניזירט. און לאה האָט שוין אין מיטן ווינטער אָנ־געהויבן פֿאַרהאַנדלען מיטן גוט־באַזיצער, ער זאָל איינשטימען צו פֿאַר־גרעסערן די קבוצה און איר אַנגאַזשירן אויף יערלעכער אַרבעט. ווען די חברים זיינען אין זומער 1941 אַרויס קיין טשערניאַקאָוו, האָבן זיי זיך שוין ניט צוריקגעקערט נאָכן פֿאַרענדיקן דעם סעזאָן קיין וואַרשע. די גרופּע איז געבליבן אין גוט ביז זומער 1942.

טשערניאַקאָוו איז געוואָרן דער סטראַטעגישער צענטער פֿון דער באַוועגונג, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער פּלאַץ, וואו די חברים האָבן זיך געקאָנט פֿריי באַוועגן. דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט די פֿאַר־בינדונגען. אויף דעם פּלאַץ האָבן זיך באַהאַלטן די חברים, וואָס האָבן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַריער און זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייערע רייזעס איבערן לאַנד. דאָ האָבן זיי באַקומען מאַטעריאַל און אינפֿאָרמאַציע אַרויס־גייענדיק אין די סניפֿים. לאה איז געווען איבערן קאָפּ באַוואָרפֿן מיט אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פון „אויסזידלונג". מען האָט געדאַרפט ראַטעווען חברים. מיט דער הילף פון אַרישע דאָקומענטן פלעגן זיך חברים אַרויסגנבענען פון געטאָ. לאה האָט צוגעשטעלט די דאָקומענטן. איין מאָל איז זי געכאַפּט געוואָרן פון אַ פּוילישן פּאָליציאַנט ביי די טויערן פון געטאָ. איר דערפינדערישער גייסט, איר מוט האָבן איר געראַטעוועט. אָבער די סכּנותפולע אַרבעט האָט זי ניט איבערגעריסן. איין לעבנסציל האָט זי געהאַט פאַר זיך: צו ראַטעווען.

דער רינג האָט זיך פאַרצויגן איבערן האַלדז פון די וואַרשעווער יידן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צו דער פאַרטיידיקונג. די פלוגה אין טשערניאַקאָוו האָט געדינט ווי אַ צענטער פאַר די דאָזיקע הכנות. מיט דער פאַרשטאַרקונג פון טעראָר האָט מען פאַרמסרט די קבוצה און זי איז געוואָרן פאַרטריבן צוריק אין געטאָ. לאה האָט זיך געקאָנט אַרויסדרייען, אָבער זי איז געגאַנגען מיט דער קבוצה: זי קאָן זיך ניט פאַרשטעלן די גרופּע אָן איר און זיך אַליין אָן אירע תּלמידים.

די ידיעות וואָס זיינען לעצטנס אָנגעקומען, דערציילן, אַז לאה איז געכאַפּט געוואָרן אויף די וואַרשעווער גאַסן צוזאַמען מיט חברה שניידערמאַן און זי איז פאַרשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

פון טרעבלינקע קומט מען ניט צוריק. און דאָך איז שווער צו גלויבן, אַז לאה איז מער נישטאָ. תּמיד וועל איך איר זען מיט איר באַזונדערן ערנסט פון אַ לערער, ווייל לאה איז ביי אַלע אירע פאַרשידענע און שווערע אויפגאַבן תּמיד פאַרבליבן — דער לערער.

לאה קאָזשעבראָדסקאַ

לאה, אָדער לאָנקע, ווי מען האָט זי גערופן, איז געבוירן געוואָרן אין 1915. זי איז אויסגעוואַקסן אין אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַמיליע. נאָך דעם ווי זי האָט געענדיקט אַ פּוילישע גימנאַזיע, איז זי אַוועק שטודירן אין אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוגנט־באַוועגונג „דרור" און זי איז געוואָרן אַ באַגאַבטע לערערין. אין די זומער־קאָלאָניעס פון אונדזער באַוועגונג אין פּוילן איז זי געווען די אויפזעערין און דערציערין פון קליינע גרופּעס און זי האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט.

איר שטאַרקער כאַראַקטער האָט זיך אָבער ערשט אויף אַן אמת אַרויסגעוויזן ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה, ווען זי האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער באַוועגונג. זי האָט אויף זיך גענומען די געפֿערלעכע מיסיע אויפֿצוהיטן די פֿאַרבינדונג צווישן די צווייגן פֿון דער באַוועגונג אין פֿאַרשידענע ערטער פֿון לאַנד. ווייניק חברות האָבן געהאַט די אייגנ־שאַפֿט וואָס פֿאָדערט זיך כּדי אויסצופֿירן אַזאַ מיסיע.

זי איז געווען שיין, הויך און שלאַנק און ניט איין מאָל פֿלעגט זי מיט איר שטאָלצן בליק אָנוואַרפֿן אַ שרעק אויף די חברים וואָס האָבן זי ניט געקענט. ווען אַזאַ איינער וואָס האָט זי ניט געקענט האָט זי געזען צוזאַמען מיט אַ חבר, האָט ער געמיינט אַז זי איז געשיקט פֿון דער גע־סטאַפּאָ צו פֿאַרלייגן אַ נעץ. זי פֿלעגט נעמען אויף זיך יעדע געפֿערלעכע אַרבעט און ניט מורא געהאַט אַז עפּעס וועט מיט איר פּאַסירן. די חברים האָבן געוואוסט אַז אויב זי נעמט זיך אונטער עפּעס צו טאָן איז דאָס אין זיכערע הענט. איר כאַראַקטער איז געווען א וואונדערלעכער געמיש פֿון לעבנס־פֿרייד, ערנסטקייט און אַ סך פֿלייס און ענערגיע. זי האָט ליב גע־האַט אַלע חברים און זי איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. מיט איר האָט זיך יעדער איינער געפֿילט שטאַרקער און זיכערער אין זיין אַרבעט.

אין דער צייט פֿון דער נאַצי־אָקופּאַציע פֿלעגט זי אָפֿט וואַנדערן הין און צוריק פֿון אָקופּירטען פּוילן אין די טעריטאָריעס וואָס זיינען אַנעקסירט געוואָרן צו נאַצי־דייטשלאַנד. זי פֿלעגט אויך אָפֿט אַריבער די גרענעץ פֿון דער דייטשער צו דער סאָוועטישער טעריטאָריע אין פּוילן און זי האָט אויך געוואַנדערט איבער ליטע. זי איז כּסדר געווען אונטערוועגנס און מיט גרויס דערפֿאָלג אָרגאַניזירט די אונטערערדישע אַרבעט.

אין 1940 ווען דער חלוצישער קיבוץ אין גראָכאָוו, לעבן וואַרשע איז אָרגאַניזירט געוואָרן, איז לאַנגע געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דעם קיבוץ. זי האָט אויך אָרגאַניזירט עטלעכע חלוצישע גרופּעס אין לובלינער געגנט. זי האָט אָנגעפֿירט די פֿאַרהאַנדלונגען מיט די לאַנד־אייגנטימער און אונטערגעשריבן די קאָנטראַקטן. זי איז געווען די פֿאַרבינדונג צווישן די איינצעלנע גרופּעס און דעם צענטער. און אַ דאַנק איר האָט דער צענטער אין וואַרשע געוואוסט וואָס עס טוט זיך אויף די ערטער.

זי האָט אַרויסגעוויזן אַ סך ענערגיע און איינפֿאַל אין איבערפֿירן מאַטעריאַל פֿון אָרט צו אָרט. ניט איינמאָל האָט אַ „געסטאַפּאָניק" זי געהאַלפֿן טראָגן די וואַליזע מיט פֿאַרבאָטענעם מאַטעריאַל, ווייל ער האָט געמיינט, אַז זי איז אַ קריסטלעך מיידל. איר האָט מען ניט געכאַפּט ווייל זי האָט געשפּירט ווען אַ געפֿאַר איז נאָענט און זי פֿלעגט באַ־

ווייזן באַצייטנס צו פאַרניכטן אָדער באַהאַלטן דעם מאַטעריאַל. זי האָט קיין מאָל ניט פאַרלאָרן איר רואיקייט און איר זעלבסט־צוטרוי.

אין 1941 ווען חברים האָבן גענומען שמוגלען גרענעצן האָט לאָנקע געטאָן וויכטיקע אַרבעט. זי האָט צוגעגרייט די פּאַפּירן, אויסגעקליבן די מענטשן, געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט שמוגלער, באַשלאָסן אין וועלכע גרענעץ־פּונקטן איז דאָס בעסטע זיך אַריבערשמוגלען און זי האָט אָנ־געהאַלטן די פאַרבינדונגען מיטן צענטער. פון צענטער פלעגט זי פירן די נויטיקע געלט־סומען צו די גרענעצן.

ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן רוסלאַנד, האָט זי באַלד אָנגעהויבן די רעטונג־אַרבעט. זי פלעגט באַזוכן די ערטער וואָס זיינען געווען פריש איינגענומען פון די נאַציס און זי פלעגט אַריבערפירן חברים פון אָרט צו אָרט. אַ סך חברים האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ווילנע, וועלכע איז געווען פון די ערשטע שטעט וואו די נאַציס האָבן אָנגעהויבן זייער אויסראָטונג. אין ביאַליסטאָק איז די לאַגע געווען עטוואָס בעסער. האָט זי דעריבער געאַרבעט טאָג און נאַכט צו ראַטעווען חברים פון ווילנע און אַריבערפירן קיין ביאַליסטאָק און אַנדערע ערטער וואו מען האָט נאָך עטוואָס געאָטעמט.

ווען אַלע האָפענונגען האָבן זיך אויסגעלאָזן און די געטאָ האָט זיך גענומען גרייטן צום אויפשטאַנד; איז אויסגעפאַלן אויף לאָנקען צו העל־פען קריגן וואָפן. זי האָט זיך אויסגעמישט מיט פּאַליאַקן און דייטשן און געזוכט אַלע מעגלעכקייטן צו קריגן געווער. אויף איינער פון די שליחותן האָבן זי די נאַציס געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין אַ קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער...

ד"ר מ. דוואָרזשעצקי

פון געטאָ צו געטאָ

(איבערגעגעבן פון בראָניע — בעלאַ חזן[1])

פּאַריז, יוני, 1945. אַריינקומענדיק אין לשכה פון „החלוץ" אויף 83 אַוועניו דע לאַ גראַנד אַרמיי, געפין איך עפּעס אַ באַקאַנטן פּנים. „חברטע, פון וואַנען?" — „איך בין פון גראָדנע". — „אפשר איז אייך באַקאַנט, וואָס איז געוואָרן מיט בראָנקע לימאַנאָווסקאַ און לאָניע קאָזשעבראָד־סקאַ?" — „איך בין בראָניע".

און בראָניע זעצט זיך און דערציילט וועגן אירע שליחותן צווישן די געטאָס אין ווילנע, גראָדנע און ביאַליסטאָק, וועגן איר אַרעסט אין פּאַוו־

[1] בעלאַ כאַזאַן, אַ מיטגליד פון „החלוץ" און „דרור" וואָס גיט דאָ איבער וועגן אירע איבערלעבונגען דורך 5 יאָר היטלער־רעזשים אין פּוילן, געפינט זיך איצט אין ארץ־ישראל.

יאַק, וועגן טראַגישן גורל פֿון לאַניעז, וועגן זייער לעבן אין לאַגער פֿון אָשוויענטשים.

איך נאָטיר איר דערציילונג:

אין די ערשטע וואָכן פֿון דער געטאָ האָבן אויף אַ זיצונג פֿון „מועצת החלוץ" מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו און מערסיק[1] באַשלאָסן, אַז זי זאָל אַרויספֿאָרן אין געטאָ גראָדנע און זען, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר. זי איז אָנגעקומען קיין גראָדנע און געאַרבעט דאָרטן אַלס איבערזעצערין. אין גראָדנע האָט זי געטראָפֿן די חברים בראַווער און בעלקאַ און געהאַט מיט זיי אַ באַראַטונג וועגן אויפֿנעמען אין גראָדנער געטאָ חברים פֿון ווילנע.

אידאַ בוראַקאָוו, אַ חברטע פֿון ווילנער קיבוץ פֿון „החלוץ", העלפֿט איר אויפֿשטעלן אין גראָדנע אַ „החלוץ"־גרופּע פֿון 56 חברים. זיי פֿירן אָן אומלעגאַלע אַרבעט אין דער ביבליאָטעק פֿון יידן־ראַט. זיי פֿירן דורך פֿאַרשידענע שמועסן און פֿירן אָן מיט העברעאישע קורסן. עס ווערט דאָרט געגרינדעט אַ סניף פֿון „החלוץ־הצעיר".

די גרופּע פֿון פּועלי ציון־התאחדות אין גראָדנע ווערט אָנגעפֿירט דורך ד"ר בעלקאַ און ציילט 28 אַקטיוויסטן. די זיצונגען קומען פֿאָר אין אַ צימער פֿון יידן־ראַט. דער פֿאָרזיצער פֿון יידן־ראַט איז ד"ר בראַווער, אַ העברעאישער לערער, זייער באַליבט אין געטאָ; ד"ר בעלקאַ איז געווען לייטער פֿון דער אימפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג.

בראַניע אַרבעט אין הערעס בויאַמט אויף פֿאַפּירן פֿון אַן אַריערין. איין מאָל, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פּועלי ציון־התאחדות, זיינען אַריין די דייטשן אין געטאָ זוכן גאָלד. זי ווערט געכאַפּט און איינגעשפּאַרט: ווי קומט אַ קריסטין אין געטאָ? אויף דערויף איז געווען איר ענטפֿער, אַז זי היילט זיך די ציין ביי אַ יידישן דענטיסט אין דער געטאָ. זי מעלדעט אין בוי־אַמט, אַז איר ברודער איז געשטאָרבן אין ווילנע און זי מוז פֿאָרן צו דער לויה. זי באַקומט אַ רייזע־שיין און פֿאָרט אין געטאָ־ווילנע מיט ידיעות פֿון גראָדנער געטאָ.

אין ווילנער געטאָ האַלט זי אָפּ אַ זיצונג מיטן „החלוץ" און פּועלי ציון־התאחדות אין לאָקאַל פֿון יידן־ראַט. נאָך איר רייזע האָט מען געדרוקט אין ווילנער געטאָ רייזע־שיינען פֿאַר אַנדערע. די שטעמפּלען אַרבעטן אויס מערסיק און מרדכי טענענבוים.

זי קערט זיך צוריק אין גראָדנע מיט אַ שוואַרצן באַנד אויפֿן אָרם נאָך דער „לויה" פֿון איר ברודער. אין גראָדנע, אין דייטשן אַמט, טרעפֿט זי אַ קריסטין, וואָס בעט אַ פּאַסיר־שיין אויף אַריינצוגיין אין געטאָ. דאָס

---

[1] טוער פֿון „החלוץ" און „דרור".

איז לאָניע קאָזשעבראָדסקאַ. זי איז געקומען פֿון וואַרשע אַלס פּוילישע מיט פֿאַפּירן אויפֿן נאָמען פֿון קריסאַ קאָסאָווסקאַ, אין שליחות פֿון וואַר־שעווער „החלוץ".

זיי זיינען ביידע געקומען אין גראָדנער יידן־ראַט, און אָפּגעהאַלטן אַ פֿאַרזאַמלונג מיטן סניף „החלוץ" און מיט דער פּועלי ציון־התאחדות. די פֿרייד פֿון די חברים ביי זייער דערשיינען איז געווען זייער אַ גרויסע. פֿון גראָדנע זיינען זיי ביידע געפֿאָרן קיין ווילנע. בראַניע האָט געוואַרט אויסערן געטאָ, לאָניע איז אַריין אין געטאָ, אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די חברים פֿון „החלוץ" און פּועלי ציון־התאחדות, אָפּגעגעבן גרוסן פֿון גראָדנער געטאָ, דאַן זיינען געמאַכט געוואָרן פּאַר פֿיר חברות פֿון „החלוץ" אַרישע פּאַפּירן, און בראַניע פֿירט זיי אַוועק באַנדאַזשירטע אַלס קראַנקע, קיין ביאַליסטאָק.

לאָניע פֿאָרט אַוועק קיין וואַרשע איבערגעבן דאָרט גרוסן פֿון די געטאָס פֿון גראָדנע און ווילנע. בראַניע פֿאָרט צוריק קיין גראָדנע. פֿון דאָרטן פֿאָרט זי מיט אַ גרופּע חלוצים קיין ביאַליסטאָק, וואו עס ווערט געגרינדעט אַ קיבוץ און אַ סעמינאַר, וועלכע ווערן אָנגעפֿירט דורך פֿרומקע פּלאָטניצקאַ, צבי מערסיק און מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו, וועלכע זיי־נען אָנגעקומען גלייכצייטיק פֿון ווילנע קיין ביאַליסטאָק.

דער קיבוץ פֿון „החלוץ" אין ביאַליסטאָק האָט געציילט 86 חברים פֿון ווילנע, גראָדנע, סלאָנים און ביאַליסטאָק. דער קיבוץ באַקומט פֿון ביאַליסטאָקער יידן־ראַט 89 מאָרג ערד און די חלוצים פֿירן דאָרטן דורך אַ נאָרמאַלע הכשרה אויף ערד אַרבעט, וואוינענדיק אַלע צוזאַמען אין קיבוץ.

אין ביאַליסטאָק איז געווען אַ גרופּע פֿון „השומר הצעיר", וואו עס האָט געאַרבעט אַקטיוו די חברטע טאָשע און חיים פֿון דער הנהגה הראשית אין וואַרשע. דעם קאָנטאַקט צווישן „החלוץ" און פּועלי ציון־התאחדות אין ביאַליסטאָק האַלטן אָן מרדכי טענענבוים און מערסיק. אין פּועלי ציון איז זייער אַקטיוו דער חבר כמעלניק. דער פֿאַרזיצער פֿון יידן־ראַט אין ביאַליסטאָק איז געווען באַראַש. אָנגעפֿירט מיט דער סאָציאַלער פֿאַר־זאָרגונג האָט כמעלניק.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם סעמינאַר פֿון „החלוץ" אין ביאַליסטאָק, איז לאָניע אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ שליחות קיין וואַרשע און זי איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן. אויף אַ זיצונג פֿון דער מועצת־הקיבוץ פֿון ביאַ־ליסטאָק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז בראַניע זאָל אַרויספֿאָרן זוכן לאָניען.

דעם 12טן יוני, 1942, קומט בראַניע מיט אַ פֿאַלשן רייזע־שיין קיין מאַלקין, אויפֿן וועג קיין וואַרשע. זי ווערט דאָרטן פֿאַרהאַלטן דורך

דער געשטאַפּאָ. אויפֿן פֿאַרהער האָט מען איר געפֿרעגט, צי זי קען קריסא קאַסאָווסקאַ, ביי וועמען מען האָט געפֿונען איר פֿאָטאָגראַפֿיע. בראַניע זאָגט, אַז לאַניע האָט איר פֿאָטאָגראַפֿיע אַלס אַ דאַנק פֿאַר אַ לעבנס־טובה. בראַניע האָט קוים באַוויזן צו פֿאַרניכטן אַ וואַנט־צייטונג פֿון קיבוץ פֿון „החלוץ״ אין ביאַליסטאָק, וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך אין די צעפּ. בראַניע איז געבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע, וואו זי איז גענומען געוואָרן אויף אַ פֿאַרהער וועגן קריסאַ קאַסאָווסקאַ, וואָס איז געווען פֿאַרהאַלטן אונטערן פֿאַרדאַכט פֿון שפּיאָנאַזש אַלס אַ פּוילישע.

אין וואַרשע איז בראַניע איבערגעפֿירט געוואָרן אין דער תּפֿיסה פֿון פּאַוויאַק.

אין פּאַוויאַק האָט בראַניע געטראָפֿן קריסאַן מיט אָפּגעשוירענע האָר. זיי זיינען צוזאַמען געזעסן אין איין צעלע, וועמענס פֿענצטער עס זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף גענשע 14 (דער געוועזענער לאָקאַל פֿון די פּועלי ציון אין וואַרשע). קריסאַ פֿלעגט זאָגן: „ איך האָב דעם איינדרוק, אַז מען קוקט אויף אונדז פֿון גענשע 14״. בראַניע האָט געאַרבעט אין דער וועשעריי פֿון ס. ס. אין פּאַוויאַק און קריסא — אין דער קיך ביים שיילן קאַרטאָפֿל. זיי זיינען ביידע אַריינגעפֿאַלן אַלס פּוילישע, צוליב די זעלבע געפֿעלשטע פּאַפּירן.

אין פּאַוויאַק איז געווען אַ יידן־צעלע. דאָרט זיינען געווען פֿאַרהאַלטן יידן צוליב פּאָליטישע חטאים. צווישן זיי איז געווען אַ חלוצה, שושנה גזשענדא, וועלכע איז געכאַפּט געוואָרן בשעת אַן אַקציע פֿון דער געשטאַפּאָ אין וואַרשעווער געטאָ (זי האָט ביי זיך געהאַט אַ חלוצישע צייטונג).

אין פּאַוויאַק פֿלעגט מען די יידן אויפֿוועקן ביינאַכט נאָקעטערהייט און מען פֿלעגט זיי דרעסירן מיט ווילדע הינט. בשעת אַזאַ אַקציע האָט אַ הונט צוביסן שושנה גזשענדאַס פֿיס. צופּעסקאַ האַנקאַ, אַ פּוילישע קאָמוניסטין, האָט איר פֿאַרבונדן דעם פֿוס. לאַניע פֿלעגט זיי ברענגען באַהאַלטענערהייט געגנבעטע מערן און ריבן פֿון קיך. בראַניע האָט פֿאַר איר געוואַשן די וועש.

אין צוויי מאָנאַטן אַרום, זיינען אַלע יידן פֿון דער יידן־צעלע אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון פּאַוויאַק און מער האָט זי זיי ניט געזען. דאַן זיינען אָנגעקומען אויף זייער אָרט אַנדערע יידן.

דעם 12טן נאָוועמבער, 1942, זיינען לאַניע און בראַניע אַרויסגעפֿירט געוואָרן מיט אַ טראַנספּאָרט פֿון 56 פּאָליטישע אַרעסטירטע קריסטן קיין אָשוויענטשים. ביידע האָבן דאָרט געאַרבעט ביי פֿעלד־אַרבעט אַלס קריסטינס. נאָך 3 וואָכן זיין אין אָשוויענטשים, זיינען זיי ביידע קראַנק

געוואָרן אויף פּלעקן־טיפוס. בראַניע איז געזונט געוואָרן נאָך 4 וואָכן און געבליבן אַרבעטן אין רעוויר אַלס רעוויר־שרייבערין.

לאַניעס קראַנקייט האָט געדויערט 6 וואָכן און זי האָט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ מיט געשוואָלענע פיס און אַזוי געגאַנגען צו דעראַרבעט. שפּעטער האָט זי זיך צוריקגעקערט מיט 40 גראַד היץ און באַקומען אַ צוזאַמענ־ברוך, וואָס האָט איר זייער אָפּגעשוואַכט.

לאַניע האָט געשפּירט, אַז איר טויט איז נאָענט. זי איז געשטאָרבן אין פעברואַר, 1943 אין אַשוויענטשים. פאַרן טויט האָט זי צוגערופן בראַ־ניען און איר געזאָגט: „איך וועל דעם פאָדעם פון קנויל ווייטער ניט דער־ציען. דערצי עס דו ביזן סוף. בלייב מוטיק און קוק אַלעמען אָפן אין פּנים. פאַראַט זיך ניט, דאַן וועסטן איבערלעבן דעם לאַגער. שלום”. — און זי איז שטיל געשטאָרבן.

בראַניע איז געגאַנגען צום קאָמענדאַנט פון לאַגער און געבעטן אַ דערלויבעניש צו טראָגן לאַניען אויף אַ ספּעציעלן טראָג־בעטל צום קרע־מאַטאָריום. מיט פיר קריסטינס פון פּאַוויאַק האָט בראַניע געטראָגן לאַניעס קערפּער אויף אַ באַזונדער טראָג־בעטל, באַדעקט מיט בלומען, און אין קרעמאַטאָריום איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע צערעמאָניע פון פאַרברענען.

אין פּסח, 1943, איז פאָרגעקומען אין האַלץ־באַראַק פון אַשוויענטשים די ערשטע פאַרזאַמלונג פון „החלוץ”. די חלוצים האָבן געמאַכט ביים צוים פון לאַגער ב” אַן אונטערגראַבונג, און איין מאָל ביינאַכט, ווען עס איז אָנגעקומען צום קרעמאַטאָריום אַ טראַנספּאָרט פון יידישע פרויען פון טערעזיענשטאָט און לאָדזש, איז זיי געלונגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַריינצוברענגען 14 מיידלעך אין לאַגער אַריין. זיי זיינען דאָרט די גאַנצע צייט געווען אַלס נסתּרים, באַהאַלטענע, ניט רעגיסטרירטע, זיי פלעגן זיך פאַרשטעקן בשעת די אַפּעלן. די חלוצים פלעגן זיי געבן עסן פון די אָפּגעשפּאָרטע פון זייער שפּייז־ראַציע.

מיט אַ טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען די חברטע עמאַ מאַרטיניאַק פון קראַקאָווער „החלוץ”. אין פרויען לאַגער פון אַשוויענטשים זיינען מיט דער צייט צוגעקומען צו דער גרופּע פון „החלוץ” 15 חברות פון ביאַליס־טאָקער געטאָ. אין מענער־לאַגער איז געווען טעטיק מנחם גראַבאָווסקי פון „החלוץ”. ער איז שפּעטער געשטאָרבן פון פּלעקן־טיפוס. ער האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנען אויסערן לאַגער, האָט איבער־געקויפט די ס. ס. און אַרויסגעפירט עטלעכע גרופּעס פון יידישע אַרעס־טירטע אין וואַלד און ער איז ווידער צוריקגעקומען אין לאַגער, וואו ער האָט אָנגעפירט אַ גרופּע פון חלוצים און שומרים. די חברטעס וואָס זיינען אָנגעקומען פון ביאַליסטאָק, האָבן דערציילט, אַז ווען מערסיק האָט זיך

דערוואוסט וועגן אַרעסט פֿון בראַניען און לאַניען אין פּאַוויאַק, האָט ער דאָס זייער שווער איבערגעלעבט און איז געשטאָרבן פֿון מוח־אָנצינדונג.

דעם 18 יאַנואַר, 1945, ווען די רוסן האָבן זיך דערנעענטערט צו אָשוויענטשים און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אָקופּאַציע פֿון אָשוויענטשימער לאַגער, האָבן די חלוצים זיך געשטעלט צום טראַנספּאָרט צוזאַמען און זיי זיינען געגאַנגען צופֿוס קיין ראַווענסברוק. די יידן האָט מען געשיקט קיין בערגען־בעלזען און די אַריער — קיין בוכענוואַלד. פֿון בוכענוואַלד איז בראַניע צוזאַמען מיט דער קראַנקן־גרופּע געפֿאָרן קיין לייפּציג.

ווען די אַמעריקאַנער האָבן זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, איז די קראַנקן־גרופּע, וואו בראַניע האָט געאַרבעט, אַריבער אונטער דער אויפֿזיכט פֿון רויטן קרייץ, און די אַמעריקאַנער האָבן אין אַ פּאָר טעג אַרום באַפֿרייט דעם לאַגער.

רבקה גלאַנץ

רבקה גלאַנץ איז געבוירן געוואָרן אין 1915 לעבן קאָנין אין פּויזנער פּראָווינץ. צו דער חלוצישער באַוועגונג איז זי געקומען דורך „דרור" וואו זי איז אויסגעוואַקסן און געווען טעטיק.

איר הכשרה האָט זי אָנגעהויבן אין פּלאָצקער קיבוץ לעבן לאָדזש. דאָס איז געווען אַ קליינער קיבוץ וואָס האָט זיך שווער געראַנגלט פֿאַר זיין עקזיסטענץ און די חברים האָבן הויפּטזעכלעך פֿאַרדינט פֿון דרויסנדיקע אַרבעטן. רבקה איז געווען פֿון די ערשטע חברות אין דעם קיבוץ. שפּעטער איז זי אַריבער קיין לאָדזש אין קיבוץ באָראָכאָוו. דאָרט האָט זי זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט פֿון דער יוגנט־באַוועגונג „דרור" און סוף 1935 איז זי געשיקט געוואָרן צום געגנט־סעמינאַר לעבן לאָדזש.

ווען אַ טייל פֿון דער חלוצישער יוגנט אין פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן ספּעציאַליזירן ביי שיפֿן, איז רבקה געווען צווישן די וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קיין גדיניע, דעם פּוילישן פּאָרט ביים באַלטישן ים און זי איז געווען איבערגליקלעך צו זיין צווישן די פּיאָנערן אויף דעם געביט.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין גדיניע, איז רבקה געווען אויפֿן ערשטן פֿייער. די יידן האָבן אָנגעהויבן לויפֿן פֿון פּאָרט און אַ טייל פֿון די דאָרטיקע חברים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ קליין שיפֿל איבערן ים. רבקה און נאָך צוויי חברים זיינען אָבער געבליבן אויפֿן אָרט. ווען די נאַציס זיינען אַריין אין גדיניע זיינען די דריי חברים אַוועק און רבקה איז געבליבן אַליין. זי האָט באַשלאָסן דאָרט צו זיין וואָס עס זאָל זיך ניט מאַכן.

זי האָט אָבער איר באַשלוס ניט געקאָנט אויספֿירן, ווייל די נאַציס האָבן אַרויסגעטריבן אַלע יידן און אַוועקגערויבט דעם גאַנצן פֿאַרמעגן. זי האָט באַשלאָסן זיך אומצוקערן צום קיבוץ בּאַראַכאָוו אין לאָדזש.

זיך גרייטנדיק אין וועג אַריין האָט געטראָפֿן אַ טשיקאַווע און האַלב־שפּאַסיקע זאַך וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ לעגענדע אין דער גאַנצער באַוועגונג. איידער זי איז אַוועק פֿון גדיניע האָט זי גענומען מאַכן אַ פּעקל מיט זאַכן וואָס זי זאָל קאָנען טראָגן אין האַנט. פּלוצלונג האָט זי דערזען די האַרמאָניקע פֿון קיבוץ וואָס האָט פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל פֿרייד די חברים. זי האָט געפֿילט אַז זי קאָן זיך ניט שיידן מיט דער האַרמאָניקע און זי האָט פֿאַר זיך דאָס פּראָבלעם: וואָס נעמט מען, דעם פּעקל מיט פּראַקטישע זאַכן אָדער די האַרמאָניקע? זי האָט גענומען די האַרמאָניקע, איר איינציקע באַגלייטערן אויף דעם געפֿערלעכן וועג פֿון גדיניע קיין לאָדזש. ווען זי איז אָנגעקומען אין קיבוץ אַריין, האָט זי זיך געשעמט מיט דער האַרמאָניקע ווען זי האָט ניט מיטגענומען קיין קליי־דער און קיין אַנדערע נויטיקע זאַכן. זי האָט באַהאַלטן די האַרמאָניקע לעבן דער טיר און איז אַריין מיט ליידיקע הענט. „כ׳האָב קיין שום זאַך ניט געקאָנט מיטנעמען" האָט זי געזאָגט די חברים. פֿאַרשטייט זיך אַז מען האָט שפּעטער געפֿונען די האַרמאָניקע, און אַלע האָבן זיך דער־וואוסט דעם סוד. די האַרמאָניקע איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון געראַ־טעוועטען חלוצישן פֿאַרמעגן.

רבקה איז געווען טעמפּעראַמענטפֿול, פֿול מיט לעבן און פֿרייד און זייער סענסיטיוו. זי איז געווען סימפּאַטיש און אויפֿגעטראָגן מיט אַלעמען און די וואַרעמע חלוצישע אַטמאָספֿערע איז געווען איר לעבנס־לופֿט.

דער קיבוץ באַראַכאָוו האָט דורכגעמאַכט זייער אַ שווערן קריזיס, און רבקה האָט צוזאַמען מיט לאה פּערלשטיין גענומען אויף זיך אַלע פֿאַר־אַנטוואָרטלעכע אַרבעטן. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי זיך לאָזן אין וועג אַריין כּדי אַרויסצוהעלפֿן די פֿאַרבינדונג צווישן לאָדזש און וואַרשע. זי האָט אויך געקראָגן אַרבעט אין „יודען־ראַט" און דורך איר איינפֿלוס זיינען דאָרט אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַנדערע חברות. ווען דער

קיבוץ איז ליקווידירט געוואָרן האָט זי באַשלאָסן צו בלייבן אין לאָדזשער געטאָ און זי איז געווען איינע פֿון די זעקס חברות וואָס האָבן אָפּגעהיט דעם לעצטן רעשטל פֿון אונדזער באַוועגונג אין געטאָ.

שפּעטער האָט די באַוועגונג זי גערופֿן קיין וואַרשע וואו זי האָט געאַרבעט צווישן דער יוגנט. פֿון וואַרשע איז זי געשיקט געוואָרן קיין לובלין וואו זי איז געוואָרן דער זייל פֿון דער אונטערערדישער באַוועגונג. זי האָט געזאָרגט פֿאַר דער טראַנספּאָרטירונג פֿון מאַטעריאַל און פֿאַר די פֿאַרבינדונגען מיטן צענטער.

אין 1941 האָט זיך געשאַפֿן אַ געלעגנהייט צו גרינדן אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע גרופּע אויף אַ פֿאַרם לעבן טשענסטאָכאָוו. רבקה האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון דער חלוצים קאָלאָניע און איז דאָרט געבליבן ביז די נאַציס האָבן אָנגעהויבן די אויסראָטונג.

רבקה גלאַנץ איז געווען די נשמה פֿון דער חלוצישער זעלבסטשוץ אין טשענסטאָכאָוו און זי איז געשטאָרבן מיט וואָפֿן אין דער האַנט קעמפֿנדיק העלדיש קעגן די נאַצישע סאָלדאַטן.

זי איז געווען אַ טאָכטער פֿון פֿאָלק. זי האָט געאַרבעט פֿאַרן פֿאָלק, און איז אומגעקומען פֿאַר אים.

טאָשע אַלטמאַן

טאָשע אַלטמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אויגוסט 1918 אין וולאָצלאַוועק ביי רייכע עלטערן. אין עלטער פֿון 11 יאָר האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין „השומר הצעיר“. אין 1938 איז זי אַרויס אויף הכשרה קיין טשענסטאָכאָוו, און שפּעטער פֿאַרנומען צענטראַלע פּאָסטנס אין דער באַוועגונג.

מיטן אויסברוך פֿון קריג איז זי אַריין אין דער הנהגה ב׳ פֿון „השומר הצעיר“, וואָס האָט געדאַרפֿט אָנפֿירן מיט דער באַוועגונג אין קריגס־צייט אויפֿן אָרט פֿון דער פֿריערדיקער הנהגה. זי איז אַוועק קיין ווילנע און פֿון דאָרט צוריקגעגאַנגען קיין וואַרשע. אין 1939/1940 פֿירט זי דורך פֿיל באַזוכן אין פּוילן און אין גאַליציע. אין 1941 האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ געפֿערלעכער שליחות אין די געביטן, וואָס די דייטשן האָבן דעראָבערט פֿון די רוסן. זי באַזוכט ביאַליסטאָק, באַראַנאָוויטש, ווילנע (זי איז געווען

דאָרט דער ערשטער שליח נאָכן דעראָבערן דורך די נאַציס די מזרח־געביטן) און שפּאַרט אויך אָן אין לעמבערג. אין ווילנע האָט זי צוזאַמען מיט לאָנקע קאָזשבראָדסקאָ פון „דרור״ געהאָלפן אָרגאַניזירן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

זי קומט צוריק קיין וואַרשע און גיט איבער די שוידערלעכע פאַקטן וועגן גורל פון די יידן אין די מזרח־געביטן. צוויי מאָל גייט זי קיין שלעזיע. איין מאָל האָבן איר די נאַציסשע גרענעץ־וועכטער געכאַפּט אָבער זי דרייט זיך אַרויס פון זייערע הענט און אַנטלויפט צופוס 25 קילאָמעטער פון טשענסטאָכאָוו ביז דער פערמע אין זשאַרקי.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, ווערט זי באַשטימט אַלס פאַרבינדערין מיט אַרישן קוואַרטאַל, כדי צו קריגן געווער. בעתן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט זי געקעמפט אין „צענטראַלן געטאָ". דעם 8טן מאַי 1943 האָט זי געקעמפט אין באַנקער אויף מילע 18, וואו ס'זיינען געפאַלן פיל קעמפער. צוזאַמען מיט 14 חברים האָט זי דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן זיך אַרויסגעקריגן אין אַרישן שטאָט־טייל. מיט 2 וואָכן שפּעטער האָט זי זיך געפונען אין באַהעלטעניש פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין פּראַגע אין בוידעם־שטוב פון אַ צעלעלויד־פאַבריק אויף דער גאַס פון 11טן נאָוועמבער 10. דאָרט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה ביי וועלכער טאָשע איז אומגעקומען צוזאַמען מיט נאָך 8 חברים. עדות וואָס זיינען געשטאַנען פון דער ווייטנס גיבן איבער, אַז 2 מיידלעך איז געלונגען זיך דורכצורייסן די פלאַמען, אָבער פוילישע פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט און זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן וואָס האָבן זיי דערמאָרדעט.

פון די בריוו פון טאָשע אַלטמאַן

וואַרשע, דעם 10־טן דעצעמבער, 1941.

ס'איז שווער דאָס שרייבן. יוסף [1] וועט זיין אין דער היים די נאָענטסטע טעג און ער וועט דיר ענטפערן אויף אַלע פראַגן, וואָס אינטערעסירן דיר — — —

מיר לעבן ווי פריער. סמינאַרסקי [2] באַזוכט אונדז אַציגד. דו קענסט דאָך אים גוט. ער באַזוכט באַזונדערס דעם מנהל (לייטער) און ער וועט

[1] יוסף קאַפּלאַן, טוער פון „השומר הצעיר" אין וואַרשע. געהרגעט געוואָרן בעתן אויפשטאַנד אין אַפּריל 1943.
[2] עס ווערט געפּירט אַ סעמינאַר.

ביי אים זיין אַ חודש צייט. זיי האָבן זיך שטאַרק קעגנזייטיק ליב און זיי צושיידן זיך נישט טאָג און נאַכט. דער קליינער מנהל וועט אַ סך לערנען פון טייערן גאַסט. מיר זיינען גליקלעך פון דעם דאָזיקן בילד. דאָס דערמאָנט אונדז יענע גוטע טעג, ווען מיר פלעגן איינאָרדענען שפּאַצירן און זומער־קאָלאָניעס. אַלע באַקאַנטע פרייען זיך דערמיט.

כ׳האָב דיר שוין געשריבן וועגן הכשרקע,[1] וועלכע האָט נעכטן געפייערט איר געבורטסטאָג. אין די באַדינגונגען פון די איצטיקע טעג — איז עס שיין.

דאָס זיינען איצט די וויכטיקסטע זאַכן אין מיין לעבן. איך בין זיך משער, אַז אויך דו וועסט זיך דערמיט פרייען. ווען דו וועסט זען מאירן, דערצייל אים, ביטע, די זאַך און גריס אים פון גאַנצן האַרצן. זיי אויך דו געזונט און שטאַרק.

טאָשע.

* * *

וואַרשע, דעם 12־טן דעצעמבער 1941.

(צו אַ חבר אין ארץ־ישראל).

מיט פרייד זיינען מיר דיר מודיע, אַז מיר האָבן געפייערט דעם ערשטן געבורטסטאָג פון אונדזער טאָכטער הכשרקע אין וואַרשע. מיר ווילען זייער, אַז זי זאָל זוכה זיין צו זען בקרוב איר באָבען. דו קענסט זיין שטאָלץ מיט דיינע אייניקלעך. אין דעם טאָג שיקן מיר דיר און דיין משפחה אונדזערע בעסטע ברכות.

טאָשע.

* * *

הרוביעשאָוו,[2] 1942

(צו אַ חבר אויסער פוילן).

מיין טייערער פריינט!

זאָל דיר ניט פרייען דער פאַטאָס אין אָנהויב (פון מיין בריוו). עס איז אין אים אויסגעדריקט דאָס, וואָס כ׳וועל שוין זיכער ניט זיין ביכולת אויסצודריקן אין אינהאַלט פון בריוו. אומצאָליקע מאָל האָב איך דיר אָנגעהויבן שרייבן, אָבער שטענדיק איז געקומען דאָס געפיל וועגן דער אומנוצלעכקייט פון דאָזיקן שרייבן, און דאָס האָט מיר פאַרהיט פון

---

[1] חלוצישע הכשרה.

[2] אין דער געגנט פון לובלין.

אַפּטאָן אַ קאָמישע זאַך. פֿאַרשטייסט — תּמיד באַגלייט דיר דער באַוואוסט־זיין, אַז דאָס קלאַמערן זיך אין די רעשטלעך פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און זיי אַרויסציען אין טאָג־ליכט — איז ניט מער ווי אַן אילוזיע און אַ זעלבסט־פּייניקונג. צו־וואָס אַלזאָ? איר האָט דאָך אונדז אַלעמען אויס־געמעקט פֿון אייער זכּרון, און מיר וואָס? כ׳וועל זיך מודה זיין, אַז מען דאַרף ניט שעפּן וואַסער פֿון אַ פֿאַרגיפֿטעטן קוואַל. איך קעמף מיט זיך אַליין, ניט אויסצוגיסן די פֿאַרביטערונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף דיר און דיינע פֿריינט, וואָס איר האָט אונדז אין גאַנצן פֿולשטענדיק פֿאַרגעסן. כ׳בין בייז אויף דיר, וואָס דו האָסט מיר ניט געהאָלפֿן אַפֿילו מיט עטלעכע ווערטער. אָבער איך וויל ניט היינט מאַכן קיין חשבון מיט דיר. נאָר דאָס באַוואוסטזיין און די זיכערקייט, אַז מיר וועלן זיך שוין קיין מאָל ניט זען, האָבן מיר געצוויגט צו שרייבן איצט דעם בריוו.

ישׂראלס און מיין קרענק — און דו ווייסט דאָך ווי לאַנג מיר ראַנגלען זיך מיט איר — האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן אין גאַנצן ווי אומהיילבאַר. אַזוי האָבן געפּסקנט די דאָקטוירים. מען דאַרף זיך אַלזאָ, ביסלעכווייז צוגעוואוינען צום דאָזיקן געדאַנק. אפֿשר נאָך מורא־דיקער איז דאָס, וואָס ס׳איז שוין נישטאָ קיין סך צייט זיך צוצוגעוואוי־נען צו אים. וואָלסט אַוודאַי געוואָלט וויסן וואָס עס מאַכן אונדזערע משפּחה־מענטשן און די אַנדערע. און אָט: פּרעותניצקי [1] און שחיטה וואוי־נען צוזאַמען מיט מיר און מיט ישׂראל. ס׳איז ניט געווען קיין עצה קעגן דעם. דאָס האָט פֿאַטאַל משפּיע געווען אויף ישׂראלס געזונט, און איך זע ווי דאָס וועט פֿון אים מאַכן אַן עק. אָבער וואָס זאָל מען טאָן? דאָס זיינען די באַדינגונגען און ניט קיין אַנדערע. איך טו אַלץ דאָס אויסצו־מיידן, אָבער צו מיין באַדויערן זיינען דאָ פֿאַקטאָרן, וואָס דערשטיקן אויך דעם שטאַרקסטן ווילן. ישׂראל גייט אויס פֿאַר מיינע אויגן, און איך ברעך די הענט און כ׳קאָן אים ניט העלפֿן. האָסטו אַמאָל געפּרוּווט קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט? מיט צוויי חדשים צוריק בין איך געווען אין דיין געבורטסשטאָט. כ׳האָב דאָרט געטראָפֿן מיינע חברים פֿון דער שול חורבן. זיינע געשעפֿטן גייען אויסגעצייכנט...

חורבן האָט מיר באמת באַגלייט און זיך באַמיט צו פֿאַרזיסן מיר די טעג פֿון מיין פֿאַרוויילן אין שטאָט. דו ווייסט דאָך, אַז וואָס ס׳איז נוגע די באַפֿרידיקונג פֿון עמאָציעס, איז ער שטענדיק געווען זייער העפֿלעך. כ׳האָב געזען חייקען. אויסער איר האָב איך קיינעם ניט געטראָפֿן.

וואָס נוגע דער מאַטעריעלער זייט פֿון אונדזער עקזיסטענץ, אָרדנט מען זיך ווי ס׳איז איין. מען אַרבעט ווי אַמאָל, יוסף און איר אין אונדזער

[1] פּרעות — פּאָגראָמען.

פֿאַך (אין דער הנהגה), און ווי עס איז גייט די אַרבעט. נאָר איין זאַך האָט זיך געענדערט — די אויסזיכט. איך האָב נאָר איין פֿאַרלאַנג: מודיע צו זיין די וועלט, אַז ישראל איז אַזוי קראַנק. דאָס איז דאָך מיין בעסטער פֿריינט. און אויב מען קאָן אים ניט העלפֿן אַ סך מיט ממשותדיקער הילף, דאָך דער באַוואוסטזיין אַליין, אַז ווער עס איז באַגלייט אונדז, אַפֿילו בלויז אין געדאַנק, אויפֿן וועג פֿון יסורים — ברענגט מיט זיך אַ געוויסע פֿאַרלייכטערונג. אָבער רעג זיך ניט צופֿיל אויף, מיין טייערער, עס עקזיסטירן דאָך טעאָריעס וועגן צופּאַסונג צו באַדינגונגען.

...„גריס ניט קיינעם. איך וויל זיי ניט קענען! אָבער דיר וואָלט איך געוואָלט נאָך אַמאָל זען,

טאַשע.

פּ. שטיינוואַקס

רחל שטיין

איר גאַנצער לעבן איז באַשטאַנען פֿון אַרבעט, אַרבעט און אַרבעט לטובת הכלל.

די יידישע אָרעמע באַפֿעלקערונג אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט אין פּוילן, האָבן זי געקענט אַלס מוטער רחל, ווייל איר הויפּט־טעטיקייט האָט זי געווידמעט דער יידישער יתומים־פֿאַרזאָרגונג. אַ טיף מוטערלעך געפֿיל האָט זי באַגלייט אין איר אַרבעט.

אויף איר גורל איז אויסגעפֿאַלן צו פֿאַרנעמען אַ לייטנדיקן אַמט אין דער צענטראַלע פֿאַר יידישער יתומים־פֿאַרזאָרגונג אין פּוילן — אַן אינסטיטוציע וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פֿון „דזשאָינט" און וואָס האָט געשמט מיט איר וואונדערבאַרער הילפֿס־אַרבעט.

רחל שטיין האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פֿעאיקייטן ביים לייזן די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט האָדעווען און דערציען יתומים־קינדער. אויף דער אַגענדאַ פֿון איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט האָט אַ גרויסן אָרט אויך פֿאַרנומען דאָס באַזאָרגן מיט זומער־קאָלאָניעס און אָפּרו־פּלעצער די יידישע אָרעמע אַרבעטער־קינדער, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין די הייסע זומער־חדשים אין אַ ביסל לופֿט און גוטער דערנערונג. די עלטערן אָרעמע יידישע בעלי־מלאכות, האָבן פֿון זייערע מאָגערע פֿאַרדינסטן, וואָס זיינען קוים־קוים געווען גענוג אויף צאָלן דירה־געלט און אַ מאָגערן מאָלצייט. נישט גע־האָט קיין מעגלעכקייט צו קאָנען אַליין דעקן די אויסגאַבן, וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן מיטן אַרויסשיקן זייערע קראַנקע און שוואַכע קינדער

אויף זומער פּלעצער. דאָס איז געווען די זאָרג פון רחל שטיין. גלייך נאָך פּסח איז שוין רחל שטיין געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. צו איר פלעגן קומען אָרעמע יידישע מאַמעס, אַליין אַרבעטאָרינס אָדער פרויען פון אַרבעטער, פון די קעלער־ אָדער בוידעם־שטיבלעך פון ניזקע און שליסקע (אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן אין וואַרשע). אין די הונדערטער האָט מען זיי געקאָנט זען אין וואַרט־צימער ביי רחל שטיין, וואוהין זיי זיינען געקומען פאַרשרייבן זייערע קינדער פאַר די זומער־קאָלאָניעס.

ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, ווען די לאַגע פון די יידן אין פּוילן האָט ממש שוין דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט פון פאַרצווייפלונג, און אין טויזנטער יידישע אַרבעטער־היימען זיינען קינדער אַרומגעגאַנגען הונגעריקע און עלנטע, ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיך ביידע אַרומגעדרייט איבער די גאַסן און געזוכט עפּעס צו פאַרדינען און האָבן קיין באַשעפטיקונג ניט געקראָגן — איז די דאָזיקע אַרבעט פון באַזאָרגן די קינדער אין די זומער־חדשים מיט ריינער לופט און גוטער דערנערונג געווען פון אומגעהייערער וויכטיקייט, און די אַרבעט האָט געפאָדערט איבערמענטשלעכע כּוחות און אָנשטרענגונג. די צאָל פאַרשריבענע קינדער זיינען תּמיד געווען מער ווי די צאָל פּלעצער אין די קאָלאָניעס. מען האָט געדאַרפט האָבן גוואַלדיקן געדולד אויסצוהערן די טענות פון די אָרעמע מוטערס, זיי איינצורעדן, באַרואיקן, צוזאָגן און טאַקע געפינען פּלעצער פאַר זייערע קינדער.

רחל שטיין איז געווען באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט אַ ספּעציעלן חוש צו קאָנען אויסהערן יענעמס לייד און מיטפילן יענעמס צער און ווייטיק, זוכנדיק דערביי אַלע מעגלעכסטע מיטלען יענעם צו העלפן אין זיין פאַרצווייפלטער לאַגע.

מחוץ פון אירע טעטיקייטן אויפן געביט פון קינדער־ און יתומים־ פאַרזאָרגונג איז רחל שטיין אויך געווען אַקטיוו אין אַלגעמיינעם געזעל־ שאַפטלעכן לעבן. די שווערע לאַגע פון די יידישע מאַסן אין פּוילן האָט זי געהאַלטן אין שפּאַן פון פליכטן. זי איז געווען אַ ראַטמאַן אין וואַר־ שעווער שטאָט־ראַט, אַקטיוו אין דער פּועלי ציון פּאַרטיי און אין יידישן שול־וועזן ווי אין נאָך אַ גאַנצער ריי געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט רחל שטיין ניט פאַרלאָזן איר פּאָסטן, געבליבן אין וואַרשע און ווייטער פאַרגעזעצט איר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אין די שווערע טעג אונטער דער היטלער־אָקופּאַציע האָט איר אחריות־געפיל זי ניט פאַראַטן. געטריי און איבערגעגעבן איז זי געשטאַנען ווי אַן אויסגעפּרואוטער זעלנער אויף דער וואַך און האָט געדינט דער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ, טראָגנדיק הילף, דער־ מוטיקונג און בטחון.

פֿעניע בעדרא

„וויצאָ“ חברות אין טשעכאָסלאָוואַקיע

... מיט אַ צעדריקט האַרץ שרייב איך די דאָזיקע שורות. די גרויסע און שטאַרקע אָרגאַניזאַציע איז חרוב געוואָרן. ס׳רוב פֿון אירע איבערגעגעבענע חברות זיינען דאָרט געבליבן און פֿיל פֿון זיי זיינען צעטראָטן געוואָרן אונטער די טעראָר־טריט פֿון היטלעריזם.

אָט איז חנה שטיינער, אַ קליינע, און צאַרטע פֿרוי, געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אַרבעטס־קראַפֿט, מיט אַ שאַרפֿן שכל, איבערגעגעבנקייט און ליבע צום ווערק פֿון ווידעראויפֿבוי אין ארץ־ישראל. נאָך דעם דייטשן אַריינמאַרש קיין פּראָג, האָט זי נאָך פֿאָרגעזעצט עטלעכע יאָר איר טעטיקייט אין דער יידישער קהילה ביז אויך זי איז פֿאַרטריבן געוואָרן קיין טערעזיענשטאַדט. אַלע ידיעות וואָס האָבן אונדז דערגרייכט וועגן איר האָבן דערציילט וועגן דער גרויס פֿון איר ליבע צום יידנטום. טאָג־טעגלעך פֿלעגט זי לייענען צוזאַמען מיט איר מאַן קאַפּיטלעך פֿון תנ״ך און געשעפּט פֿון זיי מוט און קראַפֿט. זי האָט קיין מאָל ניט אויפֿגעגעבן די האָפֿנונג צו קומען קיין ארץ ישראל און זיך דאָרט צו באַזעצן צוזאַמען מיט אירע קינדער.

מערקע שמולקע איז אין אַנהויב פֿון קריג געווען באַשעפֿטיקט מיט הילפֿס־טעטיקייטן אין פּאַריז; פֿון דאָרט איז זי אַוועק קיין לאָנדאָן און איז דאָרט פּלוצלונג געשטאָרבן. די דאָזיקע גרויסע פּערזענלעכקייט וואָס איז געווען אַזוי מענלעך אין איר אויסערלעכקייט, איז געווען אין גאַנצן צאַרטווייבלעך אין איר נשמה, מיטגעפֿילט די ליידן פֿון יעדן אומגליקלעכן, פֿאַרשטאַנען זיינע שוואַכקייטן און איר האַרץ איז געווען פֿול מיט ליבע צו קינדער. איר שאַרפֿזין און קלוגער פֿאַרשטאַנד האָבן איר אויפֿגעהויבן פֿון די רייען פֿון מיטלמעסיקייטן און יעדער איינער, וועלכער האָט זוכה געווען צו פֿאַרברענגען אין איר געזעלשאַפֿט איז געוואָרן שטאַרק באַרייכערט. איר דירה אין צענטער פֿון שטאָט איז געווען ווי אַ פֿרידלעכער אינדזל, וואָס מיר האָבן ליב געהאַט אָפֿט צו באַזוכן, צו נעמען אַן עצה, צו אַרבעטן און לערנען פֿון דער דאָזיקער גרויסער פֿרוי. זייענדיק אַן אַסימילירטע, איז זי אין 1929 אָפּגעפֿאָרן קיין ארץ ישראל און צוריקגעקומען פֿון דאָרט אַן איבערגעגעבענע, פֿלאַמענדיקע ציוניסטקע.

און אָט זיינען נאָך חברות. אָלגע וויטערניץ, וואָס איז געווען באַקאַנט יעדן שליח פֿון ארץ־ישראל, וואָס האָט געווידמעט איר גאַנצע ליבע דעם „החלוץ“, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט צו טאָן קליינע זאַכן פֿון טאָג־

טעגלעכער רוטין און איז שטענדיק געווען גרייט צו זיין אַקטיוו. זינט יאָרן האָבן מיר פֿון איר גאָרנישט געהערט. אָדער גיזי פֿליישמאַן, דער לעבעדיקער גייסט פֿון קרייז פֿון בראַטיסלאַוואַ, אַ שיינע פֿרוי וועמען דאָס לעבן האָט געצערטלט, וואָס האָט לויט די פֿאַרשידענע ידיעות, וואָס דערגייען צו אונדז, אַרויסגעוויזן אַזעלכע זעלישע און מאָראַלישע כּוחות, וואָס קיינער האָט זיך עס נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז אין איר ליגן באַהאַלטן אַזעלכע כּוחות. אונטער לעבנסגעפֿאַר האָט זי געהאָלפֿן הונדערטער חלוצים און קינדער עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. און אָט איז מערי פּאָלאַק, די דאָזיקע קליינע און נשמהדיק־איידעלע פֿרוי, וואָס האָט אין גאַנצן פֿאַרגעסן אַז אויך זי האָט אַ רעכט אויף לעבן, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אין שאָטן און געלאָזן אַרויפֿשטייגן אַנדערע. זי האָט אויפֿגעבויט די באַוועגונג פֿון „יונג וויצאָ", זי האָט אָרגאַניזירט און געשאַפֿן דעם פֿינאַנציעלן יסוד פֿאַרן הויז פֿון דער „יונג וויצאָ" אין קרית־ביאַליק, וואָס ווערט איצט גערופֿן אויף איר נאָמען. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז מערי פּאָלאַק געווען אין יוגאָסלאַוויע און געהאָלפֿן אָרגאַניזירן די עליה פֿון קינדער און יוגנטלעכע און פֿון גרופּן פּליטים. אין דער לעצטער פּאָסט, וואָס איז אַרויס פֿון יוגאָסלאַוויע איידער די נאַציס האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד, האָט זי מיר געשיקט אַ בריוו, אין וועלכן זי געזעגנט זיך מיט אונדז אַלעמען און זי שרייבט: „איך וויל ענדיקן מיט די ווערטער פֿון פּרעזידענט מאַסאַריק: „כ'האָב אַ קליינע טרייסט, וואָס כ'האָב זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער ריכטיקער זייט פֿון לעבן".

יעקב קענער

פּאָליע עלסטער

פּאָליע עלסטער איז צום סוף פֿון 1926, צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע גימנאַזיסטן, געקומען צו אונדז פֿון „השומר הצעיר" און זי איז באַלד „באַלוינט" געוואָרן פֿון רעאַקציאָנערן רעזשים אין פּוילן מיט 2 חדשים אַרעסט אין דער „פּאַוויאַק"־תּפֿיסה, דערפֿאַר, ווייל זי האָט פֿאַרן אַרויסגאַנג פֿון אַ מיטל־שול פֿונאַנדערגעטיילט אַן אומלעגאַלן אויפֿרוף פֿון דער פּועלי־ציון־יוגנט. אין וועלכן די שול־יוגנט איז גערופֿן געוואָרן צו פֿייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־טאָג.

אַרויסקומענדיק פֿון תּפֿיסה האָט זיך פּאָליע מער נישט אומגעקערט אין שולע אַריין, נאָר איז געוואָרן אַן אַרבעטאָרין און אָנגעהויבן איר דערציערישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט אין די ראַמען פֿון אונדזער

מיטלשילער־פֿאַרבאַנד „דער פֿרייער השומר". פֿון יענער צייט אָן האָט מען זי טאָג־איין טאָג־אויס, יאָר־איין יאָר־אויס, באַגעגנט אין אַלע פֿאַר־טייאישע טעטיקייטן.

אַזוי איז, כּמעט אומבאַמערקט פֿון דער יונגער גימנאַזיסטקע, אויס־געוואַקסן אַן ערנסטע און רייפֿע אַרבעטער־טוערין, מיט גרויסע פּעדאַ־גאָגישע פֿעאיקייטן, מיט פּאָליטישן שוואונג און מיט נאָך גרעסערע באַגערן פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער עקספּאַנסיע. פֿאַליע איז אין דער אַרבעט גייסטיק געוואַקסן און זי פֿאַרנעמט פֿון יאָר־צו־יאָר אַלץ העכערע פּאָזיציעס. זי ווערט אַ מיטגליד פֿונם וואַרשעווער פּועלי ציון קאָמיטעט, גייט אַריין אינם צענטראַלן יונגבאַר־סעקרעטאַריאַט, ווערט אויסגעקליבן אַלס דע־לעגאַטקע צו די פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָרן און ווערט די אַנערקענטע פֿירערין פֿון דער „פֿרייער השומר" באַוועגונג.

אַזוי איז דאָס געווען ביז סעפּטעמבער 1939. שפּעטער, אונטער דער בלוטיקער נאַצישער אָקופּאַציע, ווערט זי פֿונם אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי באַשטימט אַלס אָנפֿירערין פֿון איינער פֿון די 5 קיכן וואָס די לינקע פּועלי ציון האָבן אין יענע יאָרן פֿאַרמאָגט און וועל־כע האָט גלייכצייטיק געדינט ווי צענטערן פֿאַר דער אונטערערדישער פּאָליטישע טעטיקייט. נאָך שפּעטער, ווען די דייטשע מערדער האָבן אָנ־געהויבן דורכצופֿירן זייערע ליקווידאַציעס און עס זיינען כּסדר שיטערער געוואָרן די רייען פֿון אונדזערע חברים, איז פֿאַליע געוואָרן, צוזאַמען מיט הערש בערלינסקין, די נשמה פֿון דער וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט. פֿון דעמאָלט אָן באַגעגנען מיר אָפֿט איר נאָמען אין די געהיימע באַריכטן וואָס די וואַרשעווער חברים פֿלעגן אַרויסשיקן פֿון פּוילן. זי רעפּרעזענ־טירט די לינקע פּועלי ציון פּאַרטיי אין די פֿאַרשיידנסטע בשותּפֿותדיקע קאָמיסיעס פֿונם אונטערערדישן „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" און נעמט גאָר אַן אַקטיוון אָנטייל אין די צוגרייטונגען צום וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד.

נאָך דער בלוטיקער ליקווידאַציע פֿונם אויפֿשטאַנד, ראַטעוועט זיך פֿאַליע אינם אַרישן קוואַרטאַל פֿון וואַרשע, וואו זי לעבט אַלס „אַריערין" און פֿירט אויס די פֿונקציע פֿון אַ „קוריער", אַ פֿאַרמיטלערין, צווישן דעם צענטראַלן קאָמיטעט און די אַרבעטס־לאַגערן אויף דער פּראָווינץ. אַלס פֿאַרשטעלטע קריסטין פֿירט זי פֿונאַנדער די אונטערערדישע לי־טעראַטור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין וואַרשע און טיילט פֿונאַנדער צווישן די געהיימע אָנפֿיר־קאָמיטעטן אין די פּראָווינצער געטאָס און שקלאַפֿן־לאַגערן די פֿינאַנציעלע הילף און ברענגט פֿון דאָרט צוריק די ידיעות וועגן דער פּיינפֿולער וועגעטאַציע פֿון די לעבעדיקע מתים.

אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט זי כּסדר מצליח־געווען. איר אויסער־לעך גריכיש אויסזען, איר האַלטונג, איר פּערפעקט באַהערשן די פּוילישע שפּראַך און אירע אַרישע דאָקומענטן האָבן זי געשיצט און זי געזיכערט פון אַ דורכפאַל. איר איז אָבער נישט באַשערט געווען צו דערלעבן די באַפרייאונג פון נאַצישן יאָך. און אפשר האָט זי שוין מער ניט געשטרעבט צו פערזענלעכער באַפרייאונג? האָט זי דאָך מיט אייגענע אויגן צוגעזען דעם גרויסן חורבן פון פּוילישן יידנטום און איינגעזאַפּט אין איר טעמ־פּעראַמענטפולן וועזן די העכסטע באַגערן פון בלוטיקער נקמה — טאָ ווי האָט זי געקענט שטיין מן־הצד ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער וואַרשעווער אויגוסט־אויפשטאַנד, בעת די רויטע אַרמיי איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פון שוועטער־געפּראוואוטן וואַרשע? האָט זי טאַקע, צוזאַמען מיט אירע נאָענסטע קאַמפּס־חברים פון די לעצטע עטלעכע יאָרן, גענומען דאָס געווער אין אירע הענט, כּדי כאָטש אינם לעצטן מאָמענט, צו קילן איר נאַציאָנאַלן שמערץ אינם בלוט פון די פאַרשאָלטענע דייטשן, און איז דערביי אַליין געפאַלן ווי אַ מוטיקע העלדין.

פון די בריוו פון צביה לובעטקין

וואַרשע, דעם 25־טן סעפּטעמבער, 1941.

צו די חברים אין אַמעריקע,

נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איז מיר געלונגען אויפצושטעלן די הכשרה. מיר האָבן אין אונדזערע קיבוצים ביי 700 חברים. מיט פיל געלט און כּוחות איז דאָס אונדז געלונגען! גראָכאָוו ראַנגלט זיך מיט גרויסע שוועריגקייטן. אויך דער קיבוץ אין בענדין. אין דער יוגנט־באַוועגונג זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן צוויי לענגערע סעמינאַרן. אויסער אונדזער דערציאונגס־אַרבעט דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן מיט ענינים, וואָס זיינען אונדז קיין מאָל ניט איינגעפאַלן. מיר האָבן געשאַפן פאָלקס־שולן און אַ גימנאַזיע; מיר פאָרן אַרויס אויף באַזוכן, הגם דער ענין איז גאָרניט אַזוי פשוט — — — קיין מאָל האָט מען נאָך אונדז אַזוי ניט דערקענט און אָפּגעשאַצט ווי מען טוט עס איצט — —

וואָס איז געשען מיט אייך? אַלע באַקומען דאָ שטיצע פון אַמעריקע און נאָר מיר נישט! — — — געדענקט, אַז אָן אייער הילף וועלן מיר ניט אויסהאַלטן קיין לאַנגע צייט. זייט דאָס מודיע די חברים אין ארץ־ישראל.

צ.

וואַרשע, דעם 19־טן אָקטאָבער, 1941.

(צו די חברים אין אַמעריקע)

כ'האָב געשיקט אַ חברה אין די נייע רוסישע אָקופּאַציע־געביטן. זי שרייבט מיר פון דאָרט: מ—ק מיט 50 חברים געפינען זיך אין ווילנע. 40 חברים אין שאַוול. זיי האָבן געליטן פון פיל אַרעסטן און מוראדיקע פּאָגראָמען. ב—ר מיט די חברים — — — זיינען אין דער רויטער אַרמיי. ע—ך ליגט פאַרוואונדעט אין שפּיטאָל אין לעמבערג[1].

ביי מיר איז נישטאָ קיין נייעס. מען הויבט אָן אַרויסטרייבן פון דער לאַנדווירטשאַפט. די צווייטע וואָך וועט זיך עפענען דער דריטער ראַיאָן־סעמינאַר פון דער יוגנט. „געוואַלד" וואו איז אייער הילף? וואָס איז געוואָרן מיט אייך?

צ.

* * *

12־טער אַפּריל, 1944.

מיין טייערער,

אַנטשולדיקט, וואָס כ'האָב דיר שוין לאַנג ניט געשריבן. איך לייען דיינע בריוו צו א—ך, דאַנק פאַר די גרוסן. ביי מיר איז נישטאָ קיין נייעס. איך בין געזונט. איך ווייס נישט פון וואַנען האָסטו גענומען, אַז איך בין „קראַנק"[2] ס'איז אמת, אַז א—ך איז געווען „קראַנק" און אַפילו געפּערלעך. דערפאַר שרייב אים ניט מער ווייל ער איז אַוועק אין „דאָרף"[3].

וואָס הערט זיך ביי דיר? וואָס הערט זיך ביי דיינע באַקאַנטע? שוין אַ לענגערע צייט ווי כ'האָב ניט קיין בריוו פון שוואַרצבאַרד[4] שרייבט ער דיר נאָך? אויב יאָ, זאָג אים, אַז כ'בין זייער אין כעס וואָס ער לאָזט ניט פון זיך הערן שוין לאַנגע חדשים. וו—ה[5] איז דער איינציקער, וואָס פאַרגעסט מיך נישט. כ'האָב באַקומען אַ בריוו און אַ פּעקל און איך דאַנק אים זייער דערפאַר. איך ווייס נישט וועגן וועלכע „געלט־מתנות'

[1] אַרעסטירט.

[2] ס'זיינען ניט ריכטיק די ידיעות, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אויסלאַנד, אַז זי איז געהרגעט געוואָרן.

[3] זיך אַנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנען.

[4] ציוניסטישער פאַרשטייער פון פוילן אין נאַציאָנאַל־ראַט פון דער געוועזענער לאָנדאָנער גלות־רעגירונג.

[5] אַ שליח פון ארץ־ישראל אין אַ נייטראַל לאַנד.

דו רעדסט. שרייב! האַרציקע גרוסן פֿון צוקערמאַנען. ער איז געזונט. אויך ג—ק לאָזט דיר גריסן. איך דערוואַרט דיין בריוו און גריס דיר.

די פּעקלעך שיק אויף דעם אַדרעס.

צ—ה

* * *

דעם 16־טן אַפּריל, 1944.

מיין טייערער,

כ׳האָב דיר שוין ניט געשריבן ׳אַ לאַנגע צייט, ווייל כ׳בין פֿיל דורכגעגאַנגען צוליב דער „קרענק" פֿון וו—ק. זיין „געזונט־צושטאַנד" איז זייער שווער. אָבער לויט דער מיינונג פֿון „דאָקטאָר" קאָן מען אים נאָך ראַטעווען. איך בעט דיר ׳שיק אים גלייך הילף, ווייל איך אַליין האָב ניט אַזוי פֿיל געלט. זיין קרענק און די משפּחה־באַדערפֿעניש, מאַכן נויטיק גרויסע סומען. שרייב ניט צו מ. ווייל זי האָט געביטן איר דירה. אַ ׳גרויסן דאַנק פֿאַרן פּעקל סאַרדינען, וואָס איך האָב באַקומען סוף מערץ. די משפּחה פֿרייט זיך זייער.

איך בעט נאָך אַמאָל אין נאָמען פֿון וו—ק הילף, ממשותדיקע מאַ־טעריעלע הילף, ווייל זיין נויט איז גרויס. איך דערוואַרט, מיין טייערער דיין בריוו און הילף, ווייל אין זיי ליגט מיין האָפֿנונג.

מיט גרוס

צ—ה

* * *

דעם 27־טן אַפּריל, 1944.

מיין טייערער,

איך וואונדער זיך זייער, וואָס דו שרייבסט מיר גאָרנישט ׳אַזאַ לאַנגע צייט. שרייב מיר, וואָס הערט זיך ביי דיר, וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכן די חברים? ביי מיר איז נישטאָ קיין ׳נייעס. איך בין געזונט, „אַרבעט" ביי מיין פֿאַך און פֿאַרדין אויף מיין לעבנסמיטל. עס דאַכט זיך מיר, אַז דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז די וואָך פֿאַלט ׳אויס דער געבורטסטאָג פֿון אונדזער טייערער „הגנה".[1] דערפֿאַר האָט איר ניט פֿאַרגעסן צו שיקן איר אַ פּעקל און אַ בריוו. דערפֿאַר דאַנקט ׳זי זייער. איך פֿאַרנעם זיך מיט „הגנה" פֿון דער ערשטער מינוט אָן און מען קאָן זאָגן, אַז אַ דאַנק מיר און דער משפּחה פֿון ׳החלוץ איז זי געבליבן לעבן.

---

[1] דער יאָרטאָג פֿון אויפֿשטאַנד אין דער געטאָ, אין אַפּריל 1943.

האסטו דערהאַלטן מיין בריוו? שיק אַ פּעקל! האַרציגע גרוסן פון צ—ה, פון יצחק צוקערמאַן און פון ג—ק. איך וואַרט אויף אַ תשובה.

מיט האַרציקע גרוסן

צ—ה

* * *

דעם 24־טן מאַי, 1944.

צו דאַבקין, טאַבענקין, יערי, באַראַץ, תל־אביב.

טייערע חברים,

ס'איז שוין דורך אַ יאָר זינט דער העלדישער פאַרטיידיקונג אין דער וואַרשעווער געטאָ. צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט, האָבן מיר דערמאָנט אין דער אונטערערד דעם אָנדענק פון די דאָזיקע טעג און זיך באַהאָפטן מיט דער נשמה פון די טויטע. און געפאַלן טויט זיינען כמעט אַלע. פון אונדזער גרויסער משפחה, זיינען נאָר געבליבן געציילטע. איבעראַל, וואו עס זיינען פאָרגעקומען שלאַכטן, אין וואַרשע צי אין ביאַליסטאָק, וואו זיי האָבן דערגרייכט זייער הויך־פונקט אין לאַנג־טאַגיקע קאַמפן, צי אין טשענסטאָכאָוו און בענדין, וואו גרופן קעמפער האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט אַלע זייערע מעגלעכקייטן, נאָר האָבנדיק געצייל־טע רעוואָלווערן, צי אין קראָקע און אין טאַרנאָוו, וואו אונדזערע גרופן האָבן געפירט ביטערע פאַרטיזאַנען־שלאַכטן פאַרן כבוד פון פאָלק — איבעראַל זיינען מיר געשטאַנען בראש פון קאַמף. זעכציק פון הונדערט פון די קעמ־פער אין וואַרשע זיינען געווען אונדזערע חברים; די 11 גרעסטע גרופן פון 22 קעמפנדיקע גרופן זיינען געווען פון אונדזערע חברים. דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע וואָס איז געפאַלן אויף זיין פאָסטן איז געווען אונדזער חבר מרדכי אַנילאָוויטש (מאַריאַן). אין די איבעריקע שטעט האָבן מיר געקעמפט כמעט אַליין.

דעם 17־טן אויגוסט האַיאָר וועט ווערן אַ יאָר נאָכן אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק וואָס איז מיט זיין עקשנות און פאַרנעם ניט אָפּגעשטאַ־נען פון וואַרשעווער אויפשטאַנד. אין שפּיץ פון אויפשטאַנד איז גע־שטאַנען מרדכי טענענבוים (טאַמאַראָף). עס זיינען געווען קלאַנגען, אַז ער איז געוואָרן אַוועקגעפירט דורך די דייטשן קיין לובלין, אָבער זיי זיינען געוואָרן אָפּגעלייקנט.

אויב ס'וועט בלייבן אַ זכר אין די קומענדיקע דורות וועגן דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, גלויבן מיר, אַז דער נאָמען פון „החלוץ" אין פוילן וועט ווערן דערמאָנט און אָפּגעהיטן. מיר טרייבן ניט איבער: אין די טעג פון פאַרניכטונג און טויט איז דער החלוץ געשטאַנען בראש

פֿון די יידישע מאַסן אין פּוילן. ער איז געווען דער מוח און די האַנט אין אַלע אַקציעס. אין די מוראַדיקסטע מינוטן האָט ער דערפֿילט זיין מיסיע אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון זיין פֿאָלק. מיר זיינען געווען עדות דערפֿון. אונדזער קליין הייפֿל חברים, וואָס איז איבערגעבליבן ביים לעבן ווערט קלענער פֿון טאָג צו טאָג. וואָרמאַן איז אַרויס אין גאַס און זיך מער ניט אומגעקערט. — יעקב פֿייגנבלאַט און גוטאַ קאַוואַנאַווסקאַ זיינען געוואָרן געכאַפּט דורך דער געסטאַפּאָ. זיי זיינען געפֿאַלן מיט געווער אין זייער האַנט.

אין דער געגנט פֿון טשענסטאָכאָוו איז אָנגעגריפֿן געוואָרן אַ גרופּע פּאַרטיזאַנען און נאָר עטלעכע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט. אין פֿיל לאַגערן געפֿינען זיך קליינע גרופּן פֿון אונדזערע חברים (טשענסטאָכאָוו, סקאַרזשיסקאָ). לעצטנס איז אונדז געלונגען צו קומען אין פֿאַרבינדונג מיט סטראַכאָוויצע, וואו עס געפֿינט זיך קלמן טשעניקאָווסקי און אַ קליינע גרופּע חברים. קיין לעמבערג האָבן מיר געשיקט געלט עטלעכע מאָל, אָבער די פֿאַרבינדונג צווישן אונדז איז זייער שוואַך.

מיר ווייסן, אַז אין ווילנע געפֿינט זיך אבא קאָוונער, אָבער אונדזערע פּרוּוון זיך צו פֿאַרבינדן מיט אים זיינען אונדז ניט געלונגען.

א. ג. און י. ק. צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים זיינען אַרויס מיט אַ צייט צוריק אין אַ לאַגער אויפֿן גרונט פֿון האָבן אויסלענדישע וויזעס. מיר האָבן ניט קיין ידיעות פֿון זיי און דאָס באַזאָרגט אונדז זייער. טאָמער עפּעס פֿאַר זיי. ביז היינט אַרבעטן מיר אויף אַן אַקטיוון אופֿן אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַזאָרגט געווער די יידישע לאַגערן און דערפֿילט אויך סאָציאַלע פֿונקציעס. אין שפּיץ פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע שטייט אונדזערס אַ חבר. מיר ווילן ניט אויסרעכענען די נעמען פֿון אונדזערע הונדערטער חברים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די אַלע שלאַכטן און אַרבעטן אומדערמידלעך אין די געפֿערלעכסטע באַדינגונגען, דערפֿילנדיק זייער פֿליכט פֿאַר דער באַוועגונג און פֿאַרן פֿאָלק.

מיר ווילן דאָ דערמאָנען די מוטער י. פּ. אירע דריי קינדער האָט זי געאָפּפֿערט אויפֿן מזבח פֿון יידישן כבוד. איר עלטסטער זון וואָלף איז געפֿאַלן אין פּאַרטיזאַנען־קאַמף מיט די דייטשן אין טשענסטאָכאָוו; דער יונגערער זון, מאַרעק, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ביי דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער געטאָ אין טשענסטאָכאָוו, האָט געפֿונען צום סוף זיין טויט אין קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט. ה. די בת־יחידה, אַ 17 יאָריק מיידל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין נקמה־קאַמפֿן אין קראָקע, געפֿינט זיך איצט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אָשוויענטשים. די מוטער

זעצט אויך איצט פֿאַר איר שטאַלצע טעטיקייט און דערלאַנגט איר הילף הונדערטער יידן אין זייער פֿאַרצווייפֿלטן מצב.

מיר בעטן אייך געדענקען אין אונדזער דיכטער י. כּ.[1] בעת דער צווייטער אַקציע צו ליקווידירן די געטאָ, ווען ס'איז צום ערשטן מאָל געקומען צום באַוואָפנטן קאַמף מיט דער הגנה — דעם 18 ביזן 21טן יאַנואַר 1943 — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויסצובאַהאַלטן און האָט צוזאַמען מיט זיין זון ב. (זיין פֿרוי און ייִנגערן זין האָט ער פֿאַרלוירן בעת דער ערשטער ליקווידאַציע־אַקציע) אָנטיילגענומען אין דער טעטיקייט פֿון אונדזערע קאַמפּס־גרופּן און צוזאַמען מיט אונדז פֿאַרטיידיקט דעם כּבוד פֿון פֿאָלק.

פֿאַראַיאָרן איז ער צוזאַמען מיט זיין זון ב. אַוועק אין לאַגער פֿאַר אויסלענדישע בירגער אין וויטעל. זייט דאַן האָבן מיר ניט קיין ידיעה פֿון אים. זאָרגט פֿאַר אים.

פּרטים וועגן אונדזער לעבן און טעטיקייט וועט איר לייענען אין די אַלגעמיינע בריוו אונז באַריכטן וואָס מיר שיקן אייך איבער.

שרייבט געגנוי וועגן אייער לעבן. ביז איצט האָבן מיר פֿון אייך ניט דערהאַלטן קיין בריוו.

אין די דאָזיקע טעג, ווען ס'איז ניטאָ קיין גלייכן צו אונדזער נאַציאָנאַלע טראַגעדיע און אפֿשר איז נישטאָ קיין גלייכן צו אונדזערע אויסזיכטן אין דער צוקונפֿט, האַלט אונדז אויף — אונדז, די אָפּגעריסענע פֿון פֿאָטערלאַנד וואָס געפֿינען זיך אין דער אונטערערד, — דער גלויבן און די האָפֿנונג, אַז צום סוף פֿון דער דאָזיקער בלוטיקער שחיטה, וועלן אונדזערע אָנשטרענגונגען און אונדזער פֿאַרגאָסן בלוט ניט זיין אומזיסט.

אין נאָמען פֿון די רעשטלעך, וואָס זיינען געבליבןביים לעבן, שיקן מיר איבער אַ ברודער־גרוס דעם ישוב, דער הסתדרות־העובדים, דער קבוצישער באַוועגונג און אַלע אונדזערע ברידער און שוועסטער. אונדזערע ברכות די יידישע סאָלדאַטן וואָס קעמפֿן אויף אַלע פֿראָנטן קעגן געמיינזאַמען פֿיינט.

און דאָך האָבן מיר אייך נאָך ניט פֿאַרגעסן.

אייערע

צ. י. פֿ.[2]

---

[1] יצחק כּצנלסון. ליידער לעבט ער ניט מער.

[2] אויסער צביהן האָבן אונטערגעשריבן דעם בריוו נאָך צוויי וויכטיקע פֿירער פֿון פּוילישן „החלוץ“.

צוויי בריוו

די בריוו וואָס מיר דרוקן דאָ זיינען געזעגן־בריוו פֿון יידישע טאַטע־מאַמע אין דער ליטע מיט זייערע צוויי קינדער אין ארץ־ישראל. דעם בריוו האָבן די עלטערן געשריבן איידער די נאַציס האָבן זיי אומגעבראַכט און זיי האָבן אים געלאָזן ביי אַ קריסט וואָס האָט פֿריער געאַרבעט אין זייער הויז. צוויי וואָכן נאָך דעם ווי דער בריוו איז געשריבן געוואָרן איז די רויטע אַרמיי אַריין אין קאָוונע און צוזאַמען מיט איר איז אַריינגעקומען אַ ברודער פֿון אומגעבראַכטן ייד, אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט באַצייטנס פֿון די נאַציס און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער רויטער אַרמיי.

דער יידישער דאָקטאָר האָט געפֿונען בלויז עטלעכע הונדערט יידן אין קאָוונע, וואו עס איז פֿריער געווען אַ יידישע באַפֿעלקערונג פֿון פֿערציק טויזנט. צווישן די געבליבענע האָט דער דאָקטאָר ניט געפֿונען קיין איינעם פֿון זיין גרויסער פֿאַמיליע. דער איינציקער שפּור איז דער געפֿונענער בריוו פֿון זיין ברודער און שוועגערין וועלכן ער האָט איבערגעשיקט צו די צוויי אין ארץ ישראל. אַ דריטער זון איז געווען מיט די עלטערן און איז אומגעקומען מיט זיי.

די אומגעבראַכטע האָבן געהערט צו איינער פֿון די עלטסטע און חשובסטע יידישע פֿאַמיליעס אין דער ליטע. די מוטער איז געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און פֿון איר יוגנט אָן איז זי געשטאַנען נאָענט צו דער העברעאי־שער ליטעראַטור.

דער מאַמעס בריוו

מיינע טייערע און גליקלעכע זין:

מיר שפּירן אַז אונדזער סוף איז נאָענט. עס וועט שוין לאַנג ניט דויערן ביז מען וועט אונדז אומברענגען. ס'איז אי גוט אי שווער צו שטאַרבן. ס'איז גוט וואָס מיר האַלטן שוין דערביי, אַז מיר זעען דעם סוף; ס'איז אָבער שווער צו שטאַרבן אַ מינוט פֿאַר דער גאולה. דאָס הייסט, מיר איז ניט שווער צו שטאַרבן, דעם טאַטן אויך ניט, אָבער ס'איז זייער שווער, אומענדלעך שווער צו וויסן אַז צוזאַמען מיט אונדז וועט אויך אַוועק פֿון דער וועלט ש. (דער יינגסטער זון) און ער איז דאָך אַזאַ וואונדערלעך יינגל.

אַפֿילו אונטער די האַרטע און גרויזאַמע אומשטענדן איז ער אויס־געוואַקסן און געוואָרן אַ מענטש. זיין בילדונג איז ניט צו גוט, אָבער ער פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל מענטשלעכקייט און יושר, אַז ער איז באמת ווערט צו בלייבן לעבן. און ווי וויניק מענטשן האָבן אָפּגעהיט אין זיך דעם מענטש־לעכן פֿונק. דער קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ איז אַ שווערער, יעדער איינער וויל לעבן, וויל זיך ראַטעווען און ס'הערשט דער געזעץ פֿון "דזשאָנגל" — "זאָל זיך ראַטעווען ווער עס קען". און עס זיינען אין גאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן די גרענעצן צווישן דעם וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט

(ניט די גרענעצן וואָס אונדזערע שונאים האָבן געמאַכט, נאָר אונדזערע אייגענע גרענעצן, די מענטשלעכע).

און צווישן די געזעלשאַפטלעכע טוער וואָס דאָס לעבן האָט זיי אַרויסגעשיקט אויף די ערשטע פּאָזיציעס, זיינען אויך דאָ ווינציק וואָס טוען זייער אַרבעט איבערגעגעבן און געטריי. אַזעלכע האָבן מיר נאָר געהאַט צוויי־דריי. מיט אייער טאַטן מעגט איר אָבער זיין שטאָלץ. ער איז פון די ווינציקע. ער האָט נאָך פאַר זיך ניט אויסגענוצט די "גע־זעלשאַפטלעכע" פּאָזיציע. ער האָט קיין מאָל ניט געהאַלטן אַז ער אַליין אָדער איך און ש. זיינען וויכטיקער ווי די אַנדערע וואָס ליידן צוזאַמען מיט אונדז.

עס ווילט זיך אַז איר זאָלט כאָטש עפּעס וויסן וועגן אונדזער לעבן אין די דריי יסורים־יאָרן. איך האָף אַז איינצלנע וועלן זיך אַרויסראַטעווען און אַז איר וועט קריגן די בשורה פון אונדזערע ליידן און אונדזער טויט. איצט איז שוין דאָס פערטע יאָר און דער סוף דערנעענטערט זיך. עס האָט זיך ניט געלוינט אַזוי פיל געפּייניקט צו ווערן און ניט בלייבן לעבן. אָבער צדיקים — אויב עס זיינען בכלל דאָ צדיקים — זיינען די וואָס זיינען אַוועק פון דער וועלט די ערשטע. מיר האָבן אַזוי פיל געלערנט אין די יאָרן, מיר האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעליטן, אַז ס׳איז אַ שאָד וואָס דאָס אַלץ וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט אונדז.

ווען מיר וואָלטן אויסגעלייזט געוואָרן וואָלטן מיר גאַנצע ימים גע־קאָנט אויסטריקענען! און ווי ווייניק דאַרף אַ מענטש! ווען איך וואָלט כאָטש אייך געקענט איבערגעבן בירושה די פעאיקייט זיך צו באַנוגענען מיט ווינציק, מיט דעם וואָס אַ מענטש דאַרף נאָר כדי אויסצוקומען, וואָלט איר, די פרייע, שוין קיין מאָל ניט געווען אומגליקלעך.

איך האָב פאַר אייך געלאָזן עטלעכע בריוו אין פאַרשידענע ערטער. אָבער איך צווייפל צי איר וועט זיי קריגן.

אונדזער גרעסטע טרייסט און גליק איז וואָס איר זענט שוין מער דאָ ניטאָ. קינדער, נעמט זיך מער ניט צום האַרצן פון קלייניקייטן, זייט וואוילע און גליקלעכע מענטשן, זייט גוטע און געטרייע זין צו אייער גע־פּייניקטן פאָלק. פאַרלאָזט קיין מאָל ניט אייער פאָלק און אייער לאַנד. זייט גערעכט און יושרדיק און אין נאָרמאַלע אומשטענדן איז דאָס אַזוי לייכט צו זיין. מיר דערמאָנען אייך יעדע מינוט, און איר זייט אונדזער טרייסט.

ווען ש. (דער יינגסטער זון) פאַלט אַריין אין אַ שלעכטער שטימונג, זאָגט ער גלייך: „איך וואָלט אַזוי וועלן זען ע. און ב. (זיינע עלטערע ברידער אין ארץ־ישראל).

דאָ זיינען נאָך פֿאַראַן עטלעכע געבליבענע פֿון אייערע חברים און חברטעס. זיי דערמאָנען אייך אָפֿט מיט ליבע און טיפֿער איפּערזוכט און זיי ווינטשן אייך גליק.

ווייסט ווי אָפּצושאַצן אייער גליק און נוצט אים אויס ניט נאָר פֿאַר זיך נאָר אויך פֿאַר נאָענטע און ווייטע. פֿאַרגרינגערט דאָס לעבן פֿון אייער זיידן און באָבען, און די קרובים וואָס זיינען אייך געבליבן, און באַקלאָגט אונדז ניט מיט טרערן און ווערטער, נאָר מיט מעשים. מיר האָבן דאָס ניט אַלץ איבערגעלעבט אומזיסט, מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס מיר האָבן גע־קאָנט פֿאַר די, וואָס אַרום אונדז.

איך פֿאַרלאָז דאָס לעבן כּמעט מיט אַ ריינעם געוויסן. איך האָב שוין אָפּגעלעבט מיין לעבן. איך האָב צו קיינעם קיין טענות ניט. דאָס איז מיין גורל און איך גלויב אין אים. אָבער ש. — וואָס וועט זיין מיט אים? דאָס איז אונדזער גרויסער ווייטיק.

איך קאָן אייך ניט דערציילן וואָס איז זיך מיט אונדז פֿאַרלאָפֿן. איר וועט מסתּמא דערפֿון זיך דערוויסן. אָבער דיווירקלעכקייט איז טויזנט מאָל שרעקלעכער און פּייַנלעכער ווי אַלץ וואָס איר וועט זיך דערוויסן און הערן. עס איז ניטאָ קיין ווערטער צו דערציילן און קיין פֿאַרבן צו מאָלן דאָס, וואָס ס'איז מיט אונדז געשען.

איר ווערט יתומים פֿאַר דער צייט. אָבער ס'איז בעסער צו זיין יתומים דאָרט, איידער מיט די עלטערן דאָ. איך קוש אייך. גריסט און קושט אין מיין נאָמען אַלע וואָס זיינען מיר נאָענט. איך ווייס וועגן זיי גאָרניט.פּונקט ווי זיי הערן ניט פֿון מיר. ס'איז שוין דריי יאָר ווי מיר זיינען באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

א י י ע ר מ א מ ע.*

דעם טאַטנס בריוו

מיינע ליבע און טייערע זין:

איך האָב געזאָגט אייער מאַמען, אַז איר בריוו האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ צוואה. איך ווייס נאָך איצט ניט ווי לאַנג נאָך מיר וועלן גע־פּייניקט ווערן. דער גורל וואָרט אויף אונדז, אָבער אויך אַ געפּייניקטער לעבן איז לעבן, און מיר וואונדערן זיך וואָס אַ מענטש קאָן דאָס אַריבערטראָגן.

אפֿשר וועלן די שורות אָנקומען צו אייך דורך אַן אומגלויבלעכן צופֿאַל. מיר ווילן איר זאָלט וויסן, אַז אין זומער 1944 האָבן נאָך אייערע

* לויט די לעצטע ידיעות האָט זיך די מאַמע — די שרייבערין פֿון בריוו — גע־ראַטעוועט.

עלטערן געלעבט און געטראַכט וועגן אייך, אָן שום האָפֿנונג צו קריגן פֿון אייך וואָסערן גרוס!

פֿאַריקן יאָר איז אונדזער מאַטעריעלע לאַגע ניט געווען קיין שלעכטע. אויף מיין אַמט האָב איך זיך אָנגעזען און אָנגעזעטיקט מיט אַזוי פֿיל יסורים און דערפֿאַר וואונדער איך זיך, ווי אַזוי איך האָב דאָס אַלץ געקאָנט אַריבערטראָגן. נאָך מער וואונדערן מיר זיך אויף דעם לעבנס־לוסט און דער ווידערשטאַנדס־קראַפֿט פֿון די געבליבענע וואָס געפֿינען זיך דאָ.

דערווייל האָבן זיך אָוועקגעשטעלט שיינע זומערדיקע טעג. לעבן מוריקאָס פֿענצטער בליט אַ שיין גערטנדל וואָס איר ייִנגערער זון באַאַרבעט. ווער ווייסט צי מיר וועלן דאָ פֿאַרענדיקן אונדזערע טעג אָדער מיר וועלן נאָך ערגעץ פֿאַריאָגט ווערן.

זייט געזונט און שטאַרק.

זאָל אייך באַשיצן און באַשירעמען דער גאָט פֿון אברהם, יצחק און יעקב.

אייער טאַטע.

פּאָרטרעטן

מרים (מאַרישאַ) אייזנשטאַט, געבוירן אין יוני 1922. איר פֿאָטער איז געווען דירעקטאָר פֿון באַקאַנטן כאָר אין דער גרויסער וואַרשעווער סינאַגאָגע אויף דער טלאָמאַצקע גאַס. אין 1939 האָט זי געענדיקט די העברעאישע גימנאַזיע „יהודיה". זי האָט באַקומען אַ גוטע נאַציאָנאַלע דערציאונג. זי האָט אַרויסגעוויזן יונגערהייט באַדייטנדע פֿע־איקייטן אַלס זינגערין און פּיאַנאָ־שפּילערין. אין שול איז זי געווען זייער באַליבט.

אין וואַרשעווער געטאָ איז זי שנעל פּאָ־פּולער געוואָרן אַלס דער „נאַכטיגאַל פֿון דער געטאָ". אין טעאַטער „פֿעמינאַ" מיט אירע 1,000 זיץ־פּלעצער פֿלעגן אירע קאָנצערטן צוציען אַ פֿול־געפּאַקטן זאַל. זי איז אויך אויפֿגעטרעטן אויף קאָנצערטן איינגעאָרדנט פֿון דער חלוצישער באַוועגונג. אין טעאַטער איז זי אויפֿ־געטרעטן צוזאַמען מיט איר פֿאָטער, וועלכער האָט געגרינדעט אַ סימפּאָ־נישן אָרקעסטער פֿון 20 פּערזאָן. עמנואל רינגעלבלום דערמאָנט איר נאָמען אין זיין לעצטן בריוו וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע און וועלכן ער באַריכטעט איבער דער קולטור־טעטיקייט אין דער געטאָ. זי איז דער־מאָרדעט געוואָרן פֿון די דייטשן אין דער צייט פֿון גירוש פֿון וואַרשעווער געטאָ אין הערבסט 1942, ניט וועלנדיק זיך שיידן מיט איר פֿאָטער.

אסתר אַלטענבערג, געבוירן אין מעזריטש, מיטגליד אין „פֿרייהייט־דרור" — דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון אונדזער פּאַרטיי אין פּוילן. זי איז שטענדיק געווען זייער טריי און איבערגעגעבן. נאָך איר אָנשלוס אין „החלוץ" איז זי אַוועק אין קיבוץ באַראַכאָוו אין לאָדזש. אין די ערשטע קריגס־יאָרן האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין דער חלוצישער לאַנדווירטשאַפֿט־לעכער פּלוגה נעבן סאָקאָלאָוו. מיט דער ליקווידירונג פֿון דער פּלוגה איז זי געקומען קיין וואַרשע, וואו זי איז געווען זייער איבערגעגעבן דער אַרבעט. זי האָט געקעמפֿט בעתן וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד אין דער קאַמפּס־גרופּע פֿון „דרור" אונטער דער פֿירונג פֿון בנימין וואַלד. זי איז געפֿאַלן מיט געווער אין האַנט אין עלטער פֿון 27 יאָר.

פּראַניע באַטוס, טרייער מיטגליד אין „דרור". זי איז געקומען קיין וואַרשע מיט דער קאַמפּס־גרופּע פון „דרור" פון אָסטראָוויעץ, ביי קעלץ. זי איז געווען טריי און איבערגעגעבן אָן אַ גרענעץ. געדינט אַלס פאַרבינדערין צווישן דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דער געטאָ מיט דער אַרישער זייט און געאַרבעט אונטער דער דירעקטער קאָנטראָל פון יצחק צוקערמאַן (אַנטעק). ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער געטאָ־אויפשטאַנד, דעם 19טן אַפּריל 1943, האָט זי געפּרוווט באַגיין זעלבסטמאָרד פאַר גרויס פאַרצווייפלונג, צוליב מאַנגל אין הילף וואָס איז געקומען מצד דער פּויליש ער אונטערערד. ווען זי האָט באַקומען אַ באַפעל פון הויפּטשטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַז זי טאָר ניט פאַרלאָזן איר פּאָסטן ווען ס'גייט אָן די שלאַכט, האָט זי טריי פאָרגעזעצט איר אַרבעט. דעם 12טן מאַי 1943, ווען די רעשטלעך פון די יידישע קעמפערס זיינען געוואָרן אַריבערגעפירט דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אין אַרישן שטאָט־טייל, האָט זי געטראַכט, אַז איצט איז דאָך שוין ניט גילטיק דער באַפעל וואָס פאַרבאָט איר צו פאַרלאָזן די פּאָזיציע — און זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין עלטער פון 17 יאָר.

דבורה באַראַן, געבוירן אין קאָוועל. געלערנט אין אַ „תרבות" שול און שפּעטער באַזוכט אַ פאַך־שול פון „אָרט", געהערט צום „החלוץ־הצעיר".[1] סוף 1938 איז זי אַוועק אויף הכשרה אין קיבוץ באָראָכאָוו אין לאָדזש. זי האָט געהערט צו די 6 חברות, וואָס זיינען געבליבן אין לאָדזש נאָכן קריגס־אויסברוך אָפּצוהיטן דעם קיבוץ. שפּעטער איז זי אַריבער קיין וואַרשע, וואו זי האָט געאַרבעט אין דער החלוץ־פאַרם אין טשערניאַקאָוו. זי האָט געקעמפט אויפן שטח פון „צענטראַלן געטאָ" אין אַ קאַמפּס־גרופּע פון „דרור" אונטער דער לייטונג פון חנוך גוטמאַן. זי איז געפאַלן מיט געווער אין האַנט, ווען דיק פאַרלאָזן דעם באַנקער אויף פראַנצישקאַנער 30, דעם 3טן מאַי 1943, אין עלטער פון 23 יאָר.

צפורה גוטשטאַט, געבוירן אין וואַרשע ביי אָרעמע עלטערן. אין עלטער פון 12 יאָר זיך אָנגעשלאָסן אין „פרייהייט", וואו זי אָרגאַניזירט אַ יינגערע גרופּע אונטערן נאָמען „אָדלער". זיך אויסגעצייכנט מיט איר איבערגעגעבנקייט און טרייהייט. איר יינגער שוועסטערל האָט אָרגאַניזירט די קינדער פון איר קלאַס און פון איר הויף אין אַ נייער גרופּע „זאַנגען".

מיטן אויסברוך פון קריג איז זי אַריבער מיט איר משפּחה קיין לאָדזש און פון דאָרט צוריקגעקערט קיין וואַרשע. איר גאַנצע גרופּע האָט זיך קאָלעקטיוו אָנגעשלאָסן אין איינער פון די קאַמפּס־גרופּן פון „דרור". אין דער צייט פון די שלאַכטן האָבן זיי געקעמפט און געפאַלן צוזאַמען.

---

[1] וואָס האָט זיך שפּעטער פאַראייניקט מיט „פרייהייט דרור".

שושנה גזשענדאַ, געבוירן אין וואַרשע אַלס בת יחידה ביי אַן אַרבעטער־פאַמיליע. זייער יונג זיך אָנגעשלאָסן אין „פרייהייט". זיך באַטייליקט אין אומלעגאַלן סעמינאַר פון „פרייהייט" אין דער געטאָ. בעתן פאַרשפרייטן אומלעגאַלע אויסגאַבן איז זי אַרעסטירט און פאַרשפאַרט געוואָרן אין דער „פאַוויאַק"־טורמע אין וואַרשע. דאָרט האָבן די דייטשע סאַדיסטן איר באַזונדערס געפייניקט. מ'האָט איר אַריינגעזעצט אין אַן איינצל־קעלער, וואו מען פלעגט ביינאַכט אויפוועקן די אַרעסטירטע און מיט זיי דורכפירן איבונגען מיט דער הילף פון אָנגערייצטע הינט. איין מאָל האָט איר אַ הונט צעביסן, אירע חברטעס, לאָנקע קאָזשעבראָדזקאַ, בעלאַ חזן (צווישן די געראַטעוועטע) און אַ פוילישע קאָמוניסטקע האָבן איר אין געהיים געהאָלפן. זי איז שפעטער פאַרשיקט געוואָרן קיין מיידאַנעק און פון דאָרט אין לאַגער פון גראָסראָזן אין דייטשלאַנד, וואו זי איז אומגעקומען.

שרה גראַנאַטשטיין, געבוירן אין וואַרשע אין 1922. נאָך זייענדיק אין גימנאַזיע האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין „פרייהייט", זיך אויסגעצייכנט מיט איר אינטעליגענץ און טרייהייט צו דער באַוועגונג.

אונטער די נאַציס לערנט זי אין אומלעגאַלן סעמינאַר פון „דרור" אין וואַרשע. בעיקר ווידמעט זי זיך דער אַרבעט פון דערציען אומלעגאַל קינדער. זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די קאַמפס־גרופן פון „דרור". אומגעקומען דעם 18טן יאַנואַר 1943 צוזאַמען מיט טעמע שניידערמאַן און לאה פערלשטיין.

שיינדל העכטקאָפּ, געבוירן אין זאַמאָשטש, געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג דעם יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. נאָך אין גימנאַזיע האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין „פרייהייט", וואו זי האָט אָנגעפירט מיט קרייזן פון שול־קינדער. אין 1922 האָט זי זיך באַזעצט אין וואַרשע און געוואָרן פון די טעטיקסטע מיטגלידער אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אַקאַדעמיקער קרייז, געווען טעטיק אין דער פאַרטיי, מיטגעהאָלפן אין דער אָנפירונג פון דער גרויסער פרץ־ביבליאָטעק (געווען „הזמיר") אין פאַרטיי־לאָקאַל אויף גענשע 14.

אונטער די נאַציס האָט זי אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט. זי איז געווען סעקרעטאַר פון וואַרשעווער פאַרטיי־קאָמיטעט. זי האָט אָנגעפירט איינע פון די פאָלקס־קיכן פון דער פאַרטיי. צוזאַמען מיט מאַרעק מייעראָוויטש און רות מאַליניאַק האָט זי אויפסניי אָרגאַניזירט דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אַקאַדעמיקער קרייז. דעם 6טן סעפטעמבער 1942 איז זי געוואָרן אַרעסטירט און דעם 10טן סעפטעמבער איז זי פאַרשיקט

געוואָרן אין טויטן־לאַגער פֿון טרעבלינקע. די באַוועגונג האָט געמאַכט שטאַרקע באַמיאונגען איר פֿון דאָרט צו באַפֿרייען אָבער זי האָט זיך אַנטזאָגט צו פֿאַרלאָזן איר מוטער, וואָס איז מיט איר צוזאַמען געוואָרן דעפּאָרטירט.

דינה לעווין, די טאָכטער פֿון באַקאַנטן פּוילישן פּאַרטיי־טוער, מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּועלי־ציון־צ. ס.־פּאַרטיי אין פּוילן, לייזער לעווין. דער לעצטער האָט זיך געראַטעוועט קיין ארץ־ישראל מיט זיין זון; זיין פֿרוי, אסתר, אַ טוערין פֿון לינקע פּוע״צ און זיין טאָכטער, דינה, זיינען אומגעקומען.

דינה לעווין איז צוזאַמען מיט אירע עלטערן אַריבער קיין וואַרשע פֿון לאָדזש מיטן אויסברוך פֿון קריג. דאָ איז זי געווען אַ מיטגליד אין וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון „החלוץ", געלערנט אין אומלעגאַלן סעמינאַר פֿון „דרור" און אָנגעפֿירט מיט יוגנט־קרייזן.

אין הערבסט 1942 איז זי אַוועק צוזאַמען מיט דער דריטער און לעצטער גרופּע פֿון די קעמפֿער פֿון „דרור" אין די וועלדער פֿון הרו־ביעשאָוו (צוזאַמען האָבן די 3 גרופּעס געציילט 70 קעמפֿער). ביים קאָנ־טראָלירן די דאָקומענטן אין צוג איז די גרופּע דורכגעפֿאַלן און צוזאַמען מיט איר זיינען אויך דורכגעפֿאַלן די פֿריערדיקע גרופּן, וואָס זיינען געווען באַשעפֿטיקט ביים זעגן האָלץ צוזאַמען מיט אַ גרופּע חלוצים פֿון הרוביע־שאָווער סניף. אַלע חלוצים זיינען אומגעקומען.

רבקהי מאָשקאָוויטש, געבוירן אין בענדין אין 1921 אין אַן אָרעמער אַרבעטער־פֿאַמיליע. אין עלטער פֿון 13 יאָר שליסט זי זיך אָן אין „פֿרייהייט". אין עלטער פֿון 15 יאָר ווערט זי אויסגעוויילט אין קאָ־מיטעט פֿון בענדינער סניף. אין עלטער פֿון 17 יאָר איז זי אַרויס אויף הכשרה אין קעל־צער קיבוץ. דאָ איז זי געשיקט געוואָרן צו אַ קורס פֿון הגנה, איינע פֿון די קורסן וואָס דער „החלוץ" אין פּוילן האָט אָנגעפֿירט פֿאַרן קריג. מיטן אויסברוך פֿון קריג איז זי גע־בליבן אין בענדינער קיבוץ, וואָס האָט גע־ציילט פֿאַרן קריג 250 מיטגלידער. מיטן אויס־ברוך פֿון קריג האָט זיך דער קיבוץ פֿונאַנ־דערגעלאָזט און שפּעטער זיך צוריק אָרגאַניזירט.

נאָך די דעפּאָרטאַציעס אין בענדין איז זי געבליבן די איינציקע פֿון איר פֿאַרצווייגטער משפּחה. זי איז געווען אַ שוואַכע און פֿיל געקרענקט. אין זומער 1943 האָט דער קיבוץ באַשלאָסן איר איבערצופֿירן צוזאַמען מיט נאָך אַ חברטע פֿון „השומר הצעיר" אויסערן געטאָ, כּדי צו זוכן באַהעלטענישן פֿאַר די חברים. צביה האָט דאַן איבערגעשיקט אַרישע פּאַפּירן פֿון וואַרשע, צו קענען אַריבערנעמען אַ צאָל חברים קיין וואַרשע. די לעצטע האָבן זיך אָבער אָנטזאָגט צו פֿאַרלאָזן בענדין. זיי האָבן זיך געגרייט צום קאַמף. די חברים האָבן אָבער שטאַרק געדריקט אויף רבקה'ן, זי זאָל פֿאָרן קיין וואַרשע, ווייסנדיק, אַז זי וועט ניט קענען איבערהאַלטן די שווערע באַפֿאַרשטייענדיקע טעג. צוזאַמען מיט רעניע קוקעלקאָן (געפֿינט זיך איצט אין א"י אין קיבוץ דפֿנה) איז זי אַוועק קיין וואַרשע (איר רייזע באַשרייבט רעניע אויף זז' 57—58). דאָרט איז זי אומגעקומען.

רעגינע (לילית) פּודען, אַ קינד פֿון אַן אָרעמער משפּחה. צו 15 יאָר שליסט זי זיך אָן אין „השומר הצעיר". שוין אין דער יוגנט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע אינטעלעקטועלע פֿעאיקייטן.

אין וואַרשע געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. איר אַרישער אויסזען האָט איר פֿאַרלייכטערט די פֿאַרבינדונג מיט דער פּויערישער אונטערערד. בעת די געטאָ־שלאַכטן איז זי געווען די פֿאַרבינדערין צווישן פֿאַרשידענע קעמפֿנדיקע גרופּן אין געטאָ. זי איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן אָבער ווייטער פֿאַרגעזעצט איר טעטיקייט. דעם 29סטן אַפּריל 1943 האָט זי פֿיל מיטגעהאָלפֿן אין דער אַקציע פֿון אַריבערראַטעווען די געטאָ־קעמפֿער דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן אין אַרישן שטאָט־טייל. ביזן האַלדז אין וואַסער, האָט זי ניט גערוט און כּסדר אַרויסגעשלעפּט חברים דורך די קאַנאַלן. ווען די גרופּע פֿון 40 האָט זיך אַרויסגעקריגן אויף דער אַרישער זייט, איז זי צוריקגעגאַנגען מיט שלמה באַטשינסקי נאָכאַמאָל אין דער געגנט פֿון די וואַרשטאַטן פֿון טעבענס־שולץ אַרויסצוראַטעווען נאָך קעמפֿער, אָבער זי איז פֿון איר שליחות מער ניט צוריקגעקומען. זי איז אומגעקומען אין עלטער פֿון 21 יאָר.

רבקה פּאַסמאַניק, געבוירן אין טשערניאַקאָוו, אַ פֿאַרשטאָט פֿון וואַרשע אין 1921 בײַ פֿרומע עלטערן. זי שליסט זיך אָן אין „הנוער הציוני"[1] נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיט אירע פֿאַנאַטישע עלטערן. אין 1938 גייט זי אַרויס אויף הכשרה.

---

[1] יוגנט־פֿאַרבאַנד פֿון אַלגעמיינע ציוניסטן.

מיטן קריגס־אויסברוך קומט זי מיט אירע עלטערן קיין וואַרשע. דאָ שליסט זי זיך אָן אין יוגנט־פֿאַרבאַנד „עקיבא״ [2] און איז טעטיק אין שטאָטישן קיבוץ פֿון „עקיבא״. זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאַמפּס־גרופּע פֿון „עקיבא״. דעם 8טן מאַי באַגייט זי זעלבסמאָרד אין באַנקער פֿון דער הויפּט־אָנפֿירונג פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, כּדי ניט אַריינצופֿאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פֿון די נאַציס. פֿאַר דעם שיסט זי איינע פֿון אירע חברטעס אויף איר פֿאַרלאַנג.

לאה פֿיש, געבוירן אין 1918 אין האָראָכאָוו, וואָלין. זיך אָנגעשלאָסן אין „החלוץ הצעיר״. אין עלטער פֿון 18 יאָר אַוועק אויף הכשרה אין קיבוץ גראָכאָוו. אין די ערשטע חדשים פֿון קריג איז זי אַריבער קיין ווילנע, און פֿון דאָרט קיין קאָוונע, וואו זי אַנטוויקלט אַ זייער פֿאַרצווייגטע טעטיקייט. זי פֿאָרט אַרום איבער פֿיל שטעטלעך העלפֿן אָרגאַניזירן די חלוצישע יוגנט.

נאָכן אָנשלוס פֿון ליטע אין ראַטן־רוסלאַנד פֿאָרט זי קיין מאָסקווע, וואו זי זוכט אַ וועג זיך דורכצושלאָגן קיין ארץ־ישראל. זי קומט צוריק קיין ווילנע, פֿון דאָרט דערגרייכט איר לעצטער בריוו ארץ־ישראל. ווען ס'ווערט באַשלאָסן איבערצופֿירן אַ טייל פֿון ווילנער צענטער קיין וואָלין, פֿאָרט זי איבער פֿון ווילנע קיין לעמבערג און פֿון דאָרט קיין קאָוועל. אין וואָלין בלייבט זי טעטיק ביז סוף 1943. חברים פֿון וואָלין וואָס האָבן באַזוכט קאָוועל נאָך דער באַפֿרייאונג פֿון די נאַציס, האָבן געפֿונען אויסגעקריצט אויף אַ וואַנט פֿון דער חרוב־געוואָרענער שול די נעמען פֿון 4 חברים וואָס מעלדן, אַז זיי גייען צום טויט. צווישן זיי איז אויך געווען לאה פֿיש (זע ז' 167, טרויער־נאָטיץ נאָך שיינדל שוואַרץ).

נעכע (ניוטקע) צוקער, געבוירן אין טשעכאָטשינעק אין 1922 ביי אַ פֿאַרמעגלעכער פֿאַמיליע פֿון מיטל־קלאַס. אין עלטער פֿון 14 יאָר שליסט זי זיך אָן אין „פֿרייהייט״. זי באַטייליקט זיך אין 1938 אין לאַנדסעמינאַר אין זשעלאַנקע און אין די 6־וואָכיקע קורסן פֿאַר הגנה, געפֿירט

[2] חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון אַלגעמיינע ציוניסטן, געווען באַזונדערס שטאַרק אין מערב־גאַליציע.

דורכן „החלוץ". זי איז געווען זייער באַליבט ביי די חברים און געהאָלפֿן אָרגאַניזירן פֿיל נייע סניפֿים פֿון „החלוץ" און „דרור". אין אַפּריל 1939 באַטייליקט זי זיך אין „דרור"־סעמינאַר אין פֿאַלעניץ און פֿון דאָרט גייט זי אַוועק אויף הכשרה אין קיבוץ ביאַליסטאָק.

ביים קריגס־אויסברוך איז זי געווען צווישן אַ גרופּע חברים, וואָס האָט זיך געגרייט עולה צו זיין קיין א"י, אָבער זי איז געוואָרן אויפֿגע־האַלטן דורך דער אָנפֿירונג פֿון דער באַוועגונג. זי איז געווען טעטיק אין רוסישן אָקופּאַציע־געביט אין דער געגנט פֿון ביאַליסטאָק. שפּעטער אַריבער קיין וואַרשע, וואו זי איז געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט צווישן דער יוגנט און די הכשרה־גרופּן. בעתן וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד געקעמפֿט מיט די „דרור"־גרופּן אויפֿן שטח פֿון צענטראַלן געטאָ. זי איז געפֿאַלן דעם 8טן מאַי אין צענטראַלן באַנקער פֿון דער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18.

לאה קאָרען, געבוירן אין לאָדזש אין 1918, זיך אָנגעשלאָסן יינגערהייט אין „גורדוניה". געהאָלפֿן גרינדן דעם הכשרה־אירגון „אָפּיקים" אין טאָמאַשאָוו. מיטן אויסברוך פֿון קריג געקומען קיין וואַרשע, זיך דאָ באַ־זונדערס אָפּגעגעבן מיט אָנפֿירן אומלעגאַלע קינדער־גרופּן. זיך אָנגע־שלאָסן אין דער קאַמפֿס־גרופּע פֿון „גורדוניה" און געקעמפֿט אויפֿן שטח פֿון די אַרבעטס־וואַרשטאַטן פֿון טעבענס־שולץ. דעם 29טן אַפּריל האָט זי צוזאַמען מיט אַ גרעסערע גרופּע קעמפֿער זיך דורכגעריסן צום אַרישן קוואַרטאַל דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן. זי איז צוריקגעגאַנגען אין געטאָ צוזאַמען מיט עטלעכע חברים, כּדי אַכטונג צו געבן אויף אַ גרופּע פֿאַרוואונדעטע חברים, וועלכע האָבן ניט געקענט קריכן אין די אונטער־ערדישע קאַנאַלן. לאה האָט זיך פֿרייוויליק פֿאַרגעלייגט פֿאַר דער אַרבעט. זי איז געבליבן צוזאַמען מיט די קראַנקע אין באַנקער אויף לעשנע 76. זי איז אומגעקומען אין וואַרשע.

רחל קירשנבוים, געבוירן אין וואַרשע. אַ טרייע חלוצישע טאָכטער. אין די טעג פֿון דער נאַצי־אָקופּאַציע האָט זי זיך געפֿינען אין דער חלו־צישער קאָמונע אויף דזשעלנע און שפּעטער אין דער פֿאָרם אין טשער־ניאַקאָוו. געקעמפֿט אין איינער פֿון די קאַמפֿס־גרופּן פֿון „דרור" אין וואַר־שעווער געטאָ. איר איז געלונגען זיך דורכצורייסן אין אַרישן שטאָט־טייל און זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין פּאַרטיזאַנען־גרופּן אין די וועלדער פֿון ווישקאָוו. דאָרט איז זי אומגעקומען נעבן טשערוואָני גור, ביים טייך נאַרעוו אין עלטער פֿון 22 יאָר.

רישיע, איר פֿאַמיליע־נאָמען אומבאַקאַנט. מיטגליד אין איינער פֿון די קאַמפּס־גרופּן פֿון „דרור״. געקומען קיין וואַרשע אין הערבסט 1942 צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים פֿון אָסטראָוויעץ מיט בערל ברוידע אין דער שפּיץ. אַלע חברים פֿון דער גרופּע האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן אין וואַרשעווער געטאָ. רישיע איז געווען אַ פֿאַרבינדונגס־אַגענט אין נאָמען פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צווישן די געטאָס פֿון וואַרשע, טשענסטאָכאָוו, קראָקע א״א. איר אָרישער אויסזען האָט איר געראַטעוועט פֿון פֿיל געפֿאַרן. סוף דעצעמבער 1942 איז זי געשיקט גע־וואָרן קיין קראָקע צו באַנייען די פֿאַרבינדונג מיט די קראָקעווער חלוצים, נאָך דעם ווי פֿיל חברים זיינען אומגעקומען דורכפֿירנדיק זייער געוואַגטן איבערפֿאַל אויף די נאַציס. וואָס האָט די לעצטע געקאָסט איבער 40 טויטע און פֿאַרוואונדעטע. דעם 17טן יאַנואַר 1943 איז זי געקומען קיין וואַרשע אַנטיילצונעמען אין אַ זיצונג פֿון די פֿאַרבינדונגס־אַגענטן און גלייך אויף צו מאָרגנס האָט זי זיך באַטייליקט אין דער ערשטער אָפֿענער שלאַכט וואָס די געטאָ־קעמפֿער האָבן געגעבן די דייטשן. זי איז אומגעקומען אין עלטער פֿון 25 יאָר.

יהודית רינגעלבלום, די פֿרוי פֿון ד״ר עמנואל רינגעלבלום, פֿון דער היים בערמאַן. געבוירן אין וואַרשע ביי חסידישע עלטערן. אירע פֿיל שוועסטער זיינען געווען טעטיק אין „בונד״, קאָמוניסטן, החלוץ, רעכטע און לינקע פּועלי־ציון. יהודית האָט געהערט צו די לינקע פּועלי־ציון זינט 1920. זי איז געווען טעטיק אין אַקאַדעמיקער־קרייז, וואו זי האָט זיך באַקענט מיט עמנואל רינגעלבלום און מיט אים חתונה געהאַט. געווען אַ לערערין פֿון פֿויליש אין די רעגירונגס־שולן פֿאַר יידישע קינדער און אין איינער פֿון די באַראַכאָוו־שולן פֿון דער ציש״אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע), זיך אָפּגעגעבן פֿיל מיט סאָציאַלער הילפֿס־אַרבעט צווישן קינדער.

אין די טעג פֿון געטאָ האָט זי געאַרבעט אין „צענטאָס״.[1] זי איז דער־מאָרדעט געוואָרן דעם 7טן מאַרץ 1944 צוזאַמען מיט איר מאַן עמנואל און זייער איינציקן 14יאָריקן זון אוריה און נאָך 35 יידן, ווען די נאַציס האָבן אַנטדעקט זייער באַנקער אויף גרויעצקע גאַס אין מאָקאָטאָוו, אין אָרישן קוואַרטאַל פֿון וואַרשע.

שיינדל שוואַרץ, געבוירן אין קאָוועל, וואָלין, ביי פֿאַרמעגלעכע עלטערן. געווען צווישן די פֿעאיקסטע שילערינס אין דער העברעאישער גימ־

[1] אָרגאַניזאַציע פֿאַר העלפֿן יתומים.

נאַזיע „תרבות" אין קאָוועל. זיך אָנגעשלאָסן אין „החלוץ הצעיר" נאָך זייענדיק אַ שילערין אין 7טער קלאַס גימנאַזיע. אין 1938 אַוועק אויף הכשרה קיין גראָכאָוו. זיך באַטייליקט אין וועלט־סעמינאַר פֿון „החלוץ" וואָס האָט געדויערט 3 חדשים. אין גראָכאָוו האָט זי אָנגעפֿירט מיט דער דערציאונג פֿון אַ גרופּע יוגנט פֿון דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך געגרייט צו דער עליה.

צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים פֿון גראָכאָוו פֿאַרטראָגט איר דער קריגס־שטורעם קיין קאָוועל, פֿון דאָרט ווערט זי געשיקט קיין ווילנע דורכן באַנייטן מרכז „החלוץ". זי וואַנדערט פֿון שטעטל צו שטעטל, אין טאָש — אַ דיפּלאָם פֿון דער לעמבערגער אוניווערסיטעט און וועקט דעם מוט פֿון דער חלוצישער יוגנט גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן און ווייטער טריי בלייבן דער פֿאָן. אָנהויב 1941 קומט פֿאָר אַן אומלעגאַלער סעמינאַר פֿון די טוער פֿון ליטווישן „החלוץ" אין ווילנע; זי האָט זיך דורכגעשמוגלט די גרענעץ מיטן צוועק איבערצוגעבן די טוער אין ליטע די דערפֿאַרונג פֿון דער אומלעגאַלער טעטיקייט אין פּוילן. אין ווילנע געזעגנט זי זיך מיט די חברות וואָס זיינען עולה קיין ארץ־ישראל. זי איז ניט פֿאַרבי־טערט, וואָס זי קען ניט פֿאָרן צוזאַמען מיט זיי, „מען קען ניט אַנדערש", דערקלערט זי. אין דער אומלעגאַלער טעטיקייט ווערט זי געכאַפּט און אַרעסטירט דורך דער סאָוועטן־מאַכט און ווערט פֿאַרשפּאַרט אין דער טורמע פֿון לוצק. נאָך איר באַפֿרייאונג זעצט זי פֿאָר איר אַרבעט אויך שפּעטער, נאָך דעם ווי די דייטשן אָקופּירן וואָלין. זי איז טעטיק ביז סוף 1943. חברים וואָס זיינען אַריין אין קאָוועל צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי, נאָכן באַפֿרייען די שטאָט פֿון די נאַציס, האָבן געפֿינען אויסגע־קריצט איר נאָמען אויף אַ וואַנט אין אַ צעשטערטער שול.

די אויפֿשריפֿט אין העברעאיש האָט געלויטעט:

„שלום לחברים מקבוצת חלוצים ההולכים למות. נאמנים נשארנו לרעיוננו עד הסוף. נקמו נקמת דמנו השפוך".*

אונטערגעשריבן זיינען געווען: שיינדל שוואַרץ פֿון קאָוועל, לאה פּיש פֿון האָראָכאָוו, רחל פֿאָגעלמאַן פֿון לאַכאָוויטש און דוד אייזנבערג פֿון וואַרשע.

---

* שלום צו די חברים פֿון דער חלוצים־גרופּע, וואָס גייען אַנטקעגן דעם טויט. מיר זיינען געטריי געבליבן אונדזער געדאַנק ביז צום סוף. נעמט נקמה פֿאַר אונדזער פֿאַרגאָסן בלוט.

טעמע שניידערמאַן, געבוירן אין וואַרשע אין 1917 אין אַן אַסימילירטער היים. זי האָט ניט געקענט קיין וואָרט יידיש. האַרט פֿאַרן קריג שליסט זי זיך אָן אין „החלוץ״, וואו זי באַקומט אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג.

צוזאַמען מיט פֿיל אַנדערע חלוצים דערשלאָגט זי זיך אין ערשטן קריגס־חודש קיין קאָוועל און פֿון דאָרט דערגרייכט זי ווילנע. זי איז טעטיק צוזאַמען מיט איר חבר מרדכי טענענבוים (זע ז׳ 135) אין דער ווילנער געטאָ. זי לעבט אין אַרישן שטאָט־טייל און זי איז די פֿאַרבינ־דערין פֿון דער געטאָ מיט דער אויסערלעכער וועלט. זי ווערט געשיקט אין פֿאַרשידענע געפֿערלעכע שליחותן, אויך קיין וואַרשע. דאָרט איז זי טעטיק אַלס אַריערין אונטערן נאָמען וואַנדע מאַיעווסקאַ. אַ לאַנגע צייט האָט זי געוווינט אין טשערניאַקאָוו און אין איליאַנאָוו — פֿאַרשטעט פֿון וואַרשע. גענומען אָנטייל אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וועמענס נאָמען זי באַזוכט ביאַליסטאָק אין יאַנואַר 1943. עטלעכע טעג נאָך איר צוריקקומען פֿון דאָרט קיין וואַרשע איז זי אומגעקומען בעת דער דע־פּאָרטאַציע דעם 18טן יאַנואַר 1943 צוזאַמען מיט לאה פערלשטיין און שרה גראַנאַטשטיין.

פּ אַ ר אַ ש ו ט י ס ט ן

אשרי הגפרור שנשרף והצית להבות,
אשרי הלהבה שבערה בסתרי לבבות.
אשרי הלבבות שידעו לחדול בכבוד...
אשרי הגפרור שנשרף והצית להבות.

(איר לעצט ליד)

וואויל דעם שוועבעלע, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן און האָט אָנגעצונדן פלאַמען, וואויל דעם פלאַם וואָס האָט געפלאַקערט אין די פאַרבאָרגעניש פון הערצער. וואויל די הערצער, וואָס זיינען אויסגעגאַנגען בכבוד... וואויל דעם שוועבעלע, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן און אָנגעצונדן פלאַמען.

חנה סענעש (1921-44)

„כל ימי התפללתי...״

סוף 1943 האָבן אונדז פון ארץ־ישראל אָנגעהויבן דערגרייכן קלאַנגען וועגן אַ נייער טאַט. פון די רמזים אין בריוו און צייטונגען איז ניט קלאָר געווען אין וואָס די טאַט באַשטייט, אויסער אין דעם, אַז זי האָט אַ שייכות מיט הילף פאַר די יידן אין דער נאַצי־אָקופּירטער אייראָפּע — און אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען און מיטלען.

שפּעטער האָבן מיר זיך, פון פּערזענלעכע גרוסן, דערוואוסט וועגן דער פאַראַשוטיסטן־אַקציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט צענדלי־

קער חברים, אַלע אָדער כמעט אַלע מיטגלידער פֿון די אַרבעטער־ישובים. די דאָזיקע אַקציע איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך דער יידישער אַגענטור בשותּפֿות מיט דער בריטישער אַרמיי. די אָנטיילנעמער זיינען אַראָפּגעלאָזן געוואָרן מיט פּאַראַשוטן הינטער דעם שונאס ליניע, מיט אַ טאָפּלטער אויפֿגאַבע: דורכצופֿירן שפּיאָנאַזש־אַקציעס קעגן די נאַציס און זייערע פֿאַרבינדעטע און ברענגען הילף דער פֿאַרבליבענער יידישער באַפֿעל־קערונג. מיר ווייסן נאָך איצט אויך ניט אַלע פּרטים פֿון דער אַקציע — אָבער ס׳איז יאָ באַקאַנט, אַז די פּאַראַשוטיסטן זיינען געשיקט געוואָרן אין אַלע לענדער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין נאַצישן רשות. אין אַלע מערסטע פֿאַלן איז די שליחות געלונגען; אין עטלעכע לענדער איז די פּאַראַשוטיסטן ניט געלונגען אַריינצודרינגען; אַ צאָל פּאַראַשוטיסטן זיינען געכאַפּט געוואָרן — און באַצאָלט מיט זייער לעבן פֿאַר דער דאָזי־קער שליחות.

ערשט איצט, נאָך דער מלחמה, הויבן אָן באַקאַנט צו ווערן די פֿאַקטן וועגן דער דאָזיקער אַקציע — און איינער נאָכן אַנדערן ווערן אויך פֿאַר־עפֿנטלעכט די נעמען פֿון די קרבנות — כאָטש נישט אין אַלע פֿאַלן איז פֿאַראַן די זיכערע באַשטעטיקונג, אַז דער חבר וואָס איז ביז היינט ניט צוריקגעקומען, איז טאַקע אומגעקומען.

צווישן די וואָס זיינען געגאַנגען אין דער דאָזיקער שליחות, זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען באַקאַנט געווען אַ ברייטערן קרייז. אָבער די מערסטע צווישן זיי זיינען אומבאַקאַנטע „חברים מן השורה״. אין אונדזערע קינדער־יאָרן, האָבן אונדז אונדזערע מאַמעס דערציילט, אַז דער קיום פֿון דער וועלט הענגט אָפּ פֿון ל״ו צדיקים; אויף אַזעלכע „ל״ו צדיקים״ שטייט אויך דאָס נייע ארץ־ישראל. איינע פֿון זיי איז געווען חנה סענעש — אַ נאָמען וואָס איז ביז איצט געווען באַקאַנט בלויז איר משפּחה, עטלעכע פֿריינט און אירע שכנים אין דעם פֿישער־דאָרף „שדות־ים״ אין שומרון. היינט ווייסן מיר: דאָס דאָזיקע אומבאַקאַנטע מיידל, איז געווען איינע פֿון די פֿאַרבאָרגענע „ל״ו צדיקים״, וואָס אין זייער זכות לעבן מיר.

* * *

חנה סענעש איז געבאָרן געוואָרן אין בודאַפּעסט, אונגאַרן, דעם 17טן יוני, 1921, אין אַן אַסימילירטער פֿאַמיליע. (אונגאַרן איז אין דער עמאַנ־ציפּאַציע־עפּאָכע געווען איינער פֿון די צענטערן פֿון אַסימילאַציע אין אייראָפּע; ס׳איז אָבער אויך הערצלס געבורטסלאַנד). אין איר פֿריער יוגנט האָט זיך חנה אָנגעשלאָסן אָן דער חלוצישער באַוועגונג. אַ נײַנצן יעריק

מיידל, איז זי עולה געווען קיין ארץ־ישראל — סעפּטעמבער, 1939 — אין די ערשטע טעג פֿון דער איצטיקער מלחמה. זי איז אַריינגעטראָטן אין דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שול פֿאַר מיידלעך אין נהלל, האָט דאָרט אָרגאַניזירט אַ גרופּע תּלמידות, וואָס האָבן זיך אַנטשלאָסן פֿאָרן קבוצה־לעבן. אין 1942, שליסט זי זיך אָן אָן דער קבוצה „שדות ים", אין קיסריה, לעבן חדרה. (שדות ים" — ים־פּעלדער. עס דערמאָנט אַ שורה אין שאול טשערניכאָווסקיס אַ ליד: „לבי לשדות ים וקרבות" — „מיין האַרץ ציט צו ים־פּעלדער און שלאַכטן"). זי לעבט און אַרבעט אין דער דאָזיקער קבוצה ביז סוף 1943, בעת עס הויבט זיך אָן אָרגאַניזירן די פּאַראַשוטיסטן גרופּע. זי איז איינע פֿון די דריי חברות צווישן די צענדליקער חברים, וואָס באַטייליגן זיך אין דער דאָזיקער אַקציע. דעם 1טן מערץ, 1944, לאָזט זי זיך אַרויס אין איר שליחות. די ערשטע עטלעכע חדשים, פֿאַרברענגט זי אין יוגאָסלאַוויע, צווישן פּאַרטיזאַנער. אָבער עס ציט זי קיין אונגאַרן — דאָס איז אַ שווערע אויפֿגאַבע, און אויסער דעם געפֿינט זיך אין בודאַפּעסט איר מאַמע. אירע ארץ־ישראלדיקע חברים פּרובירן זי אָפּריידן דערפֿון, אָבער זי גיט זיך ניט אונטער. דעם 10טן יוני, 1944, גייט זי אַריבער מיט דער הילף פֿון יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען, די אונגאַרישע גרענעץ. מען כאַפּט זי, זי ווערט פֿאַרשפּאַרט אין טורמע. מען פּייניקט זי, זי גיט גאָרניט אַרויס — און זי ווערט פֿאַרמשפּט צום טויט. פֿאַרן טויט ווערט מקוים אירער אַ פֿריוואָטער חלום, וואָס האָט זי סטימולירט צו איר שליחות: זי זעט זיך מיט איר מוטער אין דער בודאַפּעסטער טורמע. זי איז דערשאָסן געוואָרן דעם 11טן יולי, 1944, און איז נקבר געוואָרן אויפֿן יידישן בית־עלמין.

פֿון יוגאָסלאַוויע האָט זי נאָך באַוויזן דורכצושמוגלען עטלעכע בריוו צו אירן אַ ברודער, אַ מיטגליד אין קיבוץ „מעגן". אין איינעם פֿון די בריוו שרייבט זי: „ס'האָט מיך געפֿרייט צו הערן, אַז דו ביזט צופֿרידן און פֿריילעך — איך אויך, ניט געקוקט אויף מיין צער, וואָס איך בין ווייט פֿון דיר. איך האָב דורכגעמאַכט אַביסל אינטערעסאַנטע דערפֿאַרונגען. מיין טייערער, איך זאָרג זיך וועגן דעם גורל פֿון אונדזער מוטער ממש אַזוי ווי דו, און ס'איז שרעקלעך דאָס געפֿיל, אַז איך קען גאָרניט טאָן".

איידער זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער שליחות, האָט זי איר קבוצה איבערגעגעבן איר טאָגבוך און אַ העפֿט לידער. די לידער זיינען אַלע געשריבן געוואָרן אויף העברעאיש. די ערשטע פֿאַרצייכענונג אין איר טאָגבוך, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויף העבראיש — עטוואָס שטייפֿע און אומזיכערע זאַצן — רעגיסטרירט די ידיעה וועגן „ווייסבוך". אָנ־

הויבנדיק מיט דער דאָזיקער פֿאַרצייכענונג, איז דאָס טאָגבוך אינגאַנצן אויף העברעאיש.

נאָך איר טויט זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן עטלעכע פֿאָטאָגראַפֿיעס. אירע חברים שרייבן, אַז די דאָזיקע בילדער „גיבן ניט קיין באַגריף פֿון איר פּערזענלעכן צויבער — באַצויבערנדיק איז אויך געווען איר ווייכע, טיפֿע שטים".

* * *

דאָס זיינען כּמעט אַלע באַקאַנטע פֿאַקטן וועגן דאָזיקן לעבן, וואָס איז געקומען צו זיין סוף אין דריי־און־צוואַנציקסטן יאָר. וועגן דער אינערלעכער וועלט, אין וועלכער עס האָט געלעבט די חלוצה פֿון דער ווייטער אָפּגעפֿרעמדטער אונגאַרן, די תּלמידה פֿון „בית ספר חקלאי לצעירות בנהלל", די חברה פֿון פֿישער־דאָרף „שדות ים" — דערציילן אונדז די ווערטער וואָס זי האָט פֿאַרצייכנט פֿאַר זיך אַליין אין איר טאָגבוך און אין דעם לידער־העפֿט — וואָרים ביים לעבן האָט זיי קיין פֿרעמד אויג ניט געזען.

זיי דערציילן אונדז: אין דער דאָזיקער צייט פֿון דעגענעראַציע, וואָס איז אַזוי אַל־הערשנדיק, אַז זי באַרירט און פֿאַרדאַרבט, ניט נאָר די שלעכטע און גלייכגילטיקע, נאָר אויך די בעסטע — שיינט נאָך די נשמה, וואָס איז אין דער דאָזיקער וועלט געבליבן אַזוי ריין ווי זי איז אַרויס פֿון די הענט פֿון באַשאַפֿער.

און אַט דאָס לעבט אויך צווישן אונדז. אין דינסט פֿון אונדזער לעבנס־זאַך, וואָס איז אויך אַזוי ענג פֿאַרפּלאָנטערט אין נעצן פֿון וואָכעדיקייט און קליינלעכקייט, שטייט אויך די דאָזיקע קדושה.

און אפֿשר דאַרף אונדז אויך עפּעס זאָגן דאָס וואָס די דאָזיקע קידוש־השם יידישקייט קומט ניט שטענדיק פֿון דאָרטן, פֿון וואַנען מען דאַרף זי אַפֿשר דערוואַרטן. ניט בלויז פֿון דער וועלט פֿון „יידישע יידן", קומען די ברידער און שוועסטער פֿון חנה סענעש. מיר ווייסן ניט, און קענען ניט ווייסן, וואָס פֿאַר אַ כּוחות עס זיינען פֿאַרבאָרגן אַפֿילו אין יענע טיילן פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס זיינען דוכט זיך, אָפּגעשניטן פֿון אַלע אונדזערע לעבנס־קוואַלן. מיר ווייסן ניט וואָס פֿאַר אַ גייסטיקע ענערגיעס עס איז עלול אויפֿצוּוואַקן אין די בעסטע פֿון זיי דאָס בילד פֿון אַ יידישקייט, וואָס פֿאָדערט דעם גאַנצן נפֿש.

* * *

בערך אין דער זעלבער צייט, וואָס חנה סענעש האָט אין דער ערש־טער העברעאישער פאַרצייכנונג אין איר טאָגבוך פאַרשריבן (נאָך דעם ווי זי האָט אויסגעדריקט דעם וואונטש צו קענען לייענען דעם תנ״ך און מקור) טרומפּעלדאָרס לעצטע ווערטער („עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד״), האָט ב. קאַצענעלסאָן, אין אַ רעדע דערמאָנט, אַז עס קומען טעג, ווען עס ווערן אַקטועל די ווערטער פון עקיבא וועגן דעם זכות פון שטאַרבן אויף קדוש־השם: „כל ימי התפללתי מתי יבוא הדבר לידי — ואקיימנו״ („מיין גאַנץ לעבן האָב איך תפילה געטאָן, אַז עס זאָל מיר באַשערט זיין עס צו דערלעבן און מקיים צו זיין״).

די צייט איז שוין אפשר געקומען. עס לעבט נאָך אין אונדז די „גבורה פון די פאַרצווייפלטע״ — די עקשנות פון ר׳ עקיבא, די לויטערקייט פון חנה סענעש.

שלמה גראָדזענסקי

אירע לעצטע טעג

איך האָב זיך מיט חנה סענעש באַגעגנט בעת מיר האָבן זיך געגרייט פאַר אונדזער שליחות אין קאַיראָ (עגיפּטן). פונם ערשטן מאָמענט האָב איך אין איר געזען אַ מענטש מיט כאַראַקטער, וואָס זוכט שטענדיק די סאַמע שווערסטע אויפגאַבע. מיט פיבערדיקער אומגעדולד האָט זי געוואַרט מען זאָל אונדז אַרויסשיקן אויף אונדזער שליחות. עס איז שווער געווען איר צו געבן דערקלערונגען. זי האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען לייגט דאָס אָפּ. צו וואָס דאַרף מען אָט די פאַרצויגענע הכנות? צוגעלאָזט און ליבהאַרציק איז זי געווען בעת די שטימונג פון אונדזער קליינער גרופּע אין קאַיראָ האָט זיך געהויבן, בעת עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס זיינען פאַרבליבן בלויז וויניקע שעה׳ן ביז צו אונדזער אַרויספאָרן. אָבער ווען דאָס איז ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן, איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ געדריק־טער שטימונג און עס איז שווער געווען צו פאַרברענגען אין איר גע־זעלשאַפט. זי האָט ניט געהאַט קיין כּוח צו וואַרטן.

שפּעטער האָבן מיר זיך באַגעגנט, בעת מיר זיינען שוין געווען אין יוגאָסלאַוויע. ערשט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם סוד פון איר אינערלעכער קראַפט; איך האָב פאַרשטאַנען איר גרויסע קנאות. זי איז בלינד געווען צו אַלץ, וואָס האָט איר אַרומגערינגלט און האָט פאַר זיך געזען בלויז איין זאַך — איר שליחות. צווישן איר און אירע חברים־שליחים אין יוגאָסלאַוויע האָבן אויסגעבראָכן שווערע וויכּוחים. אונדזער

לאַגע איז געווען אַ פֿאַרפּלאָנטערטע. מיר האָבן אָנגעהויבן איינזען, אַז די פּאַרטיזאַנער העלפֿן אונדז ניט גענוג. עס איז ניט גרינג געווען צו באַשליסן, וואָס צו טאָן און צי מיר זאָלן דאָס טאָן אָן אָדער מיט זייער הילף. און ניט איין מאָל זיינען מיר אין אַזעלכע שווערע שעה'ן איבער־צייגט געוואָרן דורך חנהן. זי פֿלעגט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט מיט אַזאַ תּקיפֿות, אַז עס איז ווייטער ניט מעגלעך געווען צו דיסקוטירן. מיר האָבן זיך אונטערגעגעבן — און עס איז גוט געווען זיך אונטערצוגעבן.

אונדזערע וועגן האָבן זיך געשיידט. זי איז אַוועק אויף איין וועג און איך — אין אַן אַנדער וועג, צו זוכן מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען וואָס מער יידן. חנה האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו דער אונגאַרישער גרע־נעץ מיט דער הנחה, אַז מיר וועלן זיך באַגעגענען אין בודאַפּעסט. ווען איך בין אָנגעקומען אין בודאַפּעסט, האָט קיינער ניט געוואוסט וועגן איר קומען. דאָס אַליין איז ניט געווען קיין גרונט צו זאָרגן. איך האָב געוואָלט גלויבן, אַז זי האָט זיך אומגעקערט פֿון דער גרענעץ, אַז זי האָט אפֿשר ניט געקענט אַריבערגיין די גרענעץ. אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך אַרעסטירט, און אין דער טורמע האָב איך זיך דערוואוסט פֿון די וועכטער, אַז דאָרט געפֿינט זיך אַן ארץ־ישראלדיק מיידל. צו מיין פֿאַר־צווייפֿלונג איז ניט געווען קיין גרענעץ. עס איז קלאָר געווען: מען האָט געכאַפּט חנהן. אונדזער גאַנצע אַרבעט איז פֿאַרלאָרן...

אַ צייט שפּעטער האָט מען מיך איבערגעפֿירט אין אַן אַנדער טורמע און דאָרטן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז חנה געפֿינט זיך אין דער זעלבער געביידע. סוף־סוף איז מיר געלונגען זיך מיט איר צו פֿאַרבינדן און אַפֿילו אַריינקוקן אין פֿענצטער פֿון איר צעל. נאָך מער ווי זי אַליין האָט מיר גע־קענט דערציילן, אויף דעם דאָזיקן אומדירעקטן אופֿן, האָב איך זיך דער־וואוסט פֿון אַנדערע. מען האָט מיר דערציילט אַז זי איז אין אַ גוטער שטי־מונג, אַז זי האַלט זיך פֿעסט, אַז זי דערמוטיקט חברים־אַרעסטאַנטן. מען האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט דערפֿונדן נייע סיסטעמען ווי זיך צו פֿאַר־בינדן מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן און זיי איבערגעבן נייעס, וואָס איז צו איר דערגאַנגען. זי איז דערמיט פֿאַרנומען פֿון אין דערפֿרי ביז ביינאַכט. זי שניידט אויס פֿון פּאַפּיר קידוש־לבנה אותיות, שטעלט זיי אַרויס אין פֿענצטער, בוכשטאַב נאָך בוכשטאַב און אויף דעם אופֿן גיט זי איבער די אַנדערע אַרעסטאַנטן די אינפֿאָרמאַציע וואָס איז צו איר דערגאַנגען. זי האָט אויך געפֿונען אַ וועג פֿאַר בריוולעכע פֿאַרבינדונגען מיט מיטגלידער פֿון דער באַוועגונג, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער זעלבער טורמע.

וואָכן און חדשים זיינען אַוועק ביז מיר האָבן זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים. עס איז געלונגען אונטערצוקויפֿן די וועכטער, זיי זאָלן אונדז דער־

לויבן זיך צו באַגעגענען און כאַפּן אַ שמועס. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן דערציילט, אַלץ וואָס מיט אונדז איז געשען, זינט מיר האָבן זיך געזעגנט. זי האָט דערציילט ווי אַזוי מען האָט איר דורך אַ צופאַל געכאַפּט נאָענט ביי דער גרענעץ. צוויי פון אירע דריי באַגלייטער זיינען אַריין אין אַ דאָרף אויף יענער זייט גרענעץ, דאָרטן צו זוכן באַקאַנטע שמוגלער, וואָס זאָלן זיי העלפן זיך אַריינגנבענען אויף אַ באַן. מען האָט זיי געכאַפּט און איינער פון זיי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דעמאָלט האָבן די פּויערים אָנגעוויזן די אונגאַרישע זשאַנדאַרמען דעם פּלאַץ וואו עס האָבן זיך גע־פונען צוויי פּאַרטיזאַנער, וואָס איינע פון זיי איז געווען חנה.

זי האָט ניט דערציילט, וואָס מען האָט איר אין טורמע געטאָן. פון אַנדערע האָב איך געהערט אַז מען האָט זי מוראדיק געפּייניקט. אונדזער באַגעגעניש איז שוין פאַרגעקומען חדשים שפּעטער. מען האָט אויף איר ניט געזען קיין אויסערלעכע שפּורן פון די דאָזיקע פּייניקונגען, אויסער דעם וואָס עס האָבן איר געפעלט די ציין. די פּייניקונגען זיינען געווען ניט נאָר פיזישע. מען האָט אין בודאַפּעסט געפונען איר מאַמע, זי גע־בראַכט צו דער טאָכטער און געדראָט, אַז אויב זי וועט ניט אַרויסגעבן די געהיימע שריפט פון איר ראַדיאָ — וועט מען דער מוטער הרגענען פאַר אירע אויגן. זי האָט זיך אַנטזאָגט דאָס צו טאָן.

מיר האָבן פיל גערעדט אין יענער שעה־און־אַ־האַלב — עס איז פאַר אונדז געווען אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. די באַגעגעניש איז פאַרגעקומען בעת עס האָט זיך געדוכט, אַז מיר וועלן נאָך פון דער טורמע אַרויסגיין בשלום. די רויטע אַרמיי איז געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער, און מיר, וואָס זיינען געווען זיכער, אַז מען וועט אונדז אומברענגען איידער עס וועט קומען די באַפרייאונג — אין אַ ליד, וואָס חנה האָט געשריבן אין טורמע און וואָס איז דורך אַ צופאַל דערגאַנגען צו חברים אין דרויסן, זאָגט זי פאָראויס איר טויט — זיינען אָבער אין יענער צייט געווען פול מיט האָפ נונג, אַז מיר וועלן דאָך פאַרבלייבן לעבן. בלויז איין זאַך האָט אונדז פאַר־שאַפט ווייטאָג — וואָס מיר האָבן ניט דורכגעפירט די אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען.

חנה האָט אויך אין דער טורמע פיל אויפגעטאָן. מען האָט דערציילט, אַז זי נוצט אויס יעדע באַגעגעניש מיט אַ מענטשן, זאָל ער זיין אַ ייד אָדער ניט־ייד, כדי צו פירן פּראָפּאַגאַנדע און צו דערמוטיקן. זי דערציילט וועגן ארץ־ישראל און וועגן אונדזער לעבן דאָרטן, זי האַלט זיך ניט אָפּ פון זאָגן דעם אמת וועגן אונדזער שונא, כאָטש זי האָט זיכער געוואוסט, אַז צווישן די אַרעסטאַנטן געפינען זיך שיכורים־מוסרים. אויך זיי האָט זי גע־וואָרפן דעם אמת אין פּנים. מיר ווייסן ניט וואָס זי האָט געזאָגט בעת מען

האָט זי אויסגעפּאָרשט. עס איז אָבער זיכער, אַז די דייטשע סאַדיסטן, וואָס האָבן פֿאַר אונדזערע אויגן דורכגעפֿירט די אומגלויבלעכסטע שוידער־טאַטן, האָבן זיך צו איר באַצויגן מיט אומבאַשרייבלעכן דרך־ארץ.

צוויי טעג נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש האָט מען אונדז איבערגעפֿירט אין אַ נייער טורמע, אָבער די טויערן פֿון דער טורמע זיינען געעפֿענט געוואָרן בלויז פֿאַר איר, פֿאַר אונדז איז דאָרט ניט געווען קיין פּלאַץ. ביים טויער האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אַ האַנט־דרוק און אַ וואָרט פֿון דער־מוטיקונג. אַ יונגע און אַ פֿרישע איז זי דאָרט געשטאַנען, איינגעהילט אין אַ רעגן־מאַנטל, מיט אַ קליינער וואַליזע אין האַנט, און אונדז דער־מוטיקט מיט איר שמייכל. אַזוי איז זי געשטאַנען ביים טויער פֿון דער טורמע און געוואַרט ביז מען האָט אונדז צוריק אַריינגעזעצט אין אויטאָ־מאָביל. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב איר געזען איידער זי איז אַריינגעפֿירט געוואָרן אין דער לעצטער טורמע.

ווידער זיינען אַוועק עטלעכע חדשים, בעת וועלכע איך האָב וועגן איר זייער ווייניק געהערט. די איינציקע פֿאַרבינדונג צווישן אונדז איז געווען אַ געמיינזאַמער אַדוואָקאַט, וועלכע מיר האָבן טאַקע באַשטעלט, כּדי ער זאָל אונדז פֿאַרבינדן. ער האָט מיר דערציילט וועגן איר פּראָצעס. זי איז פֿאַר די ריכטער אויפֿגעטראָטן אַ פֿעסטע און זיכערע אין זיך. זי האָט ניט פֿאַרלאָרן איר פֿעסטקייט אויך בעת דער פּראָקוראָר האָט געפֿאָדערט אַ טויט־אורטייל. אָבער כאָטש דאָס איז שוין געווען נאָך דער פֿאַשיסטישער רעוואָלוציע, האָבן די ריכטער ניט געוואָגט גלייך אַרויסצוגעבן דעם אור־טייל און זיי האָבן געמאָלדן, אַז דער פּסק־דין וועט אַרויסגעגעבן ווערן ערשט אַ וואָך שפּעטער.

אין אַ רעגנדיקן האַרבסט־טאָג, דעם 6טן נאָוועמבער, 1944, האָט מען חנהן געבראַכט אין דער טורמע וואו איך האָב זיך געפֿונען. אין איר צעל איז אַריינגעקומען אַן אָפֿיצער און געלאָזט וויסן, אַז זי איז פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און געפֿרעגט צי זי וויל בעטן באַגנאַדיקונג. חנה האָט געענטפֿערט, אַז זי איז פֿאַראורטיילט געוואָרן דורך אַ צוויי־ראַנגיקן געריכט און זי פֿאָדערט, אַז מען זאָל רופֿן איר אַדוואָקאַט, וואָרים זי וויל אַפּעלירן. דער ענטפֿער איז געווען: דאָס איז אוממעגלעך. „זאָג, צי דו ווילסט באַ־גנאַדיקונג אָדער ניט?” — זי האָט געענטפֿערט: „פֿון תּלינים בעט איך ניט קיין באַגנאַדיקונג”.

אין דער לעצטער שעה פֿון איר לעבן האָט מען איר דערלויבט צו שרייבן בריוו. זי האָט אָנגעשריבן איין בריוו צו דער מוטער און אַ צווייטן צו חברים. די דאָזיקע בריוו האָבן ניט דערגרייכט די אַרעסטאַנטן.

מיר ווייסן נאָר, אַז איר בריוו צו די חברים איז געווען אַ רוף פֿאַרצווזעצן די אַרבעט און דעם קאַמף ביז אונדזער פֿאָלק וועט באַפֿרייט ווערן.

מען האָט זי אַרויסגעפֿירט אין הויף, און אָן דער גאַנצער לעגאַלער פּראָצעדור פֿון הינריכטונג, האָט מען איר אַנטקעגנגעשטעלט דריי סאָל־דאַטן. מען האָט איר געוואָלט פֿאַרבינדן די אויגן, אָבער זי האָט עס ניט דערלויבט. עדות פֿון דער הינריכטונג האָבן דערציילט אַז זי איז געשטאַנען אַ גלייכע, מיט אָפֿענע אויגן, אַ ברעם האָט ניט אַ ציטער געטאָן. אַזוי איז זי געשטאַנען קעגן אירע מערדער ביז עס איז געגעבן געוואָרן דער באַפֿעל צו שיסן און זי איז געפֿאַלן אויף דער ערד.

זי איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפֿן יידישן בית־עולם אין בור־דאַפּעסט, אין דעם טייל וואָס טראָגט דעם נאָמען „דאָס ווינקל פֿון די מאַרטירער".

נאָך דער באַפֿרייאונג האָב איך זיך אַרויסגעלאָזן זוכן די שפּורן פֿון איר משפּחה און איר היים, און עס האָט מיר נאָך מער ווי פֿריער פֿאַר־חידושט די רעטעניש פֿון איר לעבן און דער סוד פֿון איר פּערזענלעכקייט. וואָס מער איך האָב זיך באַקענט מיט איר אַלטער סביבה, אַלץ ווייניקער האָב איך פֿאַרשטאַנען דעם וואונדער וואָס האָט זיך אין איר פֿאַרקערפּערט: אַ פּראַכטפֿולע ווילע אין דער רייכסטער געגנט אין בודאַפּעסט, אַ גרויסער פּאַלאַץ אין אַ ברייטן פּאַרק אין דאָרף, אַ פֿאַמיליע וואָס איז אַנגעזען אין יעדן יידישן און ניט־יידישן קרייז. איך ווייס ניט וואָס עס זיינען גע־ווען די מאָטיוון, וואָס האָבן זי געפֿירט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, צי דאָס איז געווען די באַגעגעניש מיט אָן ארץ־ישראלדיקן שליח, וועגן וועלכן חנה האָט אַמאָל דערציילט, אָדער עפּעס אַנדערש. איך האָב אָבער געלייענט די בריוו, וואָס זי האָט געשריבן צו איר מאַמען פֿון ארץ־ישראל, איך האָב פֿאַר זיך געזען די קלאָרע ליניע וואָס האָט איר געפֿירט פֿריער צום ציוניזם און נאָכדעם צו חלוציות, ביז צו דער לעצטער שליחות — און דאָס בילד איז געווען קלאָר און גאַנץ.

דעם שליסל צו דער דאָזיקער רעטעניש, ווי אַזוי עס איז אויסגעשמידט געוואָרן און געשאַפֿן געוואָרן דער דאָזיקער כאַראַקטער, דאַרף מען זוכן בלויז דאָ, אין ארץ־ישראל. דאָ, צווישן אונדז, איז זי אויסגעוואַקסן, דאָס דאָזיקע לאַנד און אונדזער ווערק האָבן אויסגעפֿורעמט איר געשטאַלט. זי איז געקומען פֿון אַן אָפּגעפֿרעמדטן און אסימילירטן יידישן קיבוץ. עמיצער אין בודאַפּעסט האָט געזאָגט, אַז חנה איז דאָס שוואַנען־ליד פֿון דעם אונגאַרישן יידנטום. אָבער עס איז מעגלעך, אַז זי איז אויך געווען דער

אַנזאָג פֿון אַ נייער תקופֿה, וואָס וועט דעם דאָזיקן קיבוץ צוריקברענגען צום יידישן פֿאָלק אין יידישן לאַנד. פֿאַר דעם דאָזיקן קיבוץ האָט זי אַוועקגעגעבן איר לעבן — און אויב זי האָט ביים לעבן ניט זוכה געווען פֿאַרן אונגאַרישן יידנטום אויסצוטרעטן אַ רעטונג־וועג, וועט אפֿשר איר טויט באַלייכטן דעם וועג פֿון זיין יוגנט.

יואל

מצבה אויפֿן קבר פֿון רחל סענעש אין בודאַפּעסט

פּאַראַשוטיסטן, געפֿאַלן אין שליחות פֿון פֿאָלק

צבי בן יעקב פֿון דער קבוצת החותרים, דערשאָסן אין סלאָוואַקיע;

אבא בערדיטשעוו פֿון דער גרופּע במאבק (הנוער הציוני), געפֿאַלן אין סלאָוואַקיע;

פּרץ גאָלדשטיין פֿון מעגן, אומגעקומען אין דייטשלאַנד;

חיים (ענצא) סירעני פֿון גבעת ברנר, דערמאָרדעט אין דאַכאַו;

חנה סענעש פֿון קיסריה, פֿאַרפּייניקט אין אונגאַרן;

רפֿאל רייס פֿון קבוצת חוליות, אומגעקומען אין סלאָוואַקיע;

חביבה רייך־מאַרטינאָוויטש פֿון מענית, געפֿאַלן אין סלאָוואַקיע.

צו די ברעגן פון היימלאַנד

חיה גראָסמאַן

פאַר אונדז האָט זיך די מלחמה ניט געענדיקט...*

חיה גראָסמאַן, איז געווען פון די אָנ־פירער פון אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָ־קער געטאָ אין מיטן 1943. זי איז פון די געציילטע קעמפער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט.

אַ חבר האָט מיר געפרעגט: פון וואַנען קומט אונדזער רואיקייט און איינגעהאַלטנקייט? איך וועל אייך ענטפערן, אַז מיר זיינען געווען רואיק די גאַנצע צייט. דאָס איז געווען די רואיקייט, וואָס האָט אַרומגערינגלט אונדזערע חברים אין דער צייט פון דער שלאַכט און פאַר איר. די שלאַכט — דאָס איז געווען אונדזער שטרעבונג, דאָס איז געווען דער מאָמענט, אויף וועלכן מיר האָבן געהאָפט און געוואַרט.

עס איז לייכטער אונטערצולייגן מינעס ווי צו האַלטן רעדעס. וואָס מיר קאָנען אייך איבערגעבן איז, אַז מיר לעבן און עקזיסטירן; אַז אונדזער באַוועגונג איז געווען גרויס און שטאַרק און זי איז אויך געווען

---

* רעדע געהאַלטן אויף דער לאָנדאָנער ציוניסטישער קאָנפערענץ, סעפטעמבער, 1945.

שיין אין מאָמענט ווען זי איז געוואָרן באַזיגט. צו לעבן — דערין באַשטייט ניט די גרויסע קונסט. מ׳דאַרף וויסן ווי אַזוי צו לעבן, און וואָס איז נאָך וויכטיקער — ווי צו שטאַרבן. מיר האָבן געוואוסט, אַז מיט אונדזער טויט איז ניט אַלץ געוואָרן פֿאַריתומט; אַז אונדזער טויט וועט ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ הויב־קראַפֿט, אין אַ תורה, אויף וועמען עס וועט זיך דערציִען די יוגנט. ווען דעם האָבן מיר געטראַכט אין די געטאָס און דאָס איז געוואָרן די תורה וואָס מיר האָבן געחזרט און געלערנט די גאַנצע צייט אין רואיקייט און שטילקייט. און נאָך עפּעס וויל איך אייך זאָגן — הגם עס איז שווער עס אַרויסצוברענגען אויף מיינע אָרעמע ליפּן: די העלדן פֿון פֿאָלק זיינען ניט דווקא זיינע באַרימטע פּאָליטישע פֿירער. די העלדן פֿון פֿאָלק זיינען קליינע מענטשן, גרויע און שטילע.

איך געדענק די טעג פֿון דער ערשטער „אַקציע" אין ביאַליסטאָק, אין פֿעברואַר 1943. דאַן איז נאָך ניט געווען קיין קאַמף. דאָס איז געווען פֿאַר וואַרשע. טויזנטער יידן זיינען דאַן אומגעקומען אין דער געטאָ אַן יעדן טומל. שטילערהייט האָט מען אויך אין דער געטאָ דאַן געהאָנגען אַ יידישן העלד מיטן נאָמען מאַלמעט, אַלס שטראָף פֿאַר הרגענען אַ דייטש. און נאָך פֿיל זיינען געווען אַזעלכע ווי ער.

איך וועל אייך נאָך זאָגן, אַז מיר, די חלוצישע באַוועגונג, האָבן זיך קיינמאָל ניט באַטראַכט אַלס פֿירער און פּאָליטיקער. מיר האָבן געהאַט הונדערטער חברים, וואָס זיינען געפֿאַלן שטיל מיטן גלויבן אין ארץ־ישראל טיף איינגעבאַקן אין האַרץ.

די פּרשה פֿון דער יידישער קאַטאַסטראָפֿע אין פּוילן איז אַ לאַנגע און קאָמפּליצירטע. אָבער, מיר זיינען געבליבן לעבן, טראָץ די ליידן, שוידער און פֿאַרניכטונג און מיר מאָנען דאָס לעבן וואָס קומט אונדז און דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק. מיר וועלן ניט רוען. פֿאַר אונדז איז די מלחמה ניט געענדיקט. טראָץ דעם בית־הקברות אין פּוילן, האָבן מיר אויפֿגע־שטעלט אַ חלוצישע יוגנט באַוועגונג, וואָס איז גרייט צו גיין קיין ארץ־ישראל אויף אַלע וועגן. דאָס זיינען ניט קיין צוברָאָכענע און דערשלאָגענע מענטשן. זיי זיינען גרייט אויף אַלץ און קיין גרענעצן וועלן זיי ניט פֿאַרשפּאַרן דעם וועג. פֿון אייך און פֿון ארץ־ישראל פֿאַרלאַנגען מיר, אַז איר זאָלט זיי אויפֿמונטערן און שטאַרקן זייערע הענט. מיר וועלן ניט פֿאַרלאָזן פּוילן ביז מיר וועלן דאָרט ניט פֿאַרפֿעסטיקן די באַוועגונג. מיר זיינען מיד; אויך איך בין מיד. אָבער איך וועל ניט קומען אַזוי שנעל קיין ארץ־ישראל. מיר וועלן עולה זיין ערשט דאַן, ווען אין פּוילן וועלן זיין שליחים, קבוצים, א עליה, און אַ ציוניסטישע באַוועגונג. נאָר דאַן וועלן מיר קאָנען מיט אַ רואיק האַרץ עולה זיין אין אונדזער היימלאַנד

און לעבן אין קיבוצים. אויב מ'וועט אונדז ניט העלפֿן, אויב ארץ־ישׂראל וועט אונדז ניט העלפֿן, וועט ווערן באַגאַנגען אַ שווערע זינד.

איך וויל פֿונאַנדערוויקלען די מגילה פֿון הערואיזם אין דער געשיכטע פֿון אונדזער קאַמפּס־באַוועגונג. איך דערמאָן מיט ציטער דעם אָנדענק פֿון די העלדישע געפֿאַלענע יידישע טעכטער: לאנקע, טאַשע, פּרומקע און פֿיל אַנדערע, וואָס פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ פֿון כּבוד אין דער געשיכטע פֿון דער באַוועגונג. (אַלע שטעלן זיך אויף).

די שטילקייט — דאָס איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, דערהויבנסטע און שענסטע מעלה פֿון אונדזערע יידישע טעכטער, וואָס זיינען געפֿאַלן אין געראַנגל און שלאַכט. די יידישע מיידלעך זיינען געווען די „נערוון" פֿון דער באַוועגונג, די פֿאַרבינדערינס וואָס האָבן פֿון פּלאַץ צו פּלאַץ געבראַכט מיט זיך דאָס וואָרט פֿון דער באַוועגונג. טאַשע און לאנקע האָבן צום ערשטן מאָל געבראַכט פֿון וואַרשע קיין ווילנע דאָס וואָרט פֿון דער באַוועגונג און איר וועט ניט פֿאַרשטיין וואָס דאָס האָט באַדייט פֿאַר אונדז. מיר וועלן זיי קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן און זייערע געשטאַלטן וועלן זיין אַ דערציערישער סימבאָל פֿאַר דורות און דורות.

עס איז ניט קיין צופֿאַל, וואָס קיינער פֿון אונדז האָט ניט דערציילט וועגן אונדזערע איבערלעבונגען. צוקערמאַן האָט אייך געקענט פֿיל דערציילן און דאָס זעלבע אויך די איבעריקע. אָבער איך ווייס ניט ווי אַזוי און ווען מיר וועלן דאָס טאָן. מיר זיינען געקומען אַהער צו שילדערן אונדזערע צרות און ניט צו שטאַלצירן מיט זיי. מיר זיינען געקומען אַהער כּדי צו וואַרפֿן בריקן צו אייך, כּדי צו זאָגן אייך, אַז מיר לעבן, אַז מיר וועלן עולה זיין פֿאַר יעדן פּרייז, אַז מיר זיינען מיט אייך.

יוסף באַראַץ

„קבוצת פּרומקה"

דער נאָמען פֿון פּרומקע פּלאָטניצקאַ, פּירערין פֿון פּוילישן „החלוץ", וועלכע איז אומגעקומען אין העלדישן קאַמף אין די באַנקערס פֿון געטאָ און בענדין, איז פֿאַרבליבן אַ לעגענדע צווישן דער חלוצישער יוגנט פֿון פּוילן. אויף איר נאָמען איז ניט לאַנג צוריק געגרינדעט געוואָרן אין איטאַליע די „קבוצת פּרומקה".

איצט קומט אָן די ידיעה פֿון ארץ־ישׂראל, אַז די קבוצה האָט זיך שוין באַזעצט אין רמת הכובש. ווען די חלוצות זיינען אָנגעקומען אין לאַנד, זיינען זיי אַראָפּגעשטיגן פֿון אויטאָ מיט אַ ווייס־בלויער פֿאָן אויסגעהאַפֿטן מיט די ווערטער „קבוצת פּרומקה".

פּערמונטי, מודינה, סאַנטאַ מאַריאַ... פֿרעמדע איטאַליעניש נעמען. ווער האָט פֿון זיי געהערט אין פּוילן אָדער אין ארץ־ישׂראל? אָבער איצט

זיינען זיי גוט באַקאַנט. די, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די פּליכטלינגען לאַגערן אין די שטעטלעך נאָך דער מלחמה, וועלן זיי גוט געדענקען.

סאַנטאַ מאַריאַ ליגט ביים ברעג פֿון אַדריאַטישן ים — דריי שטעטלעך איינע לעבן דער אַנדערער. פֿאַר דער מלחמה זיינען זיי געווען זומער פֿלעצער און זיינען באַזוכט געוואָרן פֿון טוריסטן פֿון גאַנץ אייראָפּע. איצט אָבער דינען זיי ווי לאַגערן פֿאַר יידישע פּליטים — געלייטערטע אין די קאַלך־אויוונס פֿון מזרח־אייראָפּע.

דריי טויזנט יידן געפֿינען זיך אין סאַנטאַ מאַריאַ. דער רוב פֿון זיי זיינען יונגע מענטשן. קיין קליינע קינדער זעט מען נישט. קיין אַלטע לייט אויך ניט. און זייער ווייניק מיידלעך. די אורזאַך דערפֿאַר איז באַקאַנט.

ווייניק פּרויען, אָבער אין דעם לעבן פֿון דעם לאַגער פּילט מען זייער אָנוועזנהייט. אַכט קיבוצים זיינען פֿאַראַן. איינע פֿון זיי איז אַ קבוצה פֿון מיידלעך — קבוצת פּרומקה. די פֿירערין פֿון דער קבוצה איז בעלאַ,[1] וועלכע האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט פּרומקהן און איז געפֿאַנגען געוואָרן, ווען זי האָט פּרובירט אַריינפֿירן 17 רעוואָלווערן אין וואַרשעווער געטאָ. די פֿאַרטריקנטע בלוטיקע פֿאַסן אויף איר לייב זאָגן עדות וועגן דעם וואָס מ׳האָט איר געטאָן אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

בעלאַ האָט געגרינדעט די קבוצה אין אָנדענק פֿון פּרומקען, איר פֿירערין. ביי איר זייט געפֿינט זיך תמיד מאַניטשקע, אַ מיידעלע ניין יאָר אַלט, וועמענס מוטער איז דערהרגעט געוואָרן. זי איז די איינציקע פֿון איר עלטער און טרעט ניט אָפּ פֿון בעלאַן. בעלאַ איז אויך שטאַרק צוגע־בונדן צום קינד. „איך וועל זי בשום אופֿן נישט פֿאַרלאָזן. אָן איר וועל איך נישט עולה זיין, אויב אַפֿילו מיין עליה זאָל דורך דעם אָפּגעלייגט ווערן.״ אַזוי זאָגט בעלאַ. אויסער איר געפֿינען זיך אין קבוצה 30 מיידלעך פֿון עלטער פֿון 22־18.

אין דעם צוזאַמענקונפֿט פֿון די קבוצים, וואָס איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן ראש השנה, איז אויך דערשינען די קבוצה, מיט איר פֿאָן. בעלאַ איז געשטאַנען דירעקט פֿאַר מיר, און ווען די דרייסיק מיידלעך האָבן איינגעבויגן זייערע קעפּ „אין אָנדענק פֿון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס״, האָב איך פֿאַר זיך געזען דרייסיק יתומות, וואָס האָבן מיט די אייגענע אויגן צוגעזען דעם טויט פֿון זייערע עלטערן.

דער „מאָנאַסטיר״ דאָס נזירים־הויז — מיט די ענלעכע נעמען באַצייכנט מען די קבוצה. דאָס איז שוין אַן אַלטער מנהג אויך אין ארץ־

[1] זע זייט 134.

ישראל. און דאָך קומט יעדערער אין קבוצה־הויז, וואָס דינט ווי אַ צענטער פֿאַר דעם גאַנצן לאַגער.

בעלאָס, מאַניטשקעס, פּאַלאָס — הונדערטער יידישע טעכטער פֿון פּוילישע שטעטלעך. אָבער ווי גבורהדיק זיי האָבן געקעמפֿט, ווי קלוג זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון די פֿאַרניכטונגס־לאַגערן, און ווי זיי רייסן זיך איצט צו עליה.

ניין, אַלץ איז נאָך נישט דערציילט געוואָרן. ווען איך האָב גערעדט מיט איינער פֿון זיי, האָב איך געהערט די דערשיטערנדיקע געשיכטע פֿון דעם לעבן פֿון אַ מיידל, וואָס האָט העכער צוויי יאָר געאַרבעט אין אַ דייטשישער קאָמענדאַנטור אַלס אַ שליחה פֿון די פּאַרטיזאַנען.

איך האָב איר געפֿרעגט: האָסטו פֿאַרשריבן דיינע איבערלעבונגען? האָסטו געהאַלטן אַ טאָג־בוך? זי האָט געלאַכט, ווען זי האָט געענטפֿערט: איך קען דען שרייבן? אפֿשר ווען איך וועל קומען קיין ארץ־ישראל און וועל זיך אָפּרוען אַביסל, וועל איך זיך דערמאָנען און וועל שרייבן.

אַלע נויטיקן זיי זיך אין רו.

און נאָך אַ באַלערנדע דערשיינונג. פֿרומע מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט צווישן די פּאַרטיזאַנען און האָבן געהונגערט, נאָר קיין טריפֿה האָבן זיי ניט געוואָלט עסן. ס'איז דאָ מער ווי איין פֿאַל אַזאַ.

וועגן איינער אַזאַ ווערט דערציילט ווי זי האָט אָרגאַניזירט די פּרויען אין אַלע לאַגערן, וועלכע זי איז דורכגעגאַנגען — אַ מיידל מיט אַ תמימות־דיקן גלויבן און אַ פּשוטן לעבנס־שטייגער און דאָך אַזוי געניט און פֿעסט אין ענינים פֿון אָרגאַניזאַציע. זי האָט געהערט צו „אגודת ישראל".
„אין מיין אָרגאַניזאַציע איז מען מיך חושד געווען אין איבעריקן ציוניזם; און די ציוניסטן האָבן מיך געהאַלטן פֿאַר איבעריק אגודת ישראל. און איך... איך וויל קיין ארץ־ישראל. איך האָב ניט קיין אַנדער אָרט אין דער וועלט."

ווער וועט אונדזער דור דערציילן וועגן די אַלע? ווער וועט זיי אויס־שטעלן אַלס ביישפּיל פֿאַר אַנדערע גליקלעכע קינדער וואָס ווייסן ניט דעם טעם פֿון גלות און ווייסן ניט וואָס איז פֿאַרגעקומען דאָרט? און מיר? מיר ווייסן אויך נאָך ניט אַלץ.

מקורים

אדם, גיטאות ורשה־צ׳נסטוכוב, מרחביה 1945
אהרן ברגדס, קץ היהודים במערב פולין, מרחביה 1945
דורך פייער און בלוט, ניו־יאָרק, 1944
ברכה חבס, מכתבים מן הגיטאות, תל־אביב, תש״ג
חברות בקבוץ, עין חרוד, תש״ד
חנציה ופרומקה, עין חרוד, תש״ה
מפרשת השואה, תל־אביב, 1945
מ. ניישטט, חורבן ומרד של יהודי ורשה, תל־אביב, 1946
א. סוצקעווער, די פעסטונג, ניו־יאָרק, 1945
קול דמי אחים, תעודות מגיטאות, תל־אביב, תש״ג
רניה, בנדודים ובמחתרת, עין חרוד, תש״ה
ל. שפיזמאַן, די געטאָס אין אויפשטאַנד, ניו־יאָרק, 1944
„דבר״, „דבר הפועלת״, „משמר״, „מבפנים״, „צרור המכתבים״, „בהסתדרות״, „הפועל הצעיר״, „ידיעות התנועה לאחדות העבודה״, „אידישער קעמפער״, „דער פוילישער ייד״, „פיאָנערן פרוי״